STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02279

PARIZSHER KOMUNE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[9 : 323 . (44) „1871"]

פאריזשער קאמונע

זאמלונג

קאאָפּעראטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
קיעוו—1925

מעלוכע-טרעסט „קיעוו-דרוק"
4-טע דרוק. וואראוושקע גאס 42.
באשט. 1365 געדרוקס 4000 עקז.
(ע. ד. פ. קיעוו № 6485).

פון רעדאקציע.

ביז היינט פארמאָגן מיר נאָך ניט אין דער אידישער ליטעראטור קיין שום פאָפולערע מאַטעריאלן צו דער געשיכטע פון פאריזשער קאמונע. די נויט אין אזא פאָפולערן בוך, וועלכער זאָל געבן ניט נאָר א באשרייבונג פונם 1781 יאר, נאר אויך די געהעריקע באלויכטונג און אָפּשאצונג פון יענער עפּאָכע, איז בא היינטיקן טאג באזונדערס גרויס. אויסלערנען די דערפארונג פונם העלדישן קאמף פון פאריזשער פראלעטאריאט, געבן אים א ריכטיקע אפשאצונג און מאכן פון אים די ריכטיקע אויספירן — דאס איז איצט א אקטועלע אופגאבע פון רעוואלוציאנערער דערציאונג.

מיר האבן דעריבער געפונען פאר נויטיק ארויסלאזן דידאזיקע זאמלונג, וואס אנטהאלט א ריי אַרטיקלען, באשרייבונגען און מאטעריאלן וועגן די געשעענישן פון 1871-טן יאָר, וועגן דער ארבעט פון דער קאמונע, וועגן איר קאמף און איר אונטערגאנג. אין דער זאמלונג ווערט אויך געגעבן א ריי ארטיקלען, וואס שאצן אפּ די געשעענישן און די דערפארונג פון דער קאמונע אין דער ליכט פון אונזער צייט.

די זאמלונג הויבט זיך אן מיט פריטשעס פאפולערע באשרייבונג, וועלכע כאפּט ארום אין קורצן דעם גאנצן פעריאד פון פאריזשער קאמונע. ווייטער ווערן געגעבן איינצלנע מאמענטן פונם קאמף אין דער באשרייבונג פון ל. דיובריייל. (די אנטוויקלינג פון די געשעענישן, דער קאמף צווישן פאריזש און ווערסאל, די ארבעט פון דער קאמונע און דער אנהויב פון איר אונטערגאנג).

די פראגמענטן פון ארנו („די העלדן פון דער קאמונע") און פון ליסאגאָרע („דער ווייסער טעראר") געבן א לעבעדיקן בילד פון דער העלדישקייט פון די קאמונארן און פון דער ווילדער נעקאמע פון ווערסאל.

ס'ווערן אין דער זאמלונג אויך געבראכט דאקומענטן און מאטעריאלן (דעקרעטן און אופרופן), וואס כאראקטעריזירן די טעטיקייט פון דער קאמונע.

א באזונדער ארט איז אפּגעגעבן דער וויכטיקער ראל, וואס די רעוואלוציאנערע פרוי האט געשפּילט אינם העלדישן קאמף פון פאריזשער פראלעטאריאט. אינם קאפיטל „די פרוי אין דער קאמונע" וועט דער לייענער געפונען היסטארישע דאקומענטן, פראגמענטן פון קינסטלערישע ווערק און אנדערן מאטעריאל, וואס שילדערט די רעוואלוציאנערע קאמפּס-פייאיקייט פון דער פראלעטארישער פרוי און איר איבערגעבנקייט צו דער אידעע פון קאמונע.

אין דער זאמלונג איז אויך געגעבן געווארן מאטעריאל, וואס באלויכט די באציאונג צו דער פאריזשער קאמונע מיצאד דער פראווינץ.

צום שלוס ווערן געבראכט 2 ארטיקלען פון די כ"כ לוקין און טראצקי, וואס ווייזן אן און קלייבן זיך פאנאנדער אין די גרונט-טאעסן פון דער פאריזשער קאמונע און אין די סיבעס פון איר אומקומען. ס'ווערן געגעבן אויסצוגן פון לענינס „מלוכע און רעוואלוציע" (געקורצט) און פון קארל מארקס „בירגער-קריג אין פראנקרייך", וואס באטראכטן די קאמונע, ווי די ערשטע ארבעטער-רעגירונג.

דאס בוך גיט אזוי ארום אין א פאפולערער פא"ם די גר נט-מאמענטן פון דער געשיכטע פון פאריזשער קאמונע און אויך די אפשאצונג פון איר דערפארונג, וואס איז געמאכט געווארן דורך מארקסן און לענינען.

דער מאטעריאל איז גענומען טיילווייז דירעקט פון די אנטשפרעכנדע ווערק, טיילווייז פון זאמלונגען וועגן דער פאריזשער קאמונע, וואס זיינען ארויסגעגעבן געווארן אין רוסיש.

וו. פריטשע

פּאַריזשער קאָמונע

18-טער מאַרט — 27 מאַי 1871 יאָר

I

פּאַריזשער אַרבעטער-רעוואָלוציע פון 1871 יאָר איז, פּונקט ווי אונזער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע פון 1917 יאָר, געקומען נאָך אַ מילכאָמע, פון מילכאָמע איז זי געבוירן געוואָרן. אין פראַנקרייך איז (פונם 1851 יאָר) אַפן קעניג-שטול געזעסן אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָן דער III-טער, נאַפּאָלעאָן דעם I-טנס פּלימעניק. דער אימפּעראַטאָר האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין לאַגע איז ניט פעסט, ער האָט געזעען, אַז די בורזשואַזיע איז מיט אים ניט צופרידן און אַז נאָך מער זיינען מיט אים ניט צופרידן די אַרבעטער, און — האָט זיך דערשראָקן פאַר אַ רעוואָלוציע. דאָ האָט ער זיך צוגעאיילט באַלד דערקלערן אַ מילכאָמע מיט פּרייסן און געהאָפט, אַז ס'וועט זיך אים איינגעבן נאָכציען נאָך זיך דאָס גאַנצע פאָלק. (אויך ניקאָלאַי דער II-טער האָט אַנטייל גענומען אין דער וועלט-מילכאָמע נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאפט אַזוי ארום צו לעשן די אַרבעטער-רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט אין פּעטערבורג). די נאַפּאָלעאָנישע מיליטער-לייט און מיניסטאָרן זיינען געווען פּונקט אזוי שלעכט צוגעגרייט צו דער מילכאָמע און האָבן זי פּונקט אַזוי שלעכט געפירט, ווי ניקאָלאַיס גענעראלן. דאָס פּרייסישע מיליטער האָט גאָר איינגיכן אנטגילטיק צעקלאַפּט די נאַפּאָלעאָנישע אַרמיי (בא סעדאַן), און גענומען אין געפענקעניש דעם אימפּעראַטאָר אליין. די מאַפּאָלע פון נאַפּאָלעאָן דעם III-טן האט דער גאַנצער באַפעלקערונג געעפנט די אויגן אף דער צעפוילקייט פון דער, מיט גאָלד באַפּוצטער, אימפּעריע, און דאָס פאָלק איז אופגעשטאַנען קעגן אָט דער אימפּעריע מיט דערזעלבער איינייטלאַכקייט, מיט וועלכער די רוסלענדישע באַפעלקערונג איז אופגעשטאַנען קעגן ניקאָלאַי דעם בלוטיקן, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן צעשלאָגן אונזער אַרמיי.

4-טן סענטיאַבר 1870 יאָר איז אין פּאַריזש פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע, וועלכע איז דורכגעגאַנגען אָן בלוטפאַרגיסונג און אַפילע אָן קאַמף. די פּראָווינץ האָט דאָ אויך אונטערגעהאַלטן די הויפּשטאָט. דער אימפּעראַטאָר איז דערקלערט געוואָרן פאַר נידערגעוואָרפן, פראַנקרייך איז געוואָרן אַ רעפּובליק (אַזוי ווי אין 1792 און אין 1848 יאָר).

ווער-זשע האָט דאן אויסגענוצט די מאַכט, וואָס איז ארויסגעפאַלן פונם אימפּעראַטאָרס הענט?

די אַרבעטער פון פראנקרייך ביכלאַל, און פון פּאַריזש, ביפראַט, זיינען נאָך קימאַט ניט געווען אָרגאַניזירט און בלויז איינציקע פון זיי האָבן פארשטאַנען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז אַ באַזונדער קלאַס, מיט זיינע אייגענע צילן און אידעאַלן. עמעס, אין לאָנדאָן איז נאָך מיט זעקס יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן די צווישנפעלקערלאַכע אַסאָציאַציע פון

אַרבעטער (דער I-טער אינטערנאַציאָנאַל), וואָס האָט צוזאַמענגעקליבן אַרום זיך אַרבעטער פון אַלע לענדער אַף צו קעמפן מיט די קאַפּיטאַליסטן און מיט די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען אין נאָמען פון פולשטענדיקער באַפרייאונג פונם פאַרשקלאַפטן פּראָלעטאַריאַט. דער דאָזיקער קאַמפּס-פאַרבאַנד האָט געהאַט זיינע אָפּטיילונגען אויך אין די גרעסטע שטעט פון פראַנקרייך; זייער ווייניק אַרבעטער אָבער, זיינען אין פראַנקרייך געווען מיטגלידער פון אָט דעם אומלעגאַלן רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד. די פראַנצויזישע אַרבעטער האָבן אויך ניט געהאַט קיין אייגענע פּאַרטיי, וועלכע זאָל זיי קאָנען זאָגן, וואָס צו טאָן, ווי אַזוי און צוליב וואָס. ס'האָט, עמעס, עקזיסטירט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פון בלאַנקיסטן — אָנהייגער און נאָכפאָלגער פון דעם אַלטן, ערלאַכן און אויסגעפּרווטן רעוואָלוציאָנער בלאַנקי — נאָר דאָס איז אייגנטלאַך געווען ניט קיין אַרבעטער פּאַרטיי און נאָך ווייניקער א סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

ניט פאַרייניקט אין איין שטאַרקער אָרגאַניזאַציע, ניט אָנגעפירט פון אַן אייגענער אַרבעטער-פּאַרטיי, האָבן די פּאַריזשער פּראָלעטאַריער דעם 4-טן סענטיאַבר אָפּגעטראָטן די גאַנצע מאַכט דער בורזשואַזיע, וועלכע איז דערצו נאָך געווען צוקריגט מיט נאַפּאָלעאָן דעם III-טן און האָט געזאָלט, ווי ס'האָט זיך גערוכט, אקשאָנעסדיק ווייטער פירן די מילכאָמע מיט די דייטשן, וואָס די אַרבעטער און די שטאָט-בירגער האָבן עס געהאַלטן פאַר דער וויכטיקסטער אויפגאַבע פון יענעם היסטאָרישן מאָמענט. די בורזשואַזיע האָט אַרויסגערוקט פון אירע רייען א צייטווייליקע רעגירונג (ווי בא אונז נאָך דער רעוואָלוציע פון פעווראַל-מאַרט), אין וועלכער ס'זיינען אריינגעגאַנגען מענטשן, וואָס האָבן אַלע ווי איינער פיינט געהאַט דאָס פאָלק, פיינט געהאַט דערפאַר, ווייל זיי האָבן פאַר דעם מוירע געהאַט. (פאַוור, סימאָן, גענעראַל טראָשיו א. א.)

אין וואָס-זשע איז באַשטאַנען די הויפּט-אויפגאַבע פון אָט דער צייטווייליקער בורזשואַזער רעגירונג? קלאָר,—אינם פירן ווייטער די מילכאָמע, דעריבער טאַקע האָט זי באַקומען דעם נאָמען: די רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג”.

דאָ איז נויטיק אָנצווייזן אַף א וויכטיקן אונטערשיד צווישן דער דאַמאָלסדיקער לאַגע אין פראַנקרייך און צווישן די געשעענישן פון 1917 יאָר אין רוסלאַנד. בא אונז איז קעגן מילכאָמע געווען די גרעסטע מערהייט פון אַרבעטער און פּויערים, וועלכע האָבן געזען באַשיימפּערלאַך, אַז די מילכאָמע ווערט געפירט צוליב די אינטערעסן פון א הייפל קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, און דעם פאָלק קאָסט זי שוין צו טייער. די בורזשואַזיע, פאַרקערט, איז געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר א מילכאָמע ביזן סאָף, ווייל זי האָט געהאָפט ניסאַשער צו ווערן בעשאַס דער מילכאָמע און געניסן פונם רויב, נאָכדעם ווי די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן.

גאָר אַנדערש איז עס געווען אין פראַנקרייך. די אַרבעטער און דאָס קליינבירגערטום האָבן געגאַרט ווייטער צו פירן די מילכאָמע מיט די פּרייסן, ווייל איצט האָבן זיי שוין געקעמפט ניט צוליב דער געהאַסטער אימפּעריע, נאָר צוליב דער רעפּובליק — קעגן דעם כאַיעל פון פּרייסישן קעניג. און פאַרקערט — די בורזשואַזיע האָט ניט געגלויבט אין דער מעגלאַכקייט פון א ווייטערדיקן ווידערשטאַנד און האָט געשטרעבט, וואָס גיכער אומצוקערן זיך צו אירע מיסכאָרים און פאַבריקן, וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן דורך דער מילכאָמע (דעמאָלט איז נאָך ניט געווען אָט די מילכאָמע-אינדוסטריע, וועלכע האָט זיך אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט בעיים דער וועלט-מילכאָמע). זי איז געשטאַנען דעריבער פאַר שאָלעם, אום יעדן פּרייז!

אָט פאַרוואָס די רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג” האָט גאָרנישט ניט געטאָן, קעדיי צו אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פון לאַנד. נאָך מער: די רעגירונג האָט אָנגעהויבן

שרעקן זיך פאַר אירע אייגענע אַרבעטער מער, ווי פאַר די פרייסן. דעריבער האָט זי זיך אַלץ מער און מער גענויגט צו דעם געדאַנק, אַז ס'איז בעסער שאָלעם צו מאַכן מיט דעם אויסערלאַכן פיינט, איידער געבן אַ מעגלאַכקייט צו פאַרשטאַרקן זיך דעם אינערלאַכן סוינע.

דאָס דייטשע מיליטער האָט דערווייל זיך דערנענטערט צו פאַריזש און האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַן אייזערנעם רינג. ניט געקוקט דערויף, וואָס אין פאַריזש איז געווען ניט ווייניק כאַיעל און גענוג האַרמאַטן, ניט געקוקט, וואָס די שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַרטל פון שטאַרקע פאָרטן, איז דער רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג" פאָרט ליבער געווען צו ווערן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלן פאַראַט, און זי האָט אָנגעהויבן צו פירן מיט דער דייטשישער הויפּט-קאָמאַנדירונג אונטערהאַנדלונגען וועגן וואָפנשטילשטאַנד, וועגן אָפּגעבן די הויפּט-שטאָט. און אויב די אַרבעטער און שטאָטישע בירגער האָבן געוואָלט אויספירן זייערס, האָבן זיי געמוזט אַראָפּוואַרפן די ציטווייליקע רעגירונג. און אַזוי איז עס טאַקע געשען.

צוויי מאָל — 31 אָקטיאַבער 1870 יאָר און 22 פעוראַל 1871 יאָר — זיינען די אַרבעטער פון די פאָרשטעט מיט געווער אין די הענט אַרויס אין די גאַסן, כדי אַראָפּצוּוואַרפן די רעגירונג, די בורזשואַזע רעגירונג פון נאַציאָנאַלן פאַראַט. ביידע אַרויסטרעטונגען זיינען אָבער דערשטיקט געוואָרן. די אַרבעטער-קלובן און די אַרבעטער-צייטונגען זיינען פאַרמאַכט געוואָרן און די אָנפירער — אַרעסטירט דורך דער רעגירונג. דערנאָך האָט די רעגירונג זיך געאיילט צו שליסן אַ שאָלעם אויף די שענדלאַכסטע תּנאָים. אויסער דעם, וואָס זי האָט אָפּגעגעבן עלזאַס-לאָטאַרינגיע און האָט גענומען אויף זיך איינצוצאָלן אַ קאָנטריבוציע פון 5 מיליאַרד, איז זי נאָך איינגעגאַנגען דערויף, אַז די דייטשן זאָלן פאַרנעמען אַ טייל פון פאַריזש. די אַרבעטער האָבן צוערשט געוואָלט מיט געווער אין די הענט ניט דערלאָזן די דייטשן אַריינצוקומען אין פאַריזש, נאָר זיי האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פון אָט דעם געדאַנק, כדי אויסצומיידן בלוטפאַרגיסונג. מ'האָט געהאַלטן, אַלזאָ, בײַ אונטערשרייבן דעם שאָלעם. נאָר אַליין טאָן עס, האָט די ציטווייליקע רעגירונג ניט געקאָנט. דאָס האָבן געדאַרפט טאָן נאָר באַפולמעכטיקטע דעפּוטאַטן, אויסגעווײלטע דורך דער גאַנצער באַפעלקערונג. ס'האָט אַזוי אַרום געדאַרפט צונויפגערופן ווערן — מיטן הסכּם פון די זיגער— אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אָדער אַ „נאַציאָנאַלע" פאַרזאַמלונג. די וואַלן זיינען באַשטימט געוואָרן אויפן 9-טן פעוראַל (1871 יאָר). דאָס אָרט, וווּ די פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען, האָט לעכאַטכילע געזאָלט זיין די שטאָט באָרדאָ, נאָר דערנאָך האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף ווערסאַל, ניט ווייט פון פאַריזש, אויף דער געוועזענער רעזידענץ פון די פראַנצויזישע קייסאָרים.

די פּויערים, וועלכע זיינען שוין מיד געווען פון דער מילכאָמע, זיינען צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע געשטאַנען פאַר שאָלעם. זיי האָבן דעריבער געשיקט אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אַזעלכע דעפּוטאַטן, וואָס וועלן שטימען קעגן מילכאָמע. געשיקט האָבן זיי בלויז פּריצים — אַדל-לייט, שוואַרצמייעניקעס, מאָנאַרכיסטן און רעאַקציאָנערן-פּריצים. דעריבער טאַקע האָבן די פאַריזשער דער „גרינדולקע" אַ נאָמען געגעבן פאַרזאַמלונג פון „דאָרפישקייט" — פון דאָרפס-טיפּשעס. די פאַריזשער איינוואוינער אָבער — אַרבעטער, קליינבירגער און מיטעלע בורזשואַ —, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די תּנאָים, וואָס די זיגער לייגן פאָר, זיינען אַ שאַנד פאַרן לאַנד, האָבן געגעבן זייערע דעפּוטאַטן אַ מאַנדאַט, זיי זאָלן, פאַרקערט, שטימען נאָר פאַר פאָרזעצן די מילכאָמע. די צאָל אָבער פון אָט די דעפּוטאַטן איז געווען אַ קליינע און זייערע שטימען זיינען דערטרונקען געוואָרן אין די שטימען פון דער „דאָרפישקייט" („קרויט-יונקערס").

די פֿראַגע פֿון מילכאָמע אָדער שאָלעם איז געווען ניט די איינציקע וואַנט צווישן פֿאַריזש און ווערסאַל. פֿאַריזש איז געשטאַנען פֿאַר א רעפּובליק, ווערסאַל איז געווען פֿאַר א מאָנאַרכיע. נאָר וויכטיקער פֿון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס די ווערסאַלער פֿאַרזאַמלונג האָט פֿיינט געהאַט די פֿאַריזשער אַרבעטער נאָך מער, ווי ס'האָט זיי פֿיינט געהאַט די פֿאַריזשער בורזשואַזיע. באַזונדערס האָט געפֿילט צו זיי סינע און מוירע דער אָנפֿירער פֿון דער ווערסאַלער רעגירונג, דער בייזער, פֿאַלשער און בלוטדורשטיקער טיער, וועלכער האָט שוין פֿריער ניט איינמאָל אָנגעכאַפּט פֿאַרן האַלדז דעם פֿאַריזשער פּראָלעטאַריאַט.

און ווערסאַל האָט באַשטימט צו דערשטיקן פֿאַריזש.

אזוי ווי די געשעפֿטן אין פֿאַריזש זיינען אין דער צייט, וואָס די שטאָט איז געווען באַלאַגערט פֿון די דייטשן, געגאַנגען זייער שלעכט און קיינער האָט ניט געהאַט קיין געלט, דעריבער איז דאָרט דערקלערט געוואָרן א מאָראַטאָריום (אָטסראָטשקע) אויף צאָלן וועקסלען און דירע־געלט. די ווערסאַלער פֿאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן אָפּצושאַפֿן אָט דעם מאָראַטאָריום, און דאָס האָט אוועקגעשטעלט אין א אויסערס שווערע לאַגע הונדערטער טויזנטער קוואַרטיראַנטן, קליינהענדלער און קליינע אונטערנעמער. פֿון דער צווייטער זייט, האָבן די אַרבעטער, וועלכע זיינען געבליבן אָן אַרבעטסלאָזע צוליב דעם, וואָס ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט די אונטערנעמונגען, אָנגעהויבן אַריינטרעטן אין מיליטער־דינסט אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, ווו זיי האָבן באַקומען א לוין פֿון אַנדערהאַלבן פֿראַנק (אַן ערעך 70 קאָפּ.) א טאָג, און דערפֿון האָבן זיי געדאַרפֿט לעבן מיט זייערע פֿאַמיליעס. און אזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז דער גאַנצער פֿאַריזשער פּראָלעטאַריאַט איז געווען באַוואָפֿנט. פֿאַר די קאַפּיטאַליסטן איז ניטאָ אָבער קיין מער שרעקלעכע זאַך, ווי א באַוואָפֿנט פֿאָלק. האָט די ווערסאַלער רעגירונג באַשלאָסן אָפּצונעמען בא דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, ד. ה. בא די אַרבעטער, זייער געהאַלט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַנטוואָפֿענען דעם פּראָלעטאַריאַט.

נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אין דער צייט פֿון דער מילכאָמע און באַלאַגערונג, האָבן די פֿאַריזשער אַרבעטער פּאַרטיק געמאַכט אויף זייער אייגענעם כעשבן ניט ווייניק האַרמאַטן, אויף וועלכע ס'זיינען געווען אַפֿילע אויסגעקריצט די נעמען פֿון די אַנטשפּרעכיקע באַטאַליאָנען. דאָס זיינען געווען האַרמאַטן, וואָס האָבן געהערט די אַרבעטער און מיט וועלכע די אַרבעטער האָבן שטאָלצירט. צעשיידן זיך מיט זיי האָבן די אַרבעטער בעשום אויפֿן ניט געוואָלט. נאָר אויב דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז באַוואָפֿנט מיט ביקסן, איז א טויטשרעק פֿאַרן פֿאַבריקאַנט און קאַפּיטאַליסט, איז דאָך נאָך שרעקלעכער פֿאַר זיי א פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטיצט זיך אויף האַרמאַטן.

מיטן העסקעם פֿון דער ווערסאַלער פֿאַרזאַמלונג האָט טיער דעם 17־טן מאַרט אָפּגעגעבן א באַפֿעל אָפּצונעמען בא דער גוואַרדיע אירע האַרמאַטן.

II

ס'איז געקומען דער 18־טער מאַרט.

ט'האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, די טיילן רעגירונגס־מיליטער האָבן זיך געלאָזט אין די אַרבעטער־פֿאָרשטעט אַריין. דאָרט זיינען נאָך אַלע געשלאָפֿן. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן פֿאַרנעמען די האַרמאַטן. די ערשטע האָבן אויפֿגעהויבן א גוואַלד די פֿרויען. גייענדיק איינדערפֿרי נאָך שפּייז, האָבן זיי דערזעען, ווי די סאָלדאַטן פֿאַרכאַפּן די אַרבעטער־האַרמאַטן, און האָבן אויפֿגעהויבן א ליאַרעם. א פּאַטרול פֿון דער גוואַרדיע האָט געגעבן א זאַלפּ און פֿון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן צונויפֿלויפֿן זיך די גוואַרדייער. די רעגירונגס־גענעראַלן האָבן באַפֿוילן שיסן, נאָר די סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט, און געבראַדערט זיך מיטן פֿאָלק.

אין אײנער פֿון די פֿאָרשטעט האָבן זיך די סאָלדאַטן צעבונטעװעט און האָבן אַפֿן אָרט צעשאָסן זײערע גענעראַלן (לעקאָנט און טאָמאַ): די רעגירונגס־גענעראַלן האָבן קעגן זײער װילן געמוזט כאַפּן צוריק. דאָס מיליטער האָט אָפּגעטראָטן. דער ניצאָכן איז געװען א פֿולשטענדיקער און אָן בלוטפֿאַרגיסונג. די גװאַרדיע האָט זיך פֿון די פֿאָרשטעט א לאָז געטאָן אין שטאָט אַרײַן און האָט דאָרט אָנגעהױבן צו פֿאַרנעמען די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, אײנעם נאָכן צװײטן. מיט פֿױקן און מיט פֿאָנען האָבן עטלאַכע באַטאַליאָנען דורכגעמאַרשירט פֿאַרבײַ דעם אױסערן־מיניסטעריום, װוּ ס'איז געזעסן טיער אַלײן. דערזעען דאָס, האָט דער אָנפֿירער פֿון דער רעגירונג לאַנג ניט געטראַכט און איז אַנטלאָפֿן קײן װערסאַל. נאָך אים האָבן גענומען אַנטלױפֿן די מיניסטאָרן, רעגירונגס־באַאַמטע, זשאַנדאַרמען און גװירים.

אַף מאָרגן אינדערפֿרי האָט זיך פּאַריזש אױפֿגעכאַפּט שױן אינגאַנצן א פֿרײַער. די אַרבעטער־רעװאָלוציע האָט דעם 18־טן מאַרט אין פּאַריזש געזיגט פּונקט אַזױ לײַכט, װי דעם 25־טן אָקטיאַבר אין פּעטראָגראַד.

19־טן מאַרט איז פּאַריזש געבליבן ניט נאָר באַפֿרײַט, נאָר אױך אָן א רעגירונג.

אגעװ, האָט זיך פֿאַר די לעצטע כאַדאָשים אין פּאַריזש באַװיזן אױסצובילדן אַ מין שטילע, ניט אָפֿיציעלע רעגירונג, װעלכע איז אַנערקענט געװען פֿון אלע אַרבעטער און פֿון דער גרעסטער טײל קלײנבירגער. נאָר זי אַלײן האָט זיך באַטראַכט װי א צײַטװײליקע מאַכט. דידאָזיקע רעגירונג איז אױסגעװאַקסן פֿון די פּראָלעטאַרישע מאַסן. די באַטאַליאָנען פֿון דער נאַציאָנאַלער גװאַרדיע האָבן צונױפֿגערופֿן אַן־אַלגעמײנע פֿאַרזאַמלונג פֿון זײערע דעלעגאַטן און האָבן אױסגעקליבן א אײגענעם צענטראַל־קאָמיטעט, און אָט דערדאָזיקער צענטראַל־קאָמיטעט, װעלכער איז באַשטאַנען פֿון קימאַט אומבאַװוּסטע מענטשן — אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, — האָט אין מעשאַך פֿון די לעצטע כאַדאָשים פֿון זיך פֿאָרגעשטעלט די עמעסע פֿאָלקס־מאַכט (דאָס האָט ער אײַנגעשטעלט דעם מאָראַטאָריום פֿאַר דירע־געלט און װעקסלען). װער זשע האָט, לױט דער מײנונג פֿון צענטראַלן־קאָמיטעט, געדאַרפֿט זײַן די באַשטענדיקע מאַכט פֿון פּאַריזש? די קאָמונע, ד. ה. די געמײנדע, די שטאָטישע זעלבסטפֿאַרװאַלטונג, אױסגעװײלט דורך אַן־אַלגעמײנער אָפּשטימונג. מ'האָט גערעכנט, אַז אױך אַלע איבעריקע שטעט און דאָרפֿס־באַצירקן װעלן אױסקלײַבן זײערע קאָמונעס, זײערע זעלבסטפֿאַרװאַלטונגען, װעלכע װעלן אײַנשטעלן צװישן זיך א געהעריקע פֿאַרבינדונג. פֿראַנקרײַך האָט געזאָלט װערן א פֿאַרבאַנד, אַ פֿעדעראַציע פֿון קאָמונעס. אָט פֿאַר װאָס די אַנטײלנעמער פֿון דער פּאַריזשער רעװאָלוציע פֿונעם 1871 יאָר טראָגן דעם נאָמען „קאָמונאַרן” אָדער „פֿעדעראַליסטן”.

גלײַך נאָכדעם, װי דאָס פֿאָלק האָט דעם 18־טן מאַרט אָפּגעהאַלטן דעם ניצאָכן, האָט דער צענטראַלער־קאָמיטעט פֿון דער נאַציאָנאַלער גװאַרדיע באַשטימט אָנצוגעבן אין דעמיסיע און ערקלערן װאַלן אין דער קאָמונע. אינם מאַניפֿעסט, װאָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלאַכט, איז געװען געזאָגט: „איר האָט אונז באַפֿולמעכטיקט צו אָרגאַניזירן די פֿאַרטײדיקונג פֿון פּאַריזש און פֿון אײַערע רעכט. פֿון דער מינוט אָן ענדיקט זיך אונזער פֿולמאַכט און מיר קערן זי אײַך אום צוריק. מאַכט גרײט און פֿירט גלײַך דורך אײַערע װאַלן”.

די װאַלן זײַנען באַשטימט געװאָרן אַפֿן 23 מאַרט. דער װערסאַלער פֿאַרזאַמלונג און דער װערסאַלער רעגירונג האָט די זאַך קלאַל ניט געלוינט. זײ האָבן ניט געקאָנט און ניט געװאָלט דערלאָזן, אַז אײַנצײַטיק מיט זײ זאָל אין לאַנד, אָדער אַפֿילע נאָר אין פּאַריזש, אָנפֿירן אַן־אַנדער רעגירונג, אױסער זײ. גרײטנדיק זיך צו אַ קאַמף מיט די פּאַריזשער אַרבעטער, האָט אָבער, דער װײַסגװאַרדײאישער ראָש, טיער נאָך ניט געהאַט בײַ זיך קײן כאַיעל. איז פֿאַר אים װיכטיק געװען ניט צודערלאָזן, אַז פּאַריזש זאָל זיך דערװײַל

אָרגאַניזירן. טיער האָט באַפוילן זיינע מערן (שעפן פון די ראַיאָנען), אַז זיי זאָלן אַראָפּרייסן אָדער, לעכאָל האַפאָכעס, פאַרציען די וואַלן. און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן. זיי האָבן אָנגעהויבן פירן מיט דעם צענטראַלן קאָמיטעט אונטערהאַנדלונגען און דערביי פאַרפירט סיכסוכים איבער דער פראַגע, ווער ס'זאָל דערקלערן די וואַלן: צי דער קאָמיטעט, צי זיי, צי ביידע צוזאַמען. און ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיט די אונטערהאַנדלונגען אַליין קאָן מען זיך ניט באַנוגענען, האָט די בורזשואַזיע גענומען אָרגאַניזירן קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, וועלכע זיינען אָבער גיך דערשטיקט געוואָרן דורך דער אַרבעטער-גוואַרדיע.

דאָך איז אויסגעקומען אַריבערצוטראָגן די וואַלן פונם 23-טן אפן 26-טן מאַרט. אין זיין אופרוף צו די וויילער (אַרבעטער) האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט געזאָגט: „בעסער פון אַלע וועט אייך דינען דער, וועלכן איר וועט אויסוויילן פון אייערע מענטשן, וואָס לעבט מיט אייער לעבן, וואָס ווייטעקט מיט אייערע ווייטאָקן".

יעדע 2000 בירגער פון באַצירק האָבן געקליבן 1 דעפּוטאַט. אין די וואַלן האָבן אַנטייל גענומען 200.000 מענטשן. דידאָזיקע צאָל קאָן אויסזעען נישטיק פאַר א שטאָט מיט א מיליאָן באַפעלקערונג. מ'דאַרף אָבער געדיינקען, אַז די בורזשואַזיע איז געלאָפן פון פאַריזש און דער טייל, וואָס איז פאַרבליבן, האָט זיך אין די וואַלן ניט באַטייליקט, געשטימט האָבן בלויז די אַרבעטער-קוואַרטאַלן. די קאָמונע איז אַזוי אַרום ווירקלאַך געווען א אַרבעטער-רעגירונג. ס'זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 90 מיטגלידער. די רייכע קוואַרטאַלן האָבן געשיקט טיערס מעשאָרסים, די פאָלקס-מאַסן האָבן געשיקט רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן, וואָס האָבן „געלעבט מיטן לעבן" און „געווייטעקט מיט די ווייטאָקן פון די מאַסן". דאָסראָוו מיטגלידער פון דער קאמונע זיינען געווען פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ און פונם קליינבירגערטום. צווישן זיי זיינען געווען דעלעקליוז, בעלע, האמבאָן, פיאַ, פלוראַנס, ריגאָ, ווערמאָרעל, וואללעס, לעפראַנסע, וואַליאַן, פערדע, גרוססע, זשורד. אַרבעטער זיינען אין דער קאָמונע געווען בעסאַכאַקל 29, פון זיי — 13 מיטגלידער פון דער צווישנפעלקערלאַכער אַרבעטער-אַסאָציאַציע (1-טער אינטערנאַציאָנאַל) — סאָציאַליסטן. אָט זיינען די נעמען פון איינקע פון זיי — וואַרלען, מעליע, דיוואל, טעז, אווריאַל, ראַנוויע, פענדי, אַמורו, פרענקעל א. א.

28-טן מאַרט האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט איבערגעגעבן די מאַכט אין די הענט פון די אויסדערוויילטע פון פאַריזש, אָדער אַנדערש געזאָגט, אין דעם טאָג איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די פאַריזשער קאָמונע. אָט ווי דערדאָזיקער פייערלאַכער מאָמענט ווערט באַשריבן דורך איינעם אַן אַנטיילנעמער: „אַפן פלאַץ פאַרן ראַטהויז, אַף א עסטראַדע, דראַפירט מיט רויטן שטאָף, האָבן זפּגעהאַלטן זייער זיצונג די מיטגלידער פון צענטראַל-קאָמיטעט, אָנגעטאָן אין רויטע שאַרפן מיט זילבערנע פרענזן, אַלע אין דער אוניפאָרם פון נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. מער פון הונדערט טויזנט גוואַרדייער, וואָס באַצייטנס האָט מען זיי דערפון געגעבן צוּוויסן, זיינען זיך צונויפגעקומען צו דעם פלאַץ און האָבן פאַרנומען די ביי-ליגנדיקע גאַסן. א העלע זון האָט באַלויכטן אָט דאָס פּרעכטיקע בילד, געמינעט זיך אַף די שפּיזן, אַף די גאָלדענע און זילבערנע עפּאלעטן פון די אָפיצירן, און פאַרגאָסן מיט בלענדנדיקער שיין די פאָנען פון די באַטאַליאָנען, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום די גראַטעס, די פילפאַרביקע פאָנען (די רויטע פאָן האָט נאָך ניט אומעטום פאַרביטן די דריי-פאַרביקע פאָן פון סעדאַן און ווערסאַל). ווען דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אָנגערופן די נעמען פון די אויסדערוויילטע אין דער קאָמונע, ווען דער געהילך פון א זאַלפ האָט פלוצלינג אופגעטרייסלט די שטאָט, האָט זיך פון טויזנטער ברוסטן

ארויסגעריסן א פרייד-געשריי,—אזא צוזאמענגעגאסענע און אנטשיידענע פראקלאמירונג פון רעפובליק און קאמונע, וואס קיינער פון די, וואס זיינען געווען אף דעם יאנטעוו, וועלן עס אייביק ניט פארגעסן. הונדערט טויזנט ביקסן האבן א פלאם געטאן מיט הונדערט טויזנט פייערן און האבן זיך א הויב געטאן איבער הונדערט טויזנט אנטבלויזטע קעפ, האבן געגעבן א שווּע דעם פאלק — זיגן אדער שטארבן".

III

אט אזוי האט פאריזש שוין פונם 19-טן מארט אן געהאט זיין אייגענע רעגירונג, א רעגירונג פון א זעלבסטפארוואלטנדיקער קאמונע. וואס זשע האט אט די רעגירונג אופגעטאן.

אופגעטאן האט זי גאר ניט פיל. דערצו זיינען געווען ניט וויניק סיבעס. ריישיס קאל, זיינען קיין טוער ניט געווען. די רעגירונגס-באאמטע זיינען קימאט אלע אנטלאפן פון פאריזש צוזאמען מיט טיערן, „ניט אין שטאטראט, ניט אין די מיניסטעריומס, ניט אין די מעריעס (צירקלען) איז ניט פארבליבן קיין איין באאמטער. — אזוי דערציילט איינער פון די מיטגלידער פון דער קאמונע. — אף אופצוזוכן עפעס א פאפירל, האט מען זיך געמוזט ווענדן צום הויז-באדינער, אויב ער איז נאר געבליבן אפן ארט, אדער מ'האט געדארפט פארלירן גאנצע טעג אף צו געפינען די מינדסטע זאך, וואס מ'האט אומיסטן באהאלטן אדער אוועקגעטראגן". אזוי איז געווען די לאגע אין מיניסטעריום פון אויסער-לאנדישע ענינים און אין קריגס-מיניסטעריום. די איינצלנע באאמטע, וואס זיינען פאר-בליבן אף די ערטער, האבן מיט אלע מעגלאכקייטן געשטערט דער ארבעט, האבן סאבאטירט, האקלאל, די באאמטע, אנגעשטעלטע און אינטעליגענץ האבן זיך אין פאריזש געהאלטן נאך דער ארבעטער-רעוואלוציע פונקט אזוי מיעס און פרעך, ווי בא אונז נאכן אקטיאבר-ניצאכן פון דעם פראלעטאריאט. פאר דער ארבעט האבן זיך גענומען מענטשן, וועלכע זיינען ניט שטענדיק געווען צוגעפאסט צו איר, מענטשן, וואס האבן זיך דאס גאנצע לעבן זייערס פארנומען מיט פאליטיק, אדער יונגווארג, וואס האט ניט פארמאגט קיין שום ארגאניזאציאנס-פייאיקייטן. ס'האט זיך געפילט א מאנגל אין טוער און די, וואס האבן זיך אין דער ארבעט ארייגעטאן, זיינען געווען איבערגעלאדן ביז דער העכסטער מאד-רייגע און געווען מיד. איינער א מיטגליד פון קאמונע דערציילט: „מיר פלעגן האבן זיצונגען צוויי מאל א טאג — 2 אזייגער און ביז שפעט אין דער נאכט. אויסער דעם האט יעדערער פון אונז אנטייל גענומען אין איינער פון די קאמיסיעס, וואס האבן אויסגעפירט די ארבעט פון די מיניסטעריומס, יעדערער האט געדארפט פארוואלטן מיט איינעם פון די אפטיילן: פון קריגס-עניאנים, שפייז-עניאנים, אויסערלאכע באציונגען, פאליציי, האנדל און אויסטויש א. א. וו. און דאס פארוואלטן אליין איז געווען גענוג אף איינצוּשלינגען אלע קרעפטן פון א מענטשן. פון דער צווייטער זייט, זיינען מיר געווען בירגערלאכע אפי-צערן, וועלכע האבן געמוזט פארוואלטן מיט אנטשפרעכנדיקע קרייזן. א סאך פון אונז זיינען געווען קאמאנדירן פון דער נאציאנאלער גווארדיע און צווישן אונז איז ניט געווען קיין איינער, וועלכער זאל ניט דארפן אלע מינוט לויפן צו די אוואנפאסטן, זיין אף די פאזי-ציעס, אונטערוואַרעמען, אופמונטערן די קעמפער, אויסהערן זייערע פאדערונגען, באפרי-דיקן זיי". ס'איז קיין ווונדער ניט, וואס אסאך פון זיי האבן זיך ניט אויסגעטאן אין מעשאך פון צוויי כאדאשים. עטוואס ענלאכעס האט זיך איבערגעכאזערט אויך בא אונז נאך דער אקטיאבר-רעוואלוציע.

דערצו איז נאך אין דער קאמונע גופע ניט געווען קיין איינהייטלאכקייט, ס'האט געפעלט א באשטימטער פלאן פון ארבעט, ס'איז ניט געווען קיין פראגראם. עמעס, די קאמונע האט פארעפנטלאכט א מאניפעסט, קיין פראגראם אבער איז אין אים ניט געווען.

די מיטגלידער פון דער קאָמונע האָבן זיך גיך צעטיילט אויף צוויי פראַקציעס, צווישן וועלכע עס פלעגן פאָרקומען שטענדיקע מאַכלוקעסן. די מערהייט, וועלכע איז באַשטאַנען, הויפּטזאַכלעך, פון פאָרשטייער פונעם קלייןבירגערטום און אינטעליגענץ, הגם ס'איז געווען צווישן זיי אַרבעטער אויך, האָבן באַטראַכט די קאָמונאַלע רעוואָלוציע בלויז ווי א פּאָליטישע איבערקערעניש, וועלכע טאָר ניט אָנרירן די יעסודעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. לויט זייער מיינונג, האָט די רעוואָלוציע געדאַרפט בלויז איינשטעלן א רעפּובליק און דעצענטראַליזירן די אָנפירונג — ד. ה. פאַרוואַנדלען פראַנקרייך אין א פעדעראַטיוון רעפּובליקאַנישן פאַרבאַנד פון קאָמונעס (געמיינדעס) און נישט מער. די מינדערהייט — אַרבעטער און אינטעליגענטן — וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דער פּראָגראַם פון אינטערנאַציאָנאַל, האָט, פאַרקערט, באַטראַכט די מאַרט-געשעענישן ווי א רעוואָלוציע ניט נאָר א פּאָליטישע, ניט נאָר א קאָמונאַלע, נאָר אויך א סאָציאַלע, א זעלכע, וואָס דאַרף אויפן גרינטלעכסטן אויפן ענדערן די בורזשואַזע געזעלשאַפט, פאַרבייטן זי מיט א מעלוכע פון מי און אַרבעט. עמעס, ווען די מינדערהייט פלעג דורכפירן די אָדער יענע סאָציאַלע רעפאָרמען, פלעג די מערהייט ניט דערווידערן, נאָר געהאַלטן האָט זי זיי ניט פאַר איבעריק וויכטיק. די מערהייט איז געשטאַנען דערפאַר, אַז אַלץ און אַלע זאָלן זיך שטרענג אונטערוואַרפן דער רעגירונג פון דער קאָמונע. זי איז באַשטאַנען אַפילע דערויף, אַז די זיצונגען פון דער קאָמונע זאָלן זיין געהיימע. די מינדערהייט אָבער האָט אין דעם איינגעזען א איבערצייס מיט די מאַסן און האָט געפאָדערט, אַז דער צענטער זאָל זיין אונטערגעוואָרפן צו די ראַיאָנען. צווישן אָט די צוויי טיילן פון דער קאָמונע האָט געהערשט א פאַרביטערטע סינע. באַזונדער דיקטאַטאָריש, פאַראַקשנט און פיינטלאַך, האָט זיך געהאַלטן די מערהייט — קימאַט פון די ערשטע טעג, וואָס ס'איז ערקלערט געוואָרן די קאָמונע, און בפּרט אין די לעצטע וואָכן פון דער קאָמונע, בעת די לאַגע אירע איז געוואָרן אַלץ מער און מער ניט גינסטיק. ס'איז געווען נאָך א סיבע, וועלכע האָט געבראַכט צו זייערע שווערע רעזולטאַטן. אונזער ראַטן-רוסלאַנד האָט אַפילע אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין עקזיסטענץ זיך געשפּרייט איבער א באַדייטנדיקער טעריטאָריע, אַפילע דעמאָלט, ווען אויף אים זיינען אָנגעפאַלן פון אַלע זייטן — פון צאָפן און דאָרעם, פון מיזראַך און מייריעוו — די ווייסע גענעראַלן, די פאַררעטערישע עסערן און די אַנטאַנטישע מעשראַסים. ס'איז ניט נאָר מאָסקווע און ניט נאָר פּעטראָגראַד, פון אַלע זייטן באַלאַגערטע און שטייף פאַרקאָרקעוועטע. אונזער ראַטן רוסלאַנד האָט אַפילע אין די ערגסטע צייטן געהאַט די מעגלעכקייט זיך אָנצושפּאַרן אויף די אַרבעטער און פּויערים ניט נאָר פון מאָסקווע און פּעטראָגראַד, נאָר אויך פון אסאך אַנדערע גובערניעס. גאָר אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט דער פּאַריזשער קאָמונע. פּאַריזשער קאָמונע — דאָס איז נאָר פּאַריזש אַליין. עמעס, אין א גאַנצער ריי אַנדערע שטעט זיינען אויך פאָרגעקומען אויפשטאַנדן (אין מאַרסעל, ליאָן, קרעזאָ, נאַרבאָננאַ א. א.). עס זיינען דאָרטן אויך אויפגעקומען קאָמונעס, די באַוועגונג האָט אָבער דאָרט געדויערט ניט לאַנג — ס'איז אונטערגעקומען רעגירונגס-מיליטער און האָט אויפגעשטעלט דאָרט די פריערדיקע פּריציש-בורזשואַזע אָרדנונג. די פּראָווינץ האָט אין דער געהעריקער מאָס ניט געשטיצט די הויפּט-שטאָט. דערצו נאָך איז פּאַריזש געווען איינגאַנצן אָפּגעשניטן פונעם איבעריקן לאַנד. ארום דער שטאָט זיינען געשטאַנען אין א איינגער רינג: פון איין זייט דאָס דייטשע מיליטער, וואָס די קאָמאַנדירונג אירע איז געווען אויסגעשפּראָכן אויף דער זייט פון ווערסאַל, און פון דער צווייטער זייט — טיערס באַנדעס פון ווערסאַל. אַרומגערינגלט מיט אָט דעמדאָזיקן אייזערנעם רינג, האָט פּאַריזש מאַמעש ניט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען. די קאָמונע האָט ניט געקאָנט ניט פאַרבינדן זיך מיט דער פּראָווינץ, ניט געבן איר וועגן זיך צו וויסן. די ווערסאַלער

פאַרזאַמלונג, איין געשטאַלט פון אירע שוואַרצמייעדיקע דעפוטאַטן, האָט געוואָרפן שמוץ אַף די פּאַריזשער אַרבעטער, פאַרשפּרייט ווענן זיי מייסעס, וואָס ניט געשטויגן. די בורזשו-אַזע צייטונגען האָבן צעטראָגן עקלהאַפטע קלאַנגען וועגן דער קאָמונע און בייזע רעכי-לעס. די קאָמונע איז ניט אומשטאַנד געווען קעגן אָט דער העצע פון רעכילעס און ליגן צו קומען מיט איר עמעס. וואָס האָט דאָ געקאָנט אופטאָן איר אָפּטייל פון אויסערלאַכע באַציונגען, וואָס איז ספּעציעל געגרינדעט געוואָרן מיטן צוועק איינצושטעלן אַ פאַרבינ-דונג מיט דער פּראָווינץ און צוציען זי זיך צו הילף. אין דער צייט, ווען די שטאָט איז געווען אָפּגעשניטן פונם לאַנד דורך אַ קאָרדאָן פון דראָט און שפּיזן!

ארומגענומען מיט אַ אייזערנעם רינג פון סאָנים, פאַרלאָזט אַף העפקער דורך דער פּראָווינץ, האָט פּאַריזש ניט געלעבט, נאָר קוים געעטעמט.

צי האָט די קאָמונע באַ אַזוינע שווערע באַדינגונגען געקאָנט אַסאַך אופטאָן?

און צו דעם אַלעמען, איז איר באַשערט געווען צו עקזיסטירן — און דאָס איז די וויכ-טיקסטע — סאַכאַקל צוויי כאַדאָשים.

וואָס-זשע פאַר אַ פּאָליטיק האַט געפירט די קאָמונע?

מיר געדיינקען, אַז צווישן אירע מיטגלידער זיינען אינגאַנצן געווען 13 סאָציאַליסטן (זיי האָבן געאַרבעט מערנסטייל אין אָפּטייל פון האַנדל און אויסטויש). באַ אַזעלכע באַ-דינגונגען איז אוממעגלאַך געווען צו פירן אַ וואָסערע ס'ניט איז אַנטשיידענע סאָציאַלי-סטישע אָדער קאָמוניסטישע פּאָליטיק.

דאָך איז די קאָמונע אינסטינקטיוו געגאַנגען אַפן וועג פון שאַפן אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטס-אָרדנונג. זי האַט פאַריינפאַכט דעם מעלוכע-אַפּאַראַט, האַט פאַרקירצט די צאָל באַאַמטע-ליידיקגייערס, האָט אָפּגעשאַפט די הויכע סכירעס: אַפילע די פּאַראַנטוואָרטלאַכע מיטאַרבעטער פון דער קאָמונע האָבן באַקומען ניט מער פון אַ געוויינלאַכן אַרבעטס-לוין. זי האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן אָפּטיילן רעליגיע פון מעלוכע, האָט פּראָקלאַמירט וועלטלאַכע פאָלקס-בילדונג; זי האַט באַדייטנד פאַרגרינגערט די לאַגע פון אַרבעטס-לייט און קליינאייגנטימער דערמיט, וואָס זי האָט איינגעשטעלט אַ מאָראַטאָריום אַף דירע-געלט און וועקסלען-צאָלן. זי האָט געשטרעבט גרינגער צו מאַכן אויך די לאַגע פון די אַרבעטער. ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דעקרעט, וועלכער האָט פאַרווערט די נאַכט-אַרבעט פאַר בעקערס, ווי שעדלאַכע פאַרן געזונט.

דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, נאָך גאַנץ וויט פון סאָציאַליזם און נאָך מער פון קאָ-מוניזם. דער סאָציאַליזם פאָדערט פריער פון אַלץ, ס'זאָל אָפּגעשאַפט ווערן דאָס רעכט פון אייגנטום אַף ערד, פאַבריקן, קאַפּיטאַלן, הייזער. די קאָמונע האָט ניט געוואַגט אָנצו-רירן דאָס ערד-אייגנטום. קיין דעקרעט, וועגן דעם, אַז די גאַנצע ערד זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם פאָלק, האַט זי ניט אַרויסגעגעבן. עמעס, זי האָט זיך באַטראַכט ווי אַ רעגי-רונג בלויז פון פּאַריזש, נאָר אַפילע אין די גרענעצן פון פּאַריזש גופע, האַט די קאָמונע ניט אָפּגעשאַפט דאָס רעכט אַף פּריוואַט-אייגנטום. אין איר מאַניפעסט איז וועגן דעם באַשטימט און קלאָר גאָרניט געזאָגט געוואָרן. ווי אַ וויטער רעמוז דערוף קלינגט בלויז פאָלגנדיקע שטעל פון דעם אופרוף: „פּאַריזש לאָזט פאַר זיך איבער דאָס רעכט צו שאַפן אַנשטאַלטן, וואָס זאָלן קענען די מאַכט און דאָס אייגנטום מאַכן פאַר אַן אייגנס פונם קלאַל, לויט די פאָדערונגען פונם מאָמענט, לויטן ווילן פון די פאַראינטערעסירטע צדאָדים, און אַפן סמאַך פון דער דערפאַרונג". קיין דעקרעט אָבער וועגן אָפּשאַפן אין פּאַריזש די רעכט פון באַלעבאַטים און קאַפּיטאַליסטן, האָט די קאָמונע ניט באַוויזן אַרויס-צוגעבן. בלויז בענעגייע צו די וואַרשטאַטן, וואָס די אונטערנעמער זייערע האָבן זיי פאַר-לאָזט, בלויז וועגן די אונטערנעמונגען פון די אַנטלאָפענע קיין ווערסאַל, איז געווען

פאַרעפנטלאַכט א פאַראָרדנונג, אַז זיי זאָלן איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון „קאָאָפּעראַטיווע אַסאָציאַציעס פון די אַרבעטער, וואָס האָבן אין זיי „געאַרבעט" אין מאָל, אויב די באַלעבאַטים וועלן זיך צוריק אומקערן קיין פּאַריזש, דאַרפן געשאַפן ווערן ספּעציעלע געריכט-קאָמיסיעס, וואָס זאָלן איינשטעלן די גרייס פון דעם סכום, וועלכער דאַרף אָפּגעצאָלט ווערן די קאַפּיטאַליסטן. ס'האָט זיך אַזוי אַרום געהאַנדלט וועגן אויסקויפן אייניקע אונטערנעמונגען און ניט אָבער וועגן עקספּראָפּריאירן אַלע.

מיט איין וואָרט, אויב די קאָמונע האָט אפילע געהאַט בעדייע איבערצובויען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אין א סאָציאַליסטישער אַרבעטס-געזעלשאַפט, האָט זי עס אָנגעהויבן צו טאָן מיט פּאַמעלעך און נאָר טיילווייס. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די אַרבעטער פון פּאַריזש (און פון גאַנץ פראַנקרייך) האָבן נאָך ניט פאַרמאָגט דעם נויטיקן קלאַסן-באַוווסטזיין. שטאַרקער, ווי דער סאָציאַליסטישער געדאַנק, האָט זיך אין פּאַריזש געלאָזט פילן די אינטערנאַציאָנאַלע שטימונג. די קאָמונע האָט זיך פאָרגעשטעלט די פּאַריזשער אַרבעטער-רעפּובליק, ווי אַן אַלוועלטלאַכע רעפּובליק. אַלע נאַציעס האָבן געפונען א גאַסטפריינדלאַכן אופנאַם אונטער איר דאַך. 31-טן מאַרט האָט די קאָמונע באַשטימט אופצונעמען אין אירע רייען אַלע אויסלענדער, וואָס ווילן אהער אַריינטרעטן. אין די רייען פון די קאָמונאַרן האָבן געאַרבעט און געקעמפט אויך אויסלענדער — די פּאָליאַקן דאָמבראָווסקי און ווראָבלעווסקי, די רוסישע דמיטריעוואַ, דער אונגאַרער פרענקעל א. א.

אָט דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער קאָמונע האָט זיך באַזונדער שאַרף אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקער באַשטימונג אירער. — אַפן וואַנדאָמער פּלאַץ איז געשטאַנען א גרויסער מאָנומענט לעקאָוועד נאַפּאָלעאָן דעם 1-טן, וועלכער האָט געפירט מילכאָמע מיט דער גאַנצער וועלט, קעדיי צו פאַרברייטערן די גרענעצן פון פראַנקרייך. דאָס איז געווען א דיינקמאָל דער מיליטערישער גאַדלעס, דער אימפּעריאַליסטישער רויבערייַ — א דיינקמאָל ניט פון פאַרייניקן, נאָר פון צעשפּאַלטן פעלקער. דעם 12-טן אַפּריל האָט די קאָמונע באַשטימט צו פאַרניכטן אָט דעם מאָנומענט, ווייל, ווי ס'איז געזאָגט אין דעקרעט, „ער איז א דיינקמאָל פון ווילדקייט, א סימוואָל פון מעגושעמדיקער קראַפט, פון פאַלשער גאַדלעס, א אָפּלייקענונג פון צווישנפעלקערלאַכער רעכט, א שטענדיקע באַליידיקונג פאַר די באַזיגטע מיצאַד די זיגער, אַן אייביקער אָנפאַל אף איינעם פון די גרעסטע אידעאַלן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון XVIII יאָרהונדערט — אף דער ברידערשאַפט פון פעלקער". דער געדאַנק פון אראָפּוואַרפן דעם מאָנומענט האָט געהערט דעם קינסטלער, א מיטגליד פון דער קאָמונע — קורבע.

16-טן מאַי, 5 טעג פריער, איידער די ווערסאַלער באַנדעס האָבן זיך אַריינגעריסן קיין פּאַריזש, איז דערדאָזיקער דעקרעט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן.

אפן צווייטן טאָג איז אין דער „רעגירונגס צייטונג" פון דער קאָמונע, געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, וועלכער האָט דערקלערט דעם זינען פונם אָפּגעטאָנענעם. אין דעם אַרטיקל איז געווען געזאָגט:

„דער דעקרעט פון פּאַריזשער קאָמונע וועגן פאַרניכטן די וואַנדאָמער קאָלאָנע, איז נעכטן אויסגעפירט געוואָרן בא רוישנדיקע באַגריסונגען פון א גרויסן עולעם, וואָס האָט ערנסט און באַוווסטזיניק געקוקט, ווי סע ווערט צעבראָכן דער געהאַסטער דיינקמאָל לעקאָוועד דעם פאַלשן רום פונם ערגייציקן אומגעלומפּער.

„דער טאָג פונם 26-טן פלאָרעאַל (16 מאַי) וועט זיין איינער פון די שענסטע טעג אין דער געשיכטע, ווייל ער באַצייכנט אונזער צערייסן מיטן מיליטאַריזם, מיט אָט דעם בלוטיקן אָפּלייקענען אַלע מענטשן-רעכט.

„באָנאַפּאַרט דער ערשטער האט געבראכט פאַר אַ קאָרבן צו זיין אומגעשטילטער דורשט נאָך הערשאַפט מיליאָנען קינדער פונם פאָלק. ער האָט דערשטיקט די רעפּובליק אין דער צייט, וואָס ער האָט געגעבן אַ שוווּע זי צו פאַרטיידיקן. אַ קינד פון דער רע-וואָלוציע, האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט פּריווילעגיעס און מיט לעכערלעכער גאַדלעס פון קייסערלעכער מאַכט. מיט זיין נעקאָמע האט ער פאַרפאָלגט יעדן, וועמ ס'האט נאָר געוואגט צו דיינקען און שטרעבן צו ווערן פריי. ער האָט געוואָלט אָנטאָן אַן אייזערנעם רייף אויפן האַלדז פון פאָלק, קעדיי גאַיוועדיק צו געוועלטיקן איינער אין דער אַרומיקער אַלגעמיינער שיפלעס. דאָס זיינען די מייסים זיינע פאַר 15 יאָר.

די'דאָזיקע מייסים האָבן זיך אָנגעהייבן 18 בריומער דערמיט, וואס ער האָט געבראַכן זיין שוווּע, דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעדריקט אין שכיטעס, און פאַרענדיקט האָבן זיי זיך מיט צוויי אָנפאַלן, וואָס נאך זיי זיינען געבליבן אין לאַנד נאָר רויינען, לאַנג-דויערנדיקע גייסטיקע יערידע, פאַרקלענערטע פראנצויזישע טעריטאָריע און אַ יערושע אין געשטאַלט פון דער צווייטער אימפּעריע (נאַפּאָלעאָן דער III-טער), וועלכע האט זיך אָנ-געהויבן דעם 2-טן דעקאַבר און איז געקומען ביז דער שאַנד פון סעדאַן.

דער כּיווּו פון דער קאָמונע איז געווען אַראָפּצוּוואַרפן אָט דעם סימוואָל פון דעספּאָ-טיזם. זי האט דעם כּיווּו אויסגעפילט. דערמיט האָט זי באַוויזן, אַז ד ע כ ט שטעלט זי העכער פון קראַפט און האַלט מער פון גערעכטיקייט איידער פון האַריגעס, מעגן די לעצטע פירן אַפילע צו ניצאָכן.

זאָל יעדערער וויסן, די מאָנומענטן, וואָס די קאָמונע וועט אויסבויען, וועלן קיינמאָל ניט געשטעלט ווערן לעקאָוועד וואָסערן ס'ניט היסטאָרישן רויצייאַך, נאָר זיי וועלן אויס-קריצן אין זיקאָרן פון די קומענדיקע דורעס באַרימטע ניצכוינעס אין דער וויסנשאפט און דערגרייכונגען פון פרייהייט.

„זאָל דער וואַנדאָמער פלאַץ פון היינט אָן און וויטער הייסן דער א י נ ט ע ר נ אַ צ י-אָ נ א ל ע ר פּלאַץ".

IV

די פּאַריזשער קאָמונע האט עקזיסטירט נאָר 2 כאַדאָשים. פאַרוואָס-זשע איז זי אַזוי גיך אומגעקומען אונטער די קלעפּ פון די סאָנים? מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף אַ ריי סיבעס, וועלכע האבן אונטערגעריסן די קראַפט פון דער קאָמונע. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף איר אָפּגעריסנקייט פונם איבעריקן לאַנד, אויף די קנאַפּע אָרגאַניזירטקייט פון די אַר-בעטער-מאַסן, אויף דעם, וואָס ס'איז ניט געווען קיין שטאַרקע אָנפירנדיקע סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי. דאָס פּויערטום, פאַרפירט דורך די פּריצים און גאַלאָכים, האָט זיך צו פּאַריזש באַצויגן פיינטלאַך. סאָפּקאָלסאָף איז די קאָמונע געבליבן איינזאם אפילע אין פּאַריזש אליין. פונאָנהויב האָט זי געשטיצט די קליינבורזשואַזיע, און די מיטעל בורזשואַזיע האָט אויסגעוואַרט און געהאלטן נייטראַליטעט. ווען די קאָמונאַרן האָבן אבער אנגעהויבן צו ליידן מאַפּאָלעס אויפן שלאַכט-פעלד, ווען דאָס ווערסאַלער כאַיעל האט אנגעהויבן אַלץ נעענטער און נעענטער צורוקן זיך צו דער שטאָט, האט די מיטעלע בורזשואַזיע אוועקגעוואָרפן איר נייטראַליטעט, די באַציונג אירע איז געוואָרן אַ אויסגעשפּראָכן פיינטלאכע און זי איז איבערגעגאַנגען אויפן צאַד פון ווערסאַל. די קליינ-בורזשואַזיע, די געוועזענע פאַרבינדעטע פון דער קאָמונע, איז אויך צו איר אָפּגעקילט געוואָרן. ס'איז מעגלאַך, ווען די קאָמונע וואָלט באַצייטנס, ניט אַזוי שפּעט, אַרויסגעלאָזט אירע דעקרעטן וועגן מאַראַטאָריום פון צאָלן וועקסלען און דירע-געלט, וואָלט דאָס קליינ-בירגערטום — די קליינע אונטערנעמער און קליינהענדלער — געבליבן געטריי די אַרבעטער.

אויסער אָט די אַלע אומגינסטיקע באַדינגונגען, בײַ וועלכע ס׳האָט זיך אַנטוויקלט די טעטיקייט פֿון דער קאָמונע, מוז אָנגעוויזן ווערן אויך אויף באַשטימטע פֿעלערן, וואָס די קאָמונע איז באַגאַנגען. די קאָמונע האָט ריישיס קאָל געדאַרפֿט צונעמען בײַ דער ווייסגוואַרדייאישער ווערסאַלער רעגירונג יענע קראַפֿט, וואָס אָן איר קאָן ניט עקזיסטירן קיין איינציקע רעגירונג — דאָס געלט. די קאָמונע האָט געדאַרפֿט לעכאַטכילע אַרופֿלייגן איר האַנט אויפֿן פֿראַנצויזישן באַנק (ווי ס׳האָבן געטאָן די רוסישע אַרבעטער-באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן גלייך נאָך די אָקטיאַבער-געשעענישן פֿאַרכאַפּט אין זייערע הענט אַלע בײַנק און באַנקירעשע קאָנטאָרן). אַזאַ מיטל וואָלט מיטאַמאָל געמאַכט די רעגירונג פֿון „דאָרפֿישקייט" אומבאַהאָלפֿן און בלאָטלאָז. די קאָמונע האָט עס ניט געטאָן. די מערהייט פֿון דער קאָמונע האָט איבער איר איראָס-האַקאָוועד צו דער פֿראַנצויזישער קראַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע, וואָס איז בִּיכלאַל כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן קליינבירגערטום, באַנוגנט זיך נאָר דערמיט, וואָס זי האָט צום דירעקטאָר פֿון באַנק צוגעגעבן אירן אַ קאָמיסאַר, (דעם ערלאַכן זאָקן בעלע), וועלכער האָט ניט איינמאָל דערקלערט: „מיר דאַרפֿן זיך באַציִען מיט אַכטונג צום באַנק און צו אַלע זיינע רעכט. אויב די קאָמונע וועט פֿאַרכאַפּן דעם באַנק, וועט אינגאַנצן צעשטערט ווערן די אינדוסטריע, ס׳וועט אונטערגיין דער האַנדל". און די מערהייט פֿון דער אַרבעטער רעגירונג האָט זיך געלאָזט איבערצייגן פֿון די אַרויסגעזאָגטע אַרגומענטן.

איינצייטיק מיט דעמדאָזיקן פֿעלער אויפֿן פֿינאַנציעלן געביט, האָט די קאָמונע געמאַכט נאָך אַ רײַ שווערע פֿעלערן אויך אויפֿן געביט פֿון קריגס-איניאָנים. אין די מיליטער-אַנשטאַלטן האָט אין אַלגעמיין געהערשט אַ שרעקלאַכע אומאָרדנונג. דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ (קליוזערע), איז געווען אַ מאַלאַנטלאָזער און אַ ליידיקגייער. אין פּאַריזש איז געווען אַריבער צוויי טויזנט האַרמאַטן (צוזאַמען מיט די פֿאָרטן), נאָר געטויגט האָט פֿון זיי גאָר אַ קליינע טייל. דאָס צושטעלן קוילן צו די פֿאָרטן, צום שלאַכט-פֿעלד איז געווען אָוועקגעשטעלט זייער שלעכט. באַוואָפֿנטע פּראָלעטאַריער זײַנען אין פּאַריזש געווען אַריבער הונדערט טויזנט, נאָר אין די שלאַכטן האָבן אָנטייל גענומען ניט מער ווי 20 טויזנט מאַן, די גאַנצע צײַט אַלץ איינע און די זעלבע 20 טויזנט העלדן, וועלכע קיינער האָט ניט פֿאַרביטן. קיין שום אַלגעמיינעם פּלאַן, האָט די קאָמאַנדירונג ניט געהאַט און יעדע באַזונדערע טייל האָט זיך געשלאָגן גאַנץ זעלבשטענדיק. ס׳זײַנען אויך ניט געווען קיין גוטע אָפֿיצערן-ספּעציאַליסטן, אַזוינע האָבן זיך ערשט באַוויזן אין די לעצטע וואָכן, ווי אַשטייגער דער פּויל דאָמבראָווסקי א. א. שוין גאָר אין דעם לעצטן מאָמענט איז געקומען איינער (דער אָפֿיצער ראָסעל), וועלכער האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אָוועקצושטעלן די מיליטער-איניאָנים אויף בעסערע, געזונטערע יעסוידעס. די זאַך איז, וואָס די קאָמונאַרישע אַרמיי איז באַשטאַנען פֿון באַטאַליאָנען, וועלכע פֿלעגן צונויפֿגעשטעלט ווערן פֿון אַרבעטער פֿון אַ באַשטימטן ראַיאָן. די באַטאַליאָנען האָבן אַליין אויסגעקליבן זייערע קאָמאַנדירן, און די געהעריקע מיליטער-דיסציפּלין איז אין די באַטאַליאָנען ניט געווען. זיי האָבן זיך באַטראַכט ווי אָפּגעזונדערטע קרייזן, און האָבן געפֿונען פֿאַר נייטיק צו קעמפֿן יעדער באַטאַליאָן גאַנץ באַזונדער, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך שלאָגן נאָר פֿאַר זייערע אן אייגענע און ניט פֿאַר אן אַלגעמיינע זאַך.

באַזונדערס בולעט האָט זיך עס אַרויסגעוויזן אין די לעצטע טעג פֿון דער קאָמונע, ווען די ווערסאַלער זײַנען שוין אַרײַן אין שטאָט, ווען דער פֿעלד-קאַמף האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ באַריקאַדן-שלאַכט. ברעכנדיק יעדע דיסציפּלין, האָבן זיך די אַרבעטער-באַטאַליאָנען אַ וואָרף געטאָן, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך פֿריער וועגן דעם צונויפֿגערעדט, יעדערער צו זײַן פֿאָרשטאָט, צו זײַן ראַיאָן, קעדיי צו פֿאַרטיידיקן די זײַניקע.

קעגן אָט דער שטימונג און קעגן אָט די מעטאָדן פון מילכאָמע האָט געפּרוווט פירן א קאַמף דער געוועזענער אפיצער ראָסעל, וואָס איז געווען איינגעלאַדן צו פאַרוואַלטן מיטן הויפּט-שטאַב. ער האָט אויסגעאַרבעט א פּלאַן, ווי אזוי איבערצובויען די גאַנצע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פון דער קאָמונע און האָט געוואָלט שאַפן א גרונט-קערן פון א שטענדיקער רעגולערער אַרמיי מיט א שטרייַנגער מיליטער-דיסציפּלין, א מין יעסאָד פון א רויטער אַרמיי. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט זיך, ווי איין מענטש, געשטעלט קעגן אָט דעם פּלאַן, און ראָסעל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאַרוואַלטן מיטן שטאַב. עס זיינען געווען נאָך שעדלאכע פעלערן אין די מיליטער-איניאָנים, בעיס די רעגירונג איז דעם 18-טן מאַרט אַנטלאָפן, האָט די קאָמונע געדאַרפט פאַרנעמען אלע פאָרטן, וואָס האָבן פאַרטיידיקט פאַריזש. דער דעמאָלסטיקער קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, א שיקער און פאררעטער, האָט פאַרנומען אַלע פאָרטן אויסער איינעם, דעם וויכטיקסטן (מאָן-וואַלעריען), דעם, וואָס האָט געהערשט איבער דעם וועג פון פאַריזש קיין ווערסאל. טיער האָט פארשטייט זיך נישט דורכגעלאָזט דעמדאָזיקן פעלער און האָט געשיקט צו דעם פאָרט זיינע סאָלדאַטן. און בעיס די קאָמונאַרן האָבן שפּעטער אָנגעהויבן זייער אָנגריף אַף ווערסאַל, האָבן די הארמאַטן פון פאָרט מאָן-וואַליעריען געשאָסן זיי אין רוקן און האָבן אַוועקגעלייגט טויזנטער קאָמונאַרן. נאָר דאָס איז נאָך ניט אלץ. אין דעם טאָג פון 18-טן מאַרט, ווען דאָס פאלק האָט אָפּגעהאַלטן אזא לייכטן ניצאָכן, האָט די קאָמונע ארויסגעלאָזט פון שטאָט ניט נאָר די רעגירונג, ניט נאָר אַלע באַאַמטע, נאָר אויך טיערס אַרמיי. און דאָס איז געווען דער גרעסטער פעלער מיצאַד די אַרבעטער. די דיסציפּלין אין דערדאָזיקער אַרמיי איז געווען אינגאַנצן אונטערגעריסן, די סאָלדאַטן האָבן זיך געבונטעוועט קעגן די קאָמאַנדירן, קיין ווערסאַל זיינען זיי געגאַנגען אָן כיישעק, געגאַנגען, ווייל די זשאַנדאַרמען האָבן זיי געצווונגען. ווען דער קאָמונע וואָלט זיך איינגעגעבן פאַרהאַלטן זיי אין פאַריזש, פאַרייניקן זיי מיט די רייען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָלט די מערהייט זייערע געוויס געקעמפט אונטער איין פאָן מיט די קאָמונאַרן-ארבעטער. טיער וואָלט דאַן ניט געהאַט קיין מיליטער און וואָלט געמוזט וואַרטן, ביז די דייטשישע קאָמאַנדירונג וועט אָפּלאָזן די קריגסגעפאַנגענע. געגעבן אָבער טיערן א מעגלאכקייט אוועקפירן מיט זיך די סאָלדאַטן, האָט די קאָמונע אים דערמיט אויך געגעבן די מעגלאכקייט צו אָרגאַניזירן אַן ארמיי. טיער האָט אינגאַנצן אפּגעזונדערט די סאָלדאַטן פונם אַרומיקן לעבן און האָט זיי אָפּגעהיט פון יעטווידער פּאָליטישער ווירקונג. ער האָט זיי געהאָדעוועט ווי צו דער שכיטע און געפּאָיעט זיי מיט בראָנפן. אזוי אַרום האָט ער געשאַפן, ווי ער האָט זיך אליין באָרימט, איינע פון די „בעסטע" אַרמייען, וואָס פראַנקרייך האָט ווען פאַרמאָגט, א אַרמיי פון האַלבשיקערע און בלוטדורשטיקע קאַצאָווים, מיט וועלכער די קאָמונאַרן, בא דער מיליטער-אָרדנונג, וואָס בא זיי האָט געהערשט, זיינען ניט אימשטאַנד געווען צו קעמפן. נאָר אויך דאָס איז נאָך ניט אַלץ. האָט מען שוין דערלאָזט אזא פעלער און מ'האָט די סאָלדאַטן ארויסגעלאָזט פון שטאָט, האָט מען געדאַרפט וואָס גיכער גיין אַף ווערסאַל ביכדיי די וויסגוואַרדייער זאָלן ניט באַווייזן זיך צו אָרגאַניזירן. מ'האָט אָבער דאָס אויך ניט געטאָן. און ווען די קאָמונאַרן זיינען אריבער צום אָנגריף, איז שוין געווען שפּעט, דער מאָמענט איז געווען שוין דורכגעלאָזט. נישט געקוקט אַף דער איבערמענטשלאכער העלדישקייט פון א קליינעם הייפל קאָמונאַרן, האָבן די ווערסאַלער באַנדעס גערוקט זיך אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער שטאָט. איינער נאָכן צווייטן זיינען אַנשוויגן געוואָרן די פאָרטן. 21-טן מאי האָט פאררעטעריש געעפנט פאר די ווייסגוואַרדייער די טויערן פון פאַרזיש, קיינעם איז גאָר אפן זינען ניט ארוף, אז אזוינס זאָל מעגלאך זיין. די גאַסן, קאַפע און טעאַטערן זיינען געווען איבערפולט. אין טיוליערישן פאַרק האָט זיך פארזאַמלט

אַ גרויסער אוילעם אַפּן קאָנצערט לעטויוועס די פאַרוווּנדעטע קאָמונאַרן. א אָפיציר פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי איז אַרוף אף דער בינע און האָט רויק איינגעלאַדן דעם אוילעם קומען אף א צווייטן קאָנצערט; און אין דערזעלבער צייט האָבן זיך שוין די ווערסאַלער באַנדעס צעלאָזט איבער די גאַסן פון שטאָט. די קאָמונע האָט איבערגעריסן איר לעצטע זיצונג, און די מיטגלידער אירע זיינען אַוועק אין די פּאָרשטעט, קעדיי צו אָרגאַניזירן א באַריקאַדן-קאַמף.

V

א וואָך האָט געדויערט אָט דער העראָאישער קאַמף פון די רויטע מיט די ווייסע.

מיט א אויסערגעוויינלאכער העלדישקייט האָבן די קאָמונאַרן פאַרטיידיקט יעדער איינציק הויז, יעדער איינציקע גאַס, יעדע באַריקאַדע. איינער נאָכן צווייטן זיינען געפאַלן די העלדישע קעמפער, נאָכדעם, ווי זיי האָבן אויסגעשאָסן זייער לעצטן פאַטראָן, איינער נאָכן צווייטן זיינען פון די ווייסגוואַרדייאישע קוילן געפאַלן די געפאַנגענע פירער, געפאַלן לעבן דער וואַנט מיט א שטאָלצן אויסגעשריי!

— זאָל לעבן די מענטשהייט! זאָל לעבן די קאָמונע!

אין אָט דעם העלדנקאַמף האָבן פרויען קאָנקורירט מיט מאַנסבלען און באַזונדערט האָט זיך דאָ אויסגעטיילט די יוגנט.

אָט וואָס סע דערציילט איינער אן אנטיילנעמער פון דידאָזיקע טראַגישע, אומשטערבלאכע טעג:

„אף דער באַריקאַדע שאטא ד'אָ פאלט טויט א באָכער פון א יאָר 18, וואָס האָט געהאַלטן אין די הענט א פלאַטערנדיקע פאָן. דער צווייטער כאַפּט אונטער די פאָן, קלעטערט ארוף אף א בערגל שטיינער און שטרעקט אויס די פויסטן אין דער ריכטונג פון סוינע, וועלכן מ'זעט ניט אָן. מ'וויל צווינגען דעם אינגל ער זאָל אַראָפּגיין, נאָר ער זאָגט זיך אָפּ און בלייבט שטיין, ביז ער פאַלט אום פון א געטראָפענער קויל. די באַריקאַדע איז ווי א פארקישעפטע. א יונג מיידל, אָנגעטאָן ווי א מאַטראָס, א שיינע און א בליענדיקע, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר, שלאָגט זיך א גאַנצן טאָג. א קויל אין שטערן טויט זי צוזאַמען מיט אירע טרוימען. לעבן דער באַריקאַדע ליגט א געהאַרגעטער ווערסאַלער לייטענאַנט. קריכט א פּופּצניאָריקער באָכערל אריבער איבער דער באַריקאַדע, אונטער א ריעגן פון קוילן הויבט ער אוף דעם לייטענאַנטס קאָפּ, און ברענגט זי צוטראָגן צו די כאַווירים. אין אָט דער גאַסן-שלאכט האָבן קינדער ארויסגעוויזן אזוי פיל גווורע, וויפל ס'האָבן ארויסגעוויזן די דערוואקסענע. אף איין באַריקאַדע (אין דער פּאָרשטאָט טעמפּל) איז דער בעסטער שיסער געווען א קינד. די באַריקאַדע איז איינגענומען. אירע פאַרטיידיקער זיינען געשטעלט צו דער וואַנט. גייט צו דאָס אינגל צום אָפיצער און בעט אים, ער זאָל אים אָפּלאָזן אַף דריי מינוט: זיין מוטער וואוינט דאָ אַנטקעגן, וויל ער איר אָפּטראָגן דעם זילבערנעם זייגער,—זאָל זי כאָטש ניט אַלץ פאַרלירן. דער אָפיצער, גערירט, לאָזט אים אָפּ אין דער פולער איבערצייגונג, אז ער וועט זיך צוריק ניט אומקערן. אין דריי מינוט ארום הערט ער: „איך בין דאָ!" דאָס קינד גיט א שפרונג אַפּן טראָטואַר און שטעלט זיך מוטיק צו דער וואַנט לעבן זיינע צעשאָסענע כאַווירים"[1].

און דער מעכאַבער פון דידאָזיקע שורעס שרייט אויס:

„אומשטערבלאך איז פאַריזש, אויב אין אים וועלן געבוירן ווערן אַזעלכע מענטשן!"

---

1) דערדאזיקער עפיזאָר איז באשריבן דורכן גרויסן פראנצויזישן דיכטער וו. הוגאָ אין זיין ליד „צו דער באריקאדע".

וואָס זשע האָבן קעגן אָט דער גייסטיקער פּרעכטיקייט, קעגן אָט דער היסלאָוועסדיקער העלדישקייט פון פּראָלעטאַריאַט — מאַנסבלען, פרויען און קינדער — געקאָנט ארויסשטעלן די זיגער פון ווערסאַל, די פאַרשיקערטע פון פייער און בלוט טיערס טאַליאָנים?

זיי האָבן צעשאָסן דרייסיק טויזנט קאָמונאַרן, אַרעסטירט נאָך 38 טויזנט, צווישן זיי טויזנטער ארבעטערנס און פינף הונדערט קינדער, און האָבן פאַרשיקט ווייט איבערן אָקעאַן, אין ניי-קאַלעדאָניע, נאָך 28 טויזנט.

דער אַרבעטער-קלאַס פון פראַנקרייך — דער גרויסער, שיינער, שטאַרקער און העלדישער — איז געבליבן אף לאנגע יאָרן בלוטלאָז און געקעפּט.

אזוי איז געפאלן די פאַריזשער קאָמונע.

זי איז אומגעקומען, איידער זי האָט זיך צעבליט איידער זי האָט באַוויזן צו דערוואַרעמען דאָס לאַנד מיט איר וואָרעם, באַלייכטן עס מיט איר ליכט.

דאָס אָבער, וואָס ס'האָבן פאַרטראַכט און גענומען אויספירן די רויטע קאָמונאַרן פון פאַריזש, איז ניט געשטאָרבן צוזאַמען מיט זיי.

ווייניקער ווי פופציק יאָר נאָכדעם, האָבן זייער ביישפּיל איבערגעכאַזערט אין אסאך א גרעסערן מאַסשטאַב און מיט א גרעסערן ערפאָלג די אַרבעטער פון רוסלאַנד. זיי האָבן איבערגעכאַזערט דעם פּרווו פון זייערע פאַריזשער כאַווירים בא אסאך גינסטיקערע באַדינגונגען.

דער אַרבעטער קלאַס פון רוסלאַנד איז שוין געווען צוזאַמענגעשלאָסן און פאַראייניקט דורך דער גרויס-אינדוסטריע, ער האָט זיך שוין קלאָר אופגענומען ווי א באַזונדער קלאַס, וואָס זיינע אינטערעסן זיינען קעגנזעצלאך צו די אינטערעסן פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן. ער האָט שוין דורגעמאַכט א פּיליאָריקע פאַרטיי-שול און האָט שוין פאַרמאָגט זיין אויסגעהאלטענע פּאָליטישע ליניע.

לעהייפּעך דעם פּראָלעטאַריאַט פון פראַנקרייך, איז דער אַרבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד ניט געבליבן דער איינזאמער, פון אלעמען פאַרוואָרפענער קעמפער. אין זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָט אים אונטערגעהאלטן דאָס אָרעמסטע פּויערטום.

לעהייפּעך דעם פּראָלעטאַריאַט פון פראַנקרייך, איז דער ארבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד ניט געווען איינזאַם אויך פון יענער זייט גרעניץ. אין אַלע לענדער, וואָס זיינען צערודערט און רואינירט געוואָרן דורך דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, האָט ער געפונען מיטפילער, פריינט און מיטקעמפער. די אויסלענדישע כאַווירים זיינע האָבן אים ניט איינמאָל ארויסגעהאלפן אין די שווערע מינוטן פון זיין דויערנדיקן און פאַראַקשנטן קאַמף.

בא אָט די מער גינסטיקע באַדינגונגען האָט דער אַרבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד געקאָנט פאַרענדיקן דאָס, וואָס ס'האָט אָנגעהויבן דער פּראָלעטאַריאַט פון פאַריזש, דאָס הייסט: אוועקלייגן א פונדאַמענט פאַרן צווישנפעלקערלאכן פאַרבאַנד פון אַרבעטס-לייט, אוועקלייגן א פונדאמענט פארן דריטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די פאַריזשער קאָמונאַרן דאָס זיינען אונזערע פאָרקעמפער, אונזערע אויסשפּירער.

און דעריבער טאָרן מיר אָן זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. פאר אונז האָבן זיי געקעמפט און פאר אונז זיינען זיי אומגעקומען.

ל. דיובריייל

18-טער מארט

אין מעשאַך פון 15, 16 און 17-טן מאַרט האָט זיך די ויעגירונג געפּרוּווט, טייל־ווייז מיט גוטן, טיילווייז מיט שפּיצלאַך און מיט בייזן, צו פאַרכאַפּן אייניקע פון די אַרטילערישע פּאַרקן, וואָס די אַרבעטער האָבן אימפּראָוויזירט. באַזונדערס די, וואָס אויף וואָגעזער פּלאַץ און אויף מאָנמארט. דער שטאָט-מער קלעמאַנסאָ האָט געפונען פאַר זיין כויוו אַריינ־צומישן זיך אין דער זאַך און האָט געהאָפט אויף אַ פרידלאַכן אויסגלייך. ס'איז טאַקע געווען אַ מאָמענט, ווען ס'האָט זיך אים געקאָנט דאַכטן, אַז דאָס גיט זיך אים איין. סאָפ־קאָלסאָף אָבער, איז די זאַך אונטערגעריסן געוואָרן. אייניקע באַטאַליאָנען פלעגן נאָך. עמעס, פון צייט צו צייט אַריינטרעטן אין אונטערהאַנדלונגען. זיי פלעגן זיך אָבער באַלד באַדאַכטן און כאַראָטע האָבן.

טיער איז געווען שטאַרק באַליידיקט פון דידאָזיקע שטענדיקע דורכפאַלן. דערצו נאָך האָבן אים אונטערגעטריבן די פינאַנץ-לייט, וועלכע האָבן געטיינעט: „איר וועט קיינמאָל ניט פאַרענדיקן די פינאַנץ-אָפּעראַציעס, אויב איר וועט ניט מאַכן קיין סאָף מיט אָט די ראָצכים, אויב איר וועט באַ זיי ניט צונעמען די האַרמאַטן. מ'מוז מאַכן אַ סאָף מיט דער זאַך, און ערשט דאַן, וועט מען קאָנען באַהאַנדלען אַלע אַנדערע איניאָנים".

טיער האָט באַשלאָסן נעמען זיך פאַר דער זאַך ענערגיש. 17-טן מאַרט באַטאָג האָט ער צונויפגערופן אַלע מיניסטאָרן, האָט זיי מיטגעטיילט זיין פּלאַן און האָט זיינע גענעראַלן געגעבן די נויטיקע באַפעלן. די לעצטע האָבן אין מעשאַך פון דער נאַכט באַדאַרפט צונויפזאַמלען דאָס גאַנצע מיליטער זייערס און צו פאַרטאָג-צו אַוועקשיקן עס אויף די הייכן פון מאָנמאַרט און בעלוויל, קעדיי מיט גוואַלד צו פאַרכאַפּן די אַרבעטער-האַרמאַטן. פאַרן אָנפירער פון דער גאַנצער אָפּעראַציע איז באַשטימט געוואָרן וויִנוּאַ. וואָס איז שייעך צו דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע פון די בורזשואַזע קוואַרטאַלן, האָט טיער איר געטרויט זייער ווייניק און האָט באַשטימט בעסער איינגאַנצן זי לאָזן צו רו. ער האָט נאָר וועגן דעם געגעבן צו וויסן דעם גענעראַל אַירן, ד'אָרעלן. אין דערזעלבער צייט האָט דער אָנפירער פון דער אויספיר-מאַכט צוגעגרייט אַ פּראָקלאַמאַציע צו דער פּאַריזשער באַפעל־קערונג; די פּראָקלאַמאַציע איז געווען אָנגעזאַפּט מיט סינע און אין איר האָט ער אַרויסגעוויזן די גאַנצע נידעריקייט פון זיין פּאָליטיק, דעם גאַנצן האַס און שרעק, וואָס עס האָט אויף אים אַרופגעוואָרפן דער אַרבעטער און רעפּובליקאַנישער פּאַריזש.

אין די פּראָקלאַמאַציעס האָט ער קוידעם קאָל אָנגעוויזן ווי אויף אַ געהיימען פיינט, אויף דעם אַנאָנימען קאָמיטעט, ד. ה. אויף דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס איז אייגנטלאַך אַלעמען געווען גוט באַוווּסט. די פּראָקלאַמאַציע האָט אָנגעוויזן, אַז אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט און קאָן ניט געלאָזן ווערן אין גאַנג, ביז די „מענטשן פון אומאָרדנונג" וועלן איינהאַלטן אין זייערע הענט „די אַוועקגערויבטע באַ

דער מעלוכע הארמאטן". פארענדיקט האָט זיך די פּראָקלאמאציע מיט פארבאהאלטענע סטראשונקעס: „אין אייערע אייגענע אינטערעסן, אין די אינטערעסן פון אייער שטאָט און פון גאנץ פראנקרייך האָט די רעגירונג באשלאָסן צוטרעטן צו מייסים. די שולדיקע, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאר אַ ציל צו גרינדן אַ רעגירונג, וועלן איבערגעגעבן ווערן צום געווײנלאכן געריכט". דאָס האָט באדארפט באטייטן צום „קריגס-געריכט". און נאָך אַ ציינישער ווענדונג צו דער רעפּובליק, וועלכע דארף „אליין" באקומען די אלע נוצן פון דער פארטראכטער אונטערנעמונג, האָט זיך די פּראָקלאמאציע פארענדיקט מיט אזא ריזי-קאַלישער (ווי ס'האָבן עס דערוויזן די ווייטערדיקע געשעענישן) דערקלערונג: מ'טאָר ניט פארלירן קיין איין טאָג און מ'מוז זיך דערשלאָגן, בא וואָסער פרייז דאָס זאָל ניט זיין, אַז די אָרדנונג, וואָס איז אַ באַדינג פון אונזער וואוילשטאנד, זאָל אופגעשטעלט ווערן פולשטענדיק, באַלד און אַף זיכער".

פארטאָג האָבן די דורכגייער שוין געקאָנט לייענען דידאָזיקע פּראָקלאמאציע אַף אַלע ווענט פון פאַריזש. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שיינעם שריפט, אָבער מיעסער פּראָוואָקאציע. זי איז אין אלע הינזיכטן ווערט געווען צו זיין געכאַסמעט פון מאָרני און סענט-ארנו *).

זי האָט געהאַט נאָר איין כיסאָרן: זי האָט דערציילט וועגן דערפאָלג, וואָס אינדער-עמעסן איז אזא ניט געווען.

די סאָלדאטן, בא 3000 מענטשן, זיינען אונטער דער אָנפירונג פון די גענעראלן סויס-ביעלי, לעקאָנט און פאַטוריעל אָן שום שטערונגען ארופגעשטיגן אַף מאָנמאַרט. זיי זיינען אַרוף אַפן באַרג, האָבן פאַרכאַפּט די וואַך, דערהאַרגעט צוויי אָדער דריי נאַציאָנאַלע גווארדייער, פאַר וועלכע דער אָנפאַל איז געווען אומדערוואַרט און האָבן אַף אַ קורצער צייט צוגענומען די האַרמאַטן. די שיסערייַ אָבער האָט אופגעוועקט די נאַציאָנאַלע גוואַר-דייער און די איבעריקע באַפעלקערונג פון פאָרשטאָט. מענער, פרויען, קינדער — אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין גאַס אַריין און זיינען אָנגעפאַלן אַפן מיליטער און פאַרבונדן מיט אים אַ דירעקטן קאַמף. מ'האָט אָנגעהויבן אַרומרינגלען די סאָלדאַטן, אַנטוואָפענען זיי און אויך איינריידן, זיי זאָלן ניט שיסן אין פאָלק. און דאַן האָט פּאַסירט עטוואָס אויסער-געווינלאַכס: די סאָלדאַטן — פּיסגייער, פון 88-טן פּאָלק האָבן זיך געוואָרפן אַף זייערע אָפיצערן, אַרעסטירט זיי און אופהייבנדיק די ביקסן מיט די פריקלאָדן אַרוף, זיך געבערי-דערט מיטן פאָלק. פעדעראַליסטן, סאָלדאַטן, בירגער און פרויען האָבן געדריקט איינער דעם צווייטן די הענט, האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען, געקושט זיך און געוויינט. דאָס איז געווען אַ אומפאַרגעסלאַכע מינוט.

אַזוי אַרום איז לעקאָנט, וועלכער האָט אָפּגעהאַלטן אַ ניצאָכן 3 אַ זייגער פאַרטאָג, צו 8 אַ זייגער אינדערפרי שוין געווען באַזיגט און אין געפיינקעניש. זיין אויבער-קאָמאַנדיר סיוסביעל, וועלכער האָט ניט געוואָלט אָדער ניט געקאָנט אים העלפן צו דער צייט, איז אַראָפּגעלאָפן מיט זיינע באַטאליאָנען פונם באַפעסטיקטן באַרג און האָט אָפּגעטראָטן צו דער ליניע פון די אויסערלאַכע בולוואַרן. די אַוועקגעוואָרפענע האַרמאַטן זיינען פאַרבליבן פאַרן פאָלק און זיינען ווידעראַמאָל פייערלאַך צעשטעלט געוואָרן איבער די בערג-הייכן.

אַף דער גאַס גודאָן האָבן די רייט-יעגערס זיך אויך אָפּגעזאָגט צו שיסן אין פאָלק.

9 אַ זייגער אינדערפרי האָט ווינוא, וועלכער האָט פון בולוואַר קלישי מיט פאָרזיכט נאָכגעשפּירט נאָך די מאַנעוורען, אָפּגעגעבן אַ באַפעל אָפּצוטרעטן. און אָפּטרעטנדיק,

*) דער מיניסטער מאָרני און דער גענעראל סענט-ארנו זיינען געווען געטרייע מעשאָרסים פון נאפּאָלעאָן דעם III-טן און האָבן אים געהאָלפן מאכן די איבערקערעניש אין 1851 יאָר.

זאָגט מען, האָט ער אַפילו פון קאָפּ זיין קעפּי פאַרלוירן. דאָס איז געווען אַ פולשטענדיקע מפּלה.

אין דער זייט פון בעלוויל איז פאָרגעקומען כמעט דאָסזעלביקע, מיט דעם אונטער־שייד נאָר, וואָס דער גענעראַל פאַראָן, מער פאָרזיכטיקער, ווי סיעסביול און לעקאָנט, האָט זיינע טיילן אַפילו ניט צוגעפירט ביזן ציל. ער האָט דעריבער געהאַט צייט אָפּצו־טרעטן, ניט איבערלאָזנדיק קיין דעזערטירן אין די רייען פון פאָלק.

טיער, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען אין הויפּט־שטאַב, האָט שוין 9 אַ זייגער איינדערפרי באַקומען די שווערע טרויעריקע ידיעה וועגן דורכפאַל און וועגן די מפּלות אַף אַלע פונקטן. דער טאָג איז שוין פון דער רעגע אָן געווען בא אים אַ פאַרלוירענער, אָן שום האָפענונגען. ער איז אָבער געווען אַ מענטש פון פלינקע באַשלוסן און טייקעף טאַקע האָט ער אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס. ער מוז גלייך פאַרלאָזן פּאַריז און דערביי מוזן נאָך אים נאָכפאָרן אַלע גענעראַלן, מיניסטאָרן און מעלוכע־באַאַמטע — אָט אין וואָס ס'איז באַשטאַנען זיין פּלאַן. און ווירקלאַך, ס'איז שוין צייט געווען! מ'האָט ניט געטאָרט פאַרלירן קיין איין מינוט, מ'האָט געמוזט געבן די סאָלדאַטן פרייע לופט, אַנדערש איז געווען אַ געפאַר, זיי זאָלן צעגיין, ווי שניי אַף דער זון, און צעשמאָלצן ווערן אין דער אופגעברויזטער און הייסער אַטמאָספער, וועלכע האָט געהערשט אין פּאַריז. עס איז געווען אַ געפאַר, זיי זאָלן מוירדיש זיך ניט פאַרייניקן מיטן 88־טן פאָלק. איבערלאָזן זיי אין אָט דעם פייער האָט געהייסן אַליין זיי שטויסן אַרויסצוטרעטן געמיינזאַם מיטן פאָלק.

אויסער דעם איז דער געדאַנק וועגן אָפּטרעטן, קעדיי צוצוגרייטן אַן אָנפאַל, געווען באַם אָנפירער פון דער אויספיר־מאַכט שוין ניט קיין נייער. נאָך 25־טן פעווראַל 1848 יאָר האָט ער פאָרגעלייגט פונקט אזאַ פּלאַן דעם קייסער לואי־פיליפּ, נאָר יענער האָט זיך פון אים אָפּגעזאָגט. פון יענער צייט אָן האָט אָבער דערביישפּיל פונם גענעראַל ווינדישגרעץ, וועלכער האָט אָפּגעטראָטן פון ווין, קעדיי איינגיכן זיך אַהין אומקערן ווי אַ זיגער, נאָך מער איבערצייגט טיערן אין דער ריכטיקייט פון דערדאָזיקער טאַקטיק.

דעריבער האָט ער איצט אויך פאָרגעלייגט צו טאָן דאָסזעלבע, די מיניסטאָרן האָבן דערווידערט. איז ער זיך דאַן באַגאַנגען אָן זייער האַסקאָמע: ער האָט איבערגערעדט די גענעראַלן, און מער האָט ער ניט באַדאַרפט. „איך בין אַ סאָלדאַט, — האָט געזאָגט ווינואַ — באַפעלט!" און דאָס מיליטער האָט באַקומען אַ באַפעל אָפּצוטרעטן אָן אַ שלאַכט אַף יענער זייט סענע, דערווייל אַף איר לינקן ברעג.

איינצייטיק דערמיט האָט ד'אָרעל־דע פּאַלאַדי באַפעלן צו מאַכן אַ ליאַרם אין די צענ־טראַלע קוואַרטאַלן און צונויפרופן אַלע בורזשואַ, זיי זאָלן זיך נעמען פאַר'ן געווער און צושטיין צום רעגולערן כאַיעל, קעדיי „אופצושטעלן די געזעצלאַכע אָרדנונג און ראַטעווען די רעפּובליק פון אַנאַרכיע".

טיער, האַגאַם ער האָט שוין ווייניק געגלויבט, ווי עס ווייזט אויס, אין אָט דעם לעצטן מיטל, האָט דאָך אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע „צו די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער פון פּאַריז", אין וועלכער ער האָט זיי גערופן — גיין פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד און די רעפּובליק קעגן די, וואָס האַלטן זיך בא די קאָמוניסטישע דאָקטרינעס", און האָבן קלוימערשט, בעדייע, צעראַבירן פּאַריז און אַ טעל מאַכן פון פראַנקרייך".

די בורזשואַ זיינען אָבער געבליבן זיצן באַ זיך אינדערהיים, ניט קוקנדיק אַף אַלע דרינגענדע אופרופן. און די קאָנסערוואַטאָרן, די פאַרטיידיקער פון אָרדנונג און אייגנטום, די אָנהייגער פון דער רעגירונג, אויב אַזוינע זיינען אַפילו צו יענעם מאָמענט געווען אין שטאָט, האָבן זיי דאָך קיין ריר זיך ניט געטאָן, אָדער קוים זיך גערירט פון אָרט, וואָרום דאָרט, ווו מ'האָט נעהאָפט צוגעפינען פון 15 ביז 20 טויזנט מענטשן, האָט זיך

איינגעגעבן צונויפֿצוזאַמלען ביז 500. פֿאַר טיערן איז עס געווען אַ קלאָרער באַווײַז, און דעריבער איז ער געווען באַשעפֿטיקט נאָר מיט איין זאַך: אַנטלויפֿן וואָס גיכער. אַרויסגעפֿאָרן איז ער דער ערשטער, און האָט איבערגעלאָזט אַ באַפֿעל צו עוואַקויִרן אַלץ און אומגעזאַמט: — עוואַקויִרן פֿאַריזש, די דאָרעם-פּאָרטן, קורבוואַ, אַפֿילו מאָן-וואַלעריען — און דאָס כאַיִעל שיקן קיין ווערסאַל.

און ס'איז טאַקע צײַט געווען. די שרעקן פֿונעם אַנטרונענעם טיערן זײַנען געווען קלאָר ניט אומזיסט.

די אײַנדריקן פֿון מענטשן פֿאָרזיכטיקע. וועלכע האָבן געזען, ווי אַזוי די סאָלדאַטן זײַנען געגאַנגען מיט פֿאַמעלאַכע טריט אַפֿן וועג צו ווערסאַל און האָבן דערבײַ געזידלט די זשאַנדאַרמען, פֿון וועלכע זיי זײַנען געווען אַרומגערינגלט, אָט די אײַנדריקן זאָגן איידעס, אַז די רעוואָלוציע האָט געזיגט מער, איידער זי האָט זיך עס אַליין פֿאָרגעשטעלט.

העקטאָר פּעסאַר, אַ נאָענטער פֿרײַנט פֿון טיערן און זײַנער אַ פֿאַרגלויבטער מענטש, האָט זייער בילדעריש באַשריבן אָט דאָס אָפּטרעטן.

„אַפֿן וועג צו ווערסאַל — שרײַבט ער — האָט טיער אָפּגעטראָטן פֿאַר דער אינסורעקציע. די באַנדעס, וואָס זײַנען געגאַנגען אָן שום אָרדנונג, געטריבן פֿון זשאַנדאַרמען, — דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ס'איז נאָך פֿאַרבליבן פֿון דער פֿראַנצויזישער אַרמיי. ווען ס'הייבט אָן צוצופֿאַלן די נאַכט, הייבט די מענטשן-טשערעדע אָן אַלץ מער און מער זיך אײַנצושפּאַרן. אינדערפֿינסטער האָט מען גישט אָגגעזען די קאָלירנדיקע מונדירן און ס'האָט זיך געקאָנט דאכטן, אַז מע געפֿינט זיך צווישן באַטאַליאָנען פֿון פֿעדעראַליסטן. וואָס איז געווען דער נעס, וואָס אָט די מענטשן מיט אַזעסדיקע פּנימער און בונטאַרישן אויסזען האָבן ניט פֿאַרקערעוועט צוריק, צעשיסנדיק פֿריער, פֿאַר זייער צוריקקער קיין פֿאַריזש, די עקיפּאַזשן אין וועלכע מ'האָט אַוועקגעפֿירט די רעגירונג? בײַ די זײַטן פֿון די קאָלאָנעס זײַנען געפֿאָרן דערנידעריקטע און אופֿגעבראַכטע אָפֿיצערן, וועלכע האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי הערן ניט די מיִעסע זידלערײַ. זיי האָבן געפֿילט, אַז וועלכע ס'איז אַרויסגעוויזענע שטרייִנגקייט קאָן איצט ברענגען צו אָפֿענעם אופֿשטאַנד. זיי האָבן זיך נאָר געמיט ניט איבערצורייסן דאָס לעצטע שוואַכע פֿעדעמל פֿון דיסציפּלין, וואָס האָט קוים קוים אופֿגעהאַלטן זייערע טיילן, פֿאַרכאַפּטע פֿון בייזע מאַכשאָוועס“.

טיער האָט אָפּגעקערעוועט אַפֿן וועג קיין סעוור און פֿון דאָרט געקוקט, ווי ס'גייט דאָס כאַיִעל. ער האָט מאַמעש אופֿגעלעבט, ווען ער האָט דערזען, אַז זיי זײַנען ענדלאַך אַלע שוין דורכגעגאַנגען. דאַמאָלס האָט ער זיך אַליין געזאָגט, אַז די מעגלאַכקייט זיך גויקעם צו זײַן, איז בײַ אים אין די הענט.

די מיניסטאָרן האָבן זיך נאָך פֿאַרהאַלטן אַף אייניקע שאָען אין שטאָט. זיי האָבן געהאַט אַ זיצונג בײַ קאַמבאָנען און דאָרט האָט זיי באַזוכט אַ דעפּוטאַציע פֿון די פֿאַריזשער מערן און דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן פֿאָרגעלייגט זייערע אויסגלייך-פּונקטן. דידאָזיקע אונטערהאַנדלונגען זײַנען אָבער איבערגעריסן געוואָרן גלייך, ווי ס'האָט זיך באַקומען די יעדיִע, אַז די געפֿעראַלן לעקאָנט און קלעמאַן טאָמאַ זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן. די מיניסטאָרן האָבן דאַן גלייך פֿאַרלאָזט פֿאַריזש. זשיול פֿעררי, וועלכער איז דער לעצטער פֿאַרבליבן אין הויז פֿון שטאָטראַט, איז אויך פֿון דאָרט אַוועק, — ער האָט געפֿילט, אַז יעטווידער ווידערשטאַנד איז איצט שוין אוממעגלאַך.

אינדערפֿרי האָט זיך אין פֿאַריזש שוין ניט געפֿונען קיין איין מיניסטער, קיין איין פֿאָרשטייער פֿון דער מאַכט. פֿאַריזש איז געוואָרן אַליין איבער זיך אַ האַר, פֿאַריזש האָט געהערט דעם פֿאָלק און דער רעוואָלוציע.

וואָס זשע האָט געטאָן אין אָט דער צייט פּאַריזש און ווי האָט עס געהאַלטן מיט דער רעוואָלוציע? מ'האָט שוין מער ניט געצווייפלט אין דעם ניצחון. נאָר קיין איינע פון די פּאַרקומענדיקע געשעענישן איז פּאַרויס ניט באַהאַנדלט געוואָרן, ניט געוועזן פאָרויסגעזעען, ניט באַוווסטיקט געוואָרן. אויב ס'איז ווען ס'ניט איז פּאָרגעקומען אַ רעפלעקטאָרישע באַוועגונג, אַ פון זיך זעלבסטיקער פּאָלקס-אופשטאַנד, איז עס געווען דעם 18-טן מאַרט אין פּאַריזש. דאָס מיליטער און אַלע רעגירונגס-לייט זיינען שוין געווען ווייט פון פּאַריזש, און די פּאַריזשער באַפעלקערונג האָט אַלץ געמיינט, אַז זיי זיינען נאָך אַלץ אין שטאָט, און האָט גאָר קיין שום באַגריף ניט געהאַט וועגן דער סאַקאָנע, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס אויסגעמיטן. אַרום 3 אַ זייגער זיינען 2 באַטאַליאָנען פונם XV באַצירק דורכגעגאַנגען פּאַרביי דעם אויסערן-מיניסטעריום. די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער האָבן געדאַרפט בלויז עפענען די טיר — זי איז געווען שוואַך באַשיצט סאַכאַקל דורך 60—50 יעגערס, — אַריינגיין — און זיי וואָלטן געווען פאַרכאַפּט די כאַיע אין איר נאָרע: אַלע קאַפּיטוליאַנטן פון דער „נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג“, אַלע העלדן פון געוועזענע און קומענדיקע מעלוכע-איבערקערענישן און דערצו נאָך טיערן אליין אויך.

ביידע באַטאַליאָנען אָבער זיינען דורכגעגאַנגען פּאַרביי, ניט האָבנדיק קיין אנונג וועגן דעם, אַז זיי לאָזן איצט ארויס פון די הענט דעם גרעסטן שאַנס פון דער רעוואָלוציע.

וואַרפן מיר אונזער בליק אַף דער אַלגעמיינער לאַגע אין יענעם מאָמענט, געפינען מיר, אַז די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע און די אַרבעטער פון די פּאָרשטעט זיינען נאָכגעגאַנגען נאָכן מיליטער און דערגאַנגען שוין ביזן צענטער פון פּאַריזש, ביז צו די גאַסן, וואָס אַרום דעם ראַטהויז, גייענדיק פּאָרויס אין דער מאָס, וואָס די סאָלדאַטן פון די גענעראַלן סיוסביעל, פּאַראָן און ווינואַ האָבן אָפּגעטראָטן. זיי האָבן פּאַרשטייט זיך, געוווּסט, אַז דער ניצחון איז זייערער, זיי האָבן אָבער ניט געוווּסט, ווי גרויס איז דער דאָזיקער ניצחון. וועגן זייער פולשטענדיקן ערפאָלג האָבן די דאָזיקע מענטשן געקאָנט בלויז זיך אָנשטויסן, אי דאָס נאָר אַף האַלב. ניט נאָר פּאָשעטע גוואַרדייער, נאָר אפילע די קאָמאַנדירן זייערע און די מיטגלידער פון צענטראַל-קאָמיטעט האָבן נאָך אַלץ געמיינט, אַז מ'גרייט זיי עפּעס אַ שפּיצל און האָבן מוירע געהאַט פאַר אַ פּלוצלינגדיקן אָנפאַל מיצאַד דעם סוינע.

און ערשט נאָך האַלבן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ מער ערנסטער אָנגריף. די פעדעראַלע באַטאַליאָנען פון מאָנמאַרט, באַטיניאָל, גלאַסיערע, פּאַנטעאָן און בעלוויל האָבן דאַן אין פולן באַשטאַנד זייערן אַ לאָז געטאָן זיך צום ראַטהויז, פּאַרנעמענדיק אַלע מיליטער-פּאָסטנס, קאַזאַרמעס, נאַציאָנאַלע און מוניציפּאַלע געביידעס, וואָס האָבן זיך זיי געטראָפן אַפן וועג. זיי זיינען געגאַנגען אונטער דער אָנפירונג פון וואַרלען, בערזשערע, דיוואַל, ראַנוויע און בריונעל. פינף אַ זייגער האָבן זיי פאַרכאַפּט די נאַציאָנאַלע דרוקעריי, האַלב אַכט האָבן זיי אַרומגערינגלט דאָס ראַטהויז און אינעווייניק זיינען זיי אַריין 9 אַ זייגער, פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען פערריי האָט זיך געלאָזט פון דאָרט אַנטלויפן. אַף די גאַסן, דורך וועלכע זיי זיינען דורכגעגאַנגען, און אין די פּאָלקס-קוואַרטאַלן, האָט די באַפעלקערונג אַפגיך אויסגעבויט באַריקאַדן. 11 אַ זייגער איז פאַרנומען געוואָרן די מעריע פון לוווּר, ווו ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט די מערן, און פערריי, וועלכער האָט זיך דאָרט באַהאַלטן, האָט געמוזט אויך פון דאָרטן אַנטלויפן, אַרויסשפּרינגענדיק דורכן פענצטער.

און אָט איז די שטאָט שוין אָפּגערייניקט. אַלע זיינען אַנטלאָפן. די לעצטע מינסטאָרן האָבן פאַרפּאַקט זייערע טשעמאָדאַנעס און איבערגעלאָזט אין דער הויפּט-שטאָט נאָר איין פּאָלקאָווניק לאַנגלואַ, וועלכן זיי האָבן, אנשטאָט ד'אָרעלן, באַשטימט פאַרן קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און געגעבן אים אַן אופטראַג, ער זאָל צווינגען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע צו אנערקענען אים פאַר איר אָנפירער. צוויי אַ זייגער באַנאַכט איז לאַנגלואַ

געקומען אין ראַטהויז און האָט זיך געפּרוּווט דורכפירן זיין איינפאַל אין צענטראַלן קאָמיטעט. האַלב דריי איז ער אַוועק פון דאָרט, אויסגעפּייפט און פאַריאָגט פון די פעדעראַליסטן. און ערשט דעם 19-טן אינדערפרי — אין אַ שיינעם, ליכטיקן פרימאָרגן, פול מיט פרילינגס זונען-שיין — האָט זיך פּאַריזש פּאַקטיש דערוווּסט וועגן דער גרויס פון זיין ניצחון, דערוווּסט, אַז די מאַכט איז אין אומאָרדנונג אַנטלאָפן, און אַז ס'איז געקומען דער מאָמענט פון הערשן איבער זיך אַליין.

אין דעמזעלבן פרימאָרגן האָט זיך פּאַריזש דערוווּסט אויך וועגן דער דראַמע, וואָס ס'האָט זיך ערעוו דעם טאָג אָפּגעשפּילט אין מאָנמאַרט. אַרום 12 אַ זייגער באַנאַכט, האָט מען דאָרט צעשאָסן 2 גענעראַלן: לעקאָנט, וועלכן ס'האָבן געפאַנגען, ווי ס'איז באַוווּסט, זיינע אייגענע סאָלדאַטן, און קלעמאַן טאָמאַ, דעם געוועזענעם הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, דעם יוני-מערדער, וועלכן מ'האָט באַטאָג אַרעסטירט אַף דער גאַס נעבן אַ באַריקאַדע. ביידע גענעראַלן זיינען צוזאַמען מיט נאָך אַסאַך אַנדערע קלענערע אָפיצערן, געווען פאַרשפּאַרט אין דער געביידע פון קאָמיטעט אַף דער גאַס ראָזיע. די פעדעראַליסטן, וועלכע האָבן זיי געהיט, האָבן געוואָלט, זיי זאָלן געמישפּעט ווערן דורך אַ געזעצלאַכן געריכט. זיי האָבן זיך עטלאַכע שאָ נאָכאַנאַנד געראַנגלט מיט דעם, אַלץ מער אויפגערייצטן, עולם, וואָס איז אָנגעלאָפן און האָט געפאָדערט, מ'זאָל גלייך פאַרטיק ווערן מיט די גענעראַלן. אַ באַזונדער שטאַרקן קאַמף איז אויסגעקומען צו פירן מיט לעקאָנטס אייגענע סאָלדאַטן, דעזערטירן פונם 88-טן פּאָלק. יענע האָבן גוט געוווּסט, אַז ווען עס ענדערן זיך די אומשטאַנדן און עס בייטן זיך די ראָלעס, ד. ה. ווען זיי זאָלן זיין געפאַנגען פון זייערע קאָמאַנדירן, וואָלט מען זיי ניט געהאַלטן אונטערן אַרעסט, און נאָך מיט עטלאַכע שאָ צוריק וואָלטן זיי געקראָגן דעם צענדלינגק קוילן, וואָס ס'איז פאַר זיי באַשטימט. ערשט היינט אינדערפרי, בעיס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן, האָט זיי לעקאָנט אַ זאָג געטאָן: „אייער לידל איז אָפּגעזונגען".

דער אָנגריף פונם האַמוין איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז סאָפּקאָלסאָף, זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, וואָס מיט זייערע אייגענע לייבער האָבן זיי געוואָלט באַשיצן די גענעראַלן. ס'האָט אויפגעברויזט די שרעקלאַכע סינע און דער בלינדער נעקאָמע-געפיל פון די מאַסן. מ'האָט זיי ביידע, צוערשט טאָמאַ און דערנאָך לעקאָנטן, אַריינגעוואָרפן אין קליינעם גערטנדל, וואָס האָט געהערט צום הויז: ס'האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי. ווער האָט געשאָסן? דאָס איז אַדאַיעם ניט פעסטגעשטעלט, ניט קוקנדיק אַף די צוויי פייערלאַכע פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין קריגס-געריכט אין ווערסאַל. ביידע גענעראַלן זיינען אומגעפאַלן, אַף קיינמאָל שוין ניט אופצושטיין.

דאָס איז געווען אַ צופעליקייט, אַ פּאָשעטער עפּיזאָד, וואָס האָט אין דער רעגע קיין שום ניט ארופגעבראַכט אַף דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. דער טראַגישער איינדריק זיינער איז גלייך דערטרונקען געוואָרן און פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם גוואַלדיקן פרייד-געפיל, וועלכן ס'האָט אַרויסגערופן בא דער גאַנצער שטאָט די דערוואָרבענע פרייהייט. דער פאַקט מוז אָבער דייטלאַך באַצייכנט ווערן, ווייל די רעאַקציע מיט טיערן בעראָש האָבן זיך גלייך פאַר דעם אָנגעכאַפּט, קעדיי צו שטעמפּלען פּאַריזש און איבערגעבן אים צום געריכט פון גאַנץ פראַנקרייך. מיר באַטאָנען נאָכאַמאָל — דאָס איז געווען אַ גאַנץ צופעליקע געשעעניש, פון די געשעענישן, וועלכע קומען אָן אַלע מאָל, ווען עס פאַרזאַמלט זיך אַ גרויסער האַמוין, וואָס קלייבט זיך אין געוויסע מאָמענטן ניט פאַנאַנדער אין דעם, וואָס דאָקטרינערן רופן אָן מיטן נאָמען לעגאַלע און אומלעגאַלע טאַטן.

ווערסאַל, וועלכער האָט פאַר זיך ניט קיין שום באַרעכטיקונג, — ווערסאַל איז דאָך ניט דער האַמוין, — האָט אָפּגעטאָן טויזנט מאָל, צוואַנציק טויזנט מאָל ערגערע זאַכן.

יעדנפאלס, האָט ניט די קאָמונע, וועלכע איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן, ניט דער צענטראַל-קאָמיטעט קיין שום אנטייל גענומען אין אָט דעם צעשיסן. ס'האָבן אין דעם אויך קיין אַנטייל ניט גענומען סיי דער לעגיאָן-ראט פון XVIII באַצירק, סיי וואָסערע ס'ניט איז אנדערע רעוואָלוציאָנערע איינריכטונג פון די, וואָס האָבן דאַן פונקציאָנירט אויף מאָנמאַרט.

דאָס פארצייכנט, גייען מיר איבער צו דער ווייטערדיקער באַשרייבונג פון אָט דער גרויסער דראמע. פּאַריזש איז אַלזאָ אליין געוואָרן דער האַר איבער זיך. ווי אזוי-זשע האָט ער געהאַט בעדייע אויסצונוצן זיין ניצאָכן? וואָס האט פארגענומען דער צענטראַל-קאָמיטעט, וועלכער איז פלוצים ארויסגערוקט געווארן אויפן ערשטן אָרט און איז געווארן דער אָנפירער פון א שטאָט מיט א באַפעלקערונג מער פון 2 מיליאָן מענטשן?

דער פּלאַן, וואָס מ'וואָלט דעמאָלט געדארפט דורכפירן, איז בא היינטיקן טאָג פאר אונז קלאָר.

מ'האט טאָקע אין דעמזעלבן שיינעם, זוניקן פרימאָרגן באדארפט אופרופן אלע גאסן, אלע פאָרשטעט און די גאַנצע באַפעלקערונג פון טאמפל, מאַרע, סענט-אַנטואן, גרענעל, פון די מאנמארט-בערג, מיטרופן צום קאַמף און מיט געשלאָסענע רייען פירן די באוואָפנטע אַרבעטער אויף ווערסאַל, נאָכיאָגן טראָט בא טראָט דעם העת טיער מיט זיינע מיניסטאָרן, גענעראלן און פּאָלקן. גענוג, — האָט מען דעם זיג באדארפט באלד אויסנוצן, ניט בלייבן שטיין אויף איין אָרט, נאָר גיין נאָך דעם צעשלאָגענעם, פארלוירענעם, דעזאָרגאַניזירטן סוינע, און ניט וואַרטן ביז ער וועט קומען צו זיך און זיך רעאָרגאַניזירן.

ניט געקוקט אויף דער באַרימעריי פון טיערן, וועלכער האָט שוין לעאַכער האַמאיסע געוואָלט ארויסשטעלן די גאַנצע זאַך אין אזא שיין, אז ער האָט קלאָמערשט אלצדינג פאַרויסגעזעען, אז ער האָט קיין איין רעגע ניט געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון אַלע זיינע מאָסמיטלען און באַפעלן, ניט געקוקט דערויף, איז דאָך קלאָר, אז טיער האט אין יענעם מאָמענט אַליין גאנץ ווייניק געגלויבט אין ערפאָלג. ער איז זיך דערינגען אליין מוידע אין זיין איידעסזאָגן פאר דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, האַגאַם ער פּרוווט זיין איינענעם אומרו ארופוואַרפן אויף אַנדערע.

— „אין ווערסאַל, — זאָגט ער, — האָבן מיר צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד גאָרניט געטאָן. דאָס זיינען די שענדלאַכטטע טעג אין מיין לעבן. אין פּאַריזש האָט געהערשט א מיינונג, אַז „מיט ווערסאַל וועט זיין פארענדיקט, ווי נאָר מיר וועלן זיך אהין באווייזן. די סאָלדאטן וועלן אופהייבן די ביקסן מיט די פריקלאַדן אַרוף". בא מיר איז קיין שום סאָפעק ניט געווען, אַז אזוינס וועט ניט געשעען. נאָר דאָך, ווען מיר ווערן אַטאַקירט דורך 70 אָדער 80 טויזנט מאַן, וואָלט איך ניט גענומען אויף זיך די אכראַיעס פאר דער שטאנדהאפטיקייט פון דער ארמיי, אויף וועלכער ס'וואָלט געווירקט הויפטזאכלאך די מוירע פארן גרויסן איבערגעוויכט פון צאָל".

אָט דאָס איידעס-זאָגן האט זייער א גרויסן ווערט. פאַקטיש איז עס געווען אָט דער פסיכאָלאָגישער מאָמענט, וואס נאָכאמאָל כאַזערט ער זיך ניט איבער.

אייניקע פאָרויסזעענדיקע, ענערגישע מענטשן, פון די, וועלכע האָבן אין די פריערדיקע יאָרן מיט גוואלד געפּרוווט פארניכטן די אימפעריע און שפעטער, אין דער צייט פון דער „נאַציאָנאלער פארטיידיקונג", ארויסוואַרפן די קאַפיטוליאנטן דורך די פענסטער פון ראַטהויז, האָבן אָנגעוויזן אויף דער דרינגענדער נויטיקייט אנצוגרייפן. ער און דיוואל האָבן עס קאַטעגאָריש געפאָדערט. דיוואל איז געקומען אין צענטראַל-קאָמיטעט, בעיס ס'האָט זיך דארט באהאַנדלט דער טעקסט פון א פראָקלאמאציע, און האָט דערקלערט: „די גרעסטע טייל פון דער רעגירונג איז נאָך אין פּאַריזש 1); אינם 1-טן און

1) דיוואל האט א טאָעס געהאט. א טייל מיניסטארן זיינען אוועקגעפארן נאך דעם 18-טן באנאכט. די איבעריקע זיינען אנטלאפן דעם 19-טן אינדערפרי.

11-טן באַצירק אָרגאַניזירט זיך א ווידערשטאַנד. די סאָלדאטן גייען אוועק קיין ווערסאַל. מ׳מוז אָננעמען דרינגענדע מיטלען, פארכאַפּן די מיניסטאָרן, צעזייען די פיינטלאַכע באטאַליאָנען, ניט ארויסלאָזן דעם סוינע״. קיינער האָט אבער ניט געוואָלט הערן ניט עדן, ניט דיוואלן, וועלכע זיינען דעמאָלט נאָך ניט געווען קיין הויפּט-קאָמאנדירן. זייער אייצע צו מאַכן אַ אָנגריף אף ווערסאַל, האָט מען אויסגענוצט ערשט דערנאָך — 3-טן אפּריל — ווען ס׳איז געווען שוין צו שפּעט.

אין דעם מאָמענט אָבער האט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע און דער צענטראל-קאָמיטעט די הויפּטקאָמאנדירונג איבערגעגעבן איינעם אַ שיקער שאַרל ליוליע, אַ געוועזענעם אָפּיצער פון פלאָט, וועגן וועלכן די געשיכטע קאָן נאָך אדאיעם פעסט ניט זאָגן: צי איז ער פריער געווען א שויטע און נאָכדעם א פאַרראַטער אָדער פארקערט? דערדאָזיקער מענטש האָט אין א מעשאַך פון 48 שאָ באַוויזן אָפּצוטאָן אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר מעגלאַך געווען אין היגזיכט פון גראָבע פעלערן און טאָעסן, וואָס ניט צו פאריכטן. די טויערן פון פּאַריזש האָט ער געלאָזט אָפן און דעם גאַנצן סאָלדאטן-שטראָם האָט ער דערלויבט ארויסצופליסן ביזן לעצטן מענטשן. ער האָט באַפרייט גאַנצע טיילן און אָפּיצערן, וואָס די פעדעראליסטן האָט זיך איינגעגעבן זיי איבערצושניידן דעם וועג. קיין לוקסעמבורג, לעמאָשל, איז ער געקומען פערזענלאַך, קעדיי צו באַפרייען דעם קאָמאַנדיר פון 21-טן פּאָלק — פּעריע. דער קאָמאַנדיר האָט גלייך נאָכדעם צונויפגעזאַמלט נייע סאָלדאטן און איז אוועק מיט זיי קיין ווערסאַל. בעייס מ׳האָט אים לויט זיין אייגענעם פּאָרשלאַג געשיקט פאר א פּאַרלאַמענטער קיין מאָן-וואַלעריען, איז אַנשטאט אַראָפּצווארפן דעם ווערסאַלער קאָמענדאַנט, וועלכער האָט זיך אזש געטרייסלט פאַר שרעק, ווייל אין זיין רעשוס האָט ער געהאַט גיט מער ווי 80 סאָלדאַטן, אי דאָס אַזעלכע, וואָס פארלאָזן זיך אף זיי האָט ער אין קיין פאַל ניט געקאָנט, איז ער, דער הויפּטקאָמאנדיר, אַריינגעטראָטן אין אונטערהאַנדלונגען און האָט גענומען באם קאָמענדאַנט דאס וואָרט, צו האַלטן נייטראַליטעט. אַפן צווייטן טאָג איז דערדאָזיקער קאָמענדאַנט דורך טיערן באַפרייט געוואָרן פון זיין אַמט, און דער פאָרט איז אָבער פאַרנומען געוואָרן דורך א שטאַרקער טייל פּיסגייער. אַזוי ארום האָט ליוליע געבראַכט דערצו, דער סוינע זאָל באַקומען אין זיינע הענט דעם איינציקן פונקט, וועלכער האָט געהערשט איבער דעם וועג פון פּאַריזש קיין ווערסאַל, דעם פונקט, וואָס איינהאַלטן אים האָט געהייסן פאר דעם אָדער יענעם צאַד קימאַט זיכערן פּאַר זיך דעם ערפאָלג פון די ערשטע צוזאַמענשטויסן.

אָט דערדאָזיקער ניט געלונגענער אויסוואַל, (פון ליוליע) איז אייגנטלאך געווען אַ כאַראַקטעריסטישער באַוויז אַף דער אַלגעמיינער לאַגע. ד׳ באַוועגונג פון 18-טן מאַרט, וואָס איז געווען א באַוועגונג א פון-זיך-זעלבסטיקע, א רעפלעקטאָרישע, האָט ניט געקאָנט ניט ארויסווייזן אָט דידאָזיקע אומפּלאַנמעסיקייט פון מאַיסים. זי האָט ניט געהאַט קיין אָנפירנדיקע ליניע, און דאָס האָט אָפּטמאל געבראַכט צו אומנוצלאַכע פארשווענדונג פון ענערגיע און ענטוזיאזם. ס׳איז אַזוי ארום באַשטעטיקט געווארן די מיינונג פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן נאָך די וואַלן פון 8-טן פעווראַל געטאַינעט, אז דעם שלאַכט וועט מען מוזן געבן אין פּאַריזש גופע, און אז מ׳טאָר ניט פאָרנעמען דעם אומזיניקן מאַרש אַף באָרדאָ, ווייל דאָס וועט ברייגגען צו דער צעפאלונג פון צענטראלן-קאָמיטעט פון 20 באַצירקן, וועלכן מ׳מוז, פארקערט, מיט אלע מעגלאַכקייטן פארשטאַרקן, מאַכמעס דער ניצאָכן איז פולשטענדיק געזיכערט שוין דורכן גאַנג פון די געשעעניש גופע. שטעלט זיך פאָר, אַז אַפן אָרט פון צענטראלן קאָמיטעט וואָלט געווען קאָרדערי, — די לאַגע וואָלט זיך דאַן ראַדיקאַל געענדערט סיי אויסערלאַך, סיי אין טאָך אַריין. די באַוועגונג וואָלט געווען אָנגעפירט דורך איין איינהייטלאכן ווילן מיט איין איינהייטלאכן ציל, און די

דעמאָנסטראַציעס וואָלטן פון אָנהויב אָן געווען פאַרייניקט, קאָאָרדענירט און אַמהעכסטן
צוועקמעסיק. פאַר דער רעוואָלוציאָנערער לאַגע, אַף צופירן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף,
וואָלט קאָרדעורי געשאפן אויך א רעוואָלוציאָנערן אַפּאַראַט. העלדן-טאַטן, מסירעס-נעפעש—
דאָס וואָלט שוין נאָכדעם מעמיילע געקומען. נאָר דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער נאַ-
ציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכער האָט אין זיך פאַראייניקט פאַרשיידענע ריכטונגען און האָט
פאַרמאָגט א מישמאַש פון אומקלאָרע שטרעמונגען, איז פון לעכאַטכילע אָן לאַכלוטן ניט
פייאיק געווען צו יענע אַנטשיידענע טאַטן, וואָס זיינען אזוי נויטיק אין מאָמענט פון
קריזיסן, צו דער אַנטשלאָסנקייט, וואָס קאָן בייקומען אלץ, ווייל זי וואָגט אף אלץ.

דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט דידאָזיקע אַנטשיידנקייט ניט פאַרמאָגט, און — דער
איינציקער באַלעבאָס איבער דער מאַכט און איבערן מאָמענט, האַלטנדיק אין זיינע הענט
דאָס ראַטהויז, און האָבנדיק אין זיין רעשוס ביז 300 טויזנט ביקסן און 2 טויזנט האַר-
מאַטן, האָט ער גאָר באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון דער מאַכט, אומקערן זיך צו געזעצלאַכ-
קייט, צונויפרופן די וויילער. אַנשטאָט צו זאַמלען דעם אומדו פון דער גאַנצער שטאָט און
רופן צום געווער אַלע פעדעראַלע באַטאַליאָנען און די פאַריזשער אַרבעטער, קעדיי צו
פירן זיי ווייטער פון די שטאָט-גרענעצן, האָט ער דעם 18 מאַרט צעקלעפּט אף די ווענט
פון פאַריזש פאָלגנדיקע פּראָקלאַמאַציע:

„צו די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער פון פאַריזש.

„בירגער! איר האָט אונז באַפולמעכטיקט צו אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פון פאַריזש
און פון אייערע רעכט. דעמדאָזיקן אופטראַג האָבן מיר אויסגעפילט. מיט דער הילף פון
אייער גרויסמוטיקער העלדישקייט און פון אייער אויסערגעוויינלאַכער קאַלטבלוטיקייט
האָבן מיר פאַרטריבן די רעגירונג, וועלכע האָט אונז פאַרראַטן.

„אין דעם מאָמענט איז אונזער מאַנדאַט שוין אויסגעפילט, און מיר קערן אים אייך
אום צוריק, ווייל מיר פּרעטענדירן ניט צו פאַרנעמען די ערטער פון יענע, וואָס דער
פאָלק-שטורם האָט זיי נאָר וואָס אומגעשליידערט.

„גרייט זיך, אַלזאָ, צו די וואַלן און פירט זיי דורך טאַקע אומגעזאַמט. און אונז
פאַר א באַלוינונג וועט איר געבן דאָס, צו וואָס מיר האָבן שטענדיק געשטרעבט: זען,
ווי איר וועט איינשטעלן א עמעסע רעפּובליק. וואַרטנדיק דערויף, פאַרנעמען מיר ווייטער
אין נאָמען פון פאָלק דאָס ראַטהויז".

אָט דידאָזיקע מאָדנע האַנדלונג האָט באַשטימט דעם ווייטערדיקן גאַנג פון די געשע-
עניש. ס'האָט זיך אנגעהויבן א סעדרע פון אונטערהאַנדלונגען מיט די מערן, וועלכע
האָט אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט די אינסורעקציע, געמאַכט קלענער אירע שאַנסן אף א דוי-
ערנדיקער עקזיסטענץ אויב ניט אף א ניצאָכן, אף וועלכן זי האָט לעכאַטכילע געקאָנט
אויסרעכענען. קעדיי די וואַלן זאָלן פאַרווירקלאַכט ווערן איז, פאַרשטייט זיך, געווען ניט
גענוג בלויז דער ווילן פון צענטראַל-קאָמיטעט. דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן אויך
די האַסקאָמע און דעם מיטהילף פון די מערן, ווייל די וואַל-צעטלען זיינען געווען בא זיי.

די אונטערהאַנדלונגען האָבן געדויערט גאַנצע 8 טעג. דאָס איז געווען א אומקלאָרער
און צווייטייטנדיקער פּעריאָד, אין מעשאך פון וועלכן די פאַרטייען האָבן אויסגעפּרוווט
איינע די צווייטע, און די בורזשואַזע רעפּובליקאַנישע פאַרטיי האָט געשטעלט פאַר זיך
די פראַגע: צי זאָל זי גייען מיט דער רעוואָלוציע און צוזאַמען מיטן רעפּובליקאַנישן פּראָ-
לעטאַריאַט, אָדער, מאַכמעס איר סינע צו די פּאָרשטעט און איבער דער מוירע פאַרן סאָצי-
אַליזם, זאָל זי בעסער שאָלעם מאַכן מיט דער ווערסאַלער מאָנאַרכיסטישער פאַרזאַמלונג?

ל. דיובּרייל

אַף די באַריקאַדן

דאָס איז שוין געווען אַ געשעענער פאַקט. די באַפעסטיקטע פּאָזיציעס זיינען פאַרנומען, דער סוינע איז שוין אין פּאַריזש. אין שטאָט זיינען שוין אריין העכער 50 טויזנט סאָלדאַטן, און זיי האָבן שוין באַוויזן צו פאַרנעמען אַ פינפטכיילעק פון דער הויפּטשטאָט. די זון פאַרפּלייצט מיט העלן שיין די גאַסן, וועלכע זיינען איבערגעפולט מיט צעטומלטע און דערשראָקענע מאַכנעס. עס הילכן די גלעקער פון אלע קלויסטערס, ס׳קלאַפּן פויקן אין אלע קוואַרטאַלן, און עס דונערט די האַרמאַטן-שיסעריי, וואָס פאַרטויבט מיט איר געהילך די אלע קלאַנגען. ס׳איז ווידער געקומען די צייט פון גאַסן-שלאַכט. די פּאַריזשער איינוואוינער זיינען שוין פונלאַנג צו דעם געוואוינט. עפשער איז נאָך פאָרט נישט אַרויסגעזאָגט דאָס לעצטע וואָרט, ניט קוקנדיק אַף דער צעטומלונג פונם ערשטן מאָמענט, וואָס איז אומפאַרמיידלאַך באַ אַזאַ האַסטיקער אַטאַקע?

ווהין אָבער לויפן זיי, אָט די אלע באַוואָפנטע נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, וועלכע האָבן באַשלאָסן און זיינען גרייט מיט זייער אייגענעם לעבן צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע? געוויס צו דער ליניע פון פייער, צו די קוואַרטאַלן, אין וועלכע ס׳האָט זיך אריינגעריסן און פאַרנומען דער סוינע, צו וואָגראַמער פּלאַץ, צום אינדוסטריע-פּאַלאַץ, צום מאָנפּאַרנאַסער וואָקזאַל — באַגעגענען די ווערסאַלער באַנדעס? ניין. ניט אַהין. אלע היילן ג׳יבערצורייסן דעם בונד מיטן גאַנצן און יעדער לויפט צו זיין קוואַרטאַל, צו זיין גאַס, צו זיין ראָג, קעדיי אַף גיך דאָרט צו שאַפן פון די ברוק-שטיינער באַריקאַדן און דערמיט פאַרשטעלן דעם אַריינגאַנג אַהין. מ׳טראַכט שוין ניט מער וועגן אַרומיקן און באַזונדערס וועגן דעם אַלגעמיינעם שלאַכט-פעלד. די מער באַוווסטזיניקע אָפיצערן האָבן זיך געבעטן באַ די דולע, זיי זאָלן בלייבן אין די אלגעמיינע רייען, האַלטן זיך מאַכנעסווייז און אלע צוזאַמען באַגעגענען דעם סוינע אין די פּונקטן, ווו ער פירט אַ אָנגריף אָדער ווו ער וויל אָנהויבן דעם אָנגריף. ס׳איז אָבער געווען אומזיסט. מיט געבעט איז אוממעגלאַך געווען אָפּצושטעלן אָט די אלגעמיינע צעפאַלונג, דאָס פאַנאַנדערפאַלן פון די באַזונדערע טיילן.

דער קריגס-דעלעגאַט דעלעקליוז איז בייגעווען באַ דערדאָזיקער צעפאַלונג. און ניט נאָר בייגעווען, נאָר אליין זי סאַנקציאָנירט, אליין באַפעלן זי דורכצופירן. דאָס האָט דעלעקליוז דערקלערט אין זיין באַוווסטן אופרוף, אַז דער וועג צו ראַטעווען זיך — איז דעזאָרגאַניזאַציע: גענוג מיליטאַריזם, — האָט ער געשריבן — מ׳דאַרף מער ניט קיין שום הויפּט-שטאַב, באַנייט פון קאָפּ ביז די פיס מיט גאָלדענע פליטערלאַך. אַן אָרט פאַרן פאָלק! פאַר די קעמפער מיט אַנטבלויזטע הענט! ס׳האָט געשלאָגן די שאָ פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף! ס׳פאָלק פאַרשטייט נישט אין די געלערנטע מאַנעוורען, נאָר בעשאַס אין האַנט האַלט עס די ביקס און אונטער די פיס איז באַ אים די שטיינערנע ברוקירונג — האָט עס נישט מוירע פאַר די סטראַטעגן פון דער מאָנאַרכיסטישער שול. צום געווער, בירגער! צום

געווער! אויב איר ווילט, אַז דאָס העלדיש בלוט, וואָס האָט זיך זעקס וואָכן געגאָסן ווי וואַסער, זאָל ניט בלייבן אומפּרוכטבאַר..., ווערט איר אַלע אופשטיין, ווי איין מענטש, און דער סוינע, וואָס באַרימט זיך, אַז ער וועט אייך דערשטיקן. וועט קעגן אייער גרויזאַמען ווידערשטאַנד אַליין זיך מוזן אונטערגעבן פאַר בעזאַיען איבער די פאַרברעכנס, מיט וועלכע ער האָט זיך באַשמוצט אין מעשאַך פון צוויי כאַדאָשים. די קאָמונע פאַרלאָזט זיך אַף אייך און איר מעגט זיך פאַרלאָזן אַף דער קאָמונע!"

דערמיט איז באַגאַנגען געוואָרן דער לעצטער פעלער, וואָס פאַרריכטן אים איז שוין אוממעגלאַך. דעלעקליוז האָט מיט איין שטריך פון זיין פען כאָרעוו געמאַכט אַלץ, וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן בײַ די סאָלדאַטן פון דער רעוואָלוציע אין זין פון דיסציפּלין און צוזאַמענבונד. איינצייטיק מיט דער דיסציפּלין האָט ער ביכלאַל אָפּגעשאַפט יעטווידער פּלאַנמעסיקייט פון קאַמף.

דערדאָזיקער יאַקאָבינער איז געשטאַנען, אַזוי צו זאָגן, פאַרן פעדעראַליסטישן מעטאָד פון קאַמף, און גראָד דאַן, ווען די אָנווענדונג פון אַזאַ מעטאָד איז געווען ניט סתּם שעדלאַך, נאָר ווען זי האָט פאָרגעשטעלט מאַמעש אַ טויט-געפאַר. די פאַרטיידיקונג איז אינגאַנצן איבערגעגעבן געוואָרן דער איניציאַטיוו, דעם פאַרשטאַנד און דער היסלאַוועס פון איינצלנע גרופּן, פון באַזונדערע פּערזאָנען. ס'איז נישט געבליבן קיין שום העכערע אָנפירונג, וואָס זאָל קאָאָרדינירן און געבן אַ ריכטונג דעם קאַמף. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו שווערע רעזולטאַטן, — אַנשטאָט סיסטעמאַטישן און מיליטעריש אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, וועלכער וואָלט אָן שום ספק אַף לאַנג אָפּגעהאַלטן דעם סוינע און וואָלט אים געוויס געבראַכט גרויסע פאַרלוסטן, זיינען אומעטום פאָרגעקומען בלויז באַזונדערע און רעזולטאַטלאָזע צוזאַמענשטויסן, און די אינסורגענטן זיינען גרופּנווייס דערשטיקט און פאַרניכטעט געוואָרן אינעם אומגלייכן קאַמף. די קאָמונע האָט פאַרענדיקט, פּונקט ווי דער יוני-אופשטאַנד, מיט האָפנונגסלאָזן קאַמף, אין דער צייט, ווען אַ צענטראַליזירטער און פּלאַנמעסיקער קאַמף איז געווען נאָך מעגלאַך און — ווער ווייסט, מיט וואָס ער וואָלט זיך נאָך געקאָנט פאַרענדיקן?

צונויפגעקומען אינדערפרי אַף אַ זיצונג, האָט די קאָמונע פון איר זייט נאָך מיטגעהאָלפן אָט דער אומגעלומפּערטער טאַקטיק: זי האָט באַשלאָסן, אַז אַלע מיטגלידער דאַרפן גלייך אוועק יעדער אין זיין באַצירק, קעדיי וואָס גיכער אופצובויען די באַריקאַדן און פאַרטיידיקן די קוואַרטאַלן. דערמיט האָט זי זיך אַליין צעלאָזט, ד. ה. זי האָט צעשטערט דעם לעצטן פאַראייניקונגס-פּונקט, ווו די קעמפנדיקע רעוואָלוציע האָט נאָך געקאָנט קריגן אייצע און שטיצע. אַלע מיטגלידער פון קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלאַכער רעטונג, אויסער ביליאָרן, וועלכער איז באַנאַכט אַנטלאָפן און האָט זיך שוין מער ניט צוריקגעקערט, זיינען אוועק מיטן אַלגעמיינעם שטראָם און האָבן, ווי דעלעקליוז, זיך באַגנוגנט בלויז מיט אויסגעשרייען: „צום געווער! אַף די באַריקאַדן!" קיין שום אַנדערע באַפעלן האָבן זיי ניט געגעבן און מיט דער פאַנאַנדערטיילונג פון די קרעפטן האָבן זיי ניט אָנגעפירט.

אין מעשאַך פון אָט דעם מאָנטעק האָט די ווערסאַלער אַרמיי, וועלכע איז דערווייל אַריין נאָר אין די אַריסטאָקראַטישע קוואַרטאַלן, באַגעגנט זייער אַ שוואַכן ווידערשטאַנד. דער ווידערשטאַנד איז אָבער ניט שטאַרקער געוואָרן אויך עטלאַכע קילאָמעטער ווייטער פון די דאָזיקע קוואַרטאַלן. בײַ היינטיקן טאָג איז דערוויזן, אַז ווען אַלע 5 דיוויזיעס, וואָס זיינען אַריין אין שטאָט, וואָלטן זיך גלייך אַ רוק געטאָן פאָרויס, וואָלטן זיי אָן שום שטערונגען געווען פאַרנומען דעם שטאָט-צענטער, באַצווונגען אָדער אַרומגעגאַנגען די באַריקאַדן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט ערשט געהאַט געבויט, און וואָלטן גלייך געווען פאַרטריבן די רעוואָלוציע אין איר באַהעלטעניש אַפן מאָנמאַרט, קיין בעלוויל און ביוט-אָ קאַיל.

ווי ס׳ווייזט אויס, האָבן טאַקע אזוי געוואָלט טאָן די הומאַנערע אָדער אומפּאַכדאַנישע גענעראַלן, ווי קלינשאַן, לעמאָשל. טיערס פּלאַן אָבער איז געווען אַן אַנדערער. אַזאַ מין ניצאָכן וואָלט נישט געווען קיין בלוטיקער ניצאָכן און וואָלט נישט געגעבן קיין גרונט צו די האַריגעס און שכיטעס, וואָס זיינען אריין אין דער פּראָגראַם פון טריומפירנדיקער רע-אַקציע. אָדער, ריכטיקער געזאָגט, דאָס איז געווען אינגאַנצן די פּראָגראַם אירע. פאַר-קערט, מ׳האָט געדאַרפט געבן די קאָמונאַרן אַ מעגלאַכקייט קומען צו זיך, אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג אין יעדן קוואַרטאַל באַזונדער, ביכדיי דער קאַמף זאָל גיין אומעטום, אָדער ס׳זאָל זיין אַ קלוימערשטער קאַמף, און דאָס זאָל געבן די מעגלאַכקייט צו לאָזן בלוט דעם פּאַריזשער איינוואוינער אָן אונטערשייד, צי האָט ער געקעמפט, צי ניין.

די ארמיי איז צוליב דעם צעטיילט געוואָרן אַף 5 טיילן. יעדע פון דידאָזיקע טיילן האָט געדאַרפט רוקן זיך אַף ביידע ברעגן לייגנס איבער די קרומע דורכגאַנגען באַ די אויסערלאַכע בולוואַרן, איבער די אינערלאַכע בולוואַרן און איבער ריוואָלי-גאַס ביז צו די פאָרשטעט.

דער געיאַג אַף די פּאַריזשער איינוואוינער איז אַזוי ארום אָרגאַניזירט געוואָרן, ווי אַן עמעסער געיאַג מיט אַ פּאַריאָגן זיי ערגעץ צו מאַרלי אָדער ראַמבוליע. ס׳זיינען אָנגע-נומען געוואָרן אלע מעגלאַכע פּאָרזיכטס מיטלען, אַז קיין שום געווילד זאָל אין ערגעץ נישט קאָנען אנטרונען ווערן, — ניט קיין כאַיע, ניט קיין פויגל. עס איז בלויז געבליבן צו פאַררעגיסטרירן דעם רויב. סאָף וואָך האָט די צאָל געהאַרגעטע שוין אריבערגעשטיגן 50 טויזנט. דער הויפּט-יעגער, טיער, האָט שוין פּאָרויס געקליבן טאַינעג און האָט געסמאַ-קעוועט אָט דעם ווילדן געיאַג. אַף אַ זיצונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעמזעלבן טאָג, האָט טיער אונטער די רווישנדיקע אפּלאָדיסמענטן פון דער לינקער טייל און באַ די דולע קוילעס און ליארם פון דעם רעכטן טייל, געהאַלטן אַזאַ ריידע: „לויט דעם ווידערשטאַנד, וואָס מיר האָבן באגעגנט, קאָן מען זאָגן, אַז פּאַריזש וועט גאָר אינגיכן אומגעקערט ווערן צו זיין אויבערהאַר, ד. ה. צו פראנקרייך. מיר זיינען ערלאַכע מענטשן. דער גערעכטיקער מישפּעט וועט צוגיין מיט זיינע נאַטירלאַכע וועגן. מיר וועלן אָנווענדן בלויז דעם געזעץ. ער וועט אָבער אָנגעווענדעט ווערן מיט דער גאַנ-צער שטרייַנגקייט זיינער. מיט דער הילף פון געזעץ מוז מען דערשלאָגן אָט די אויס-וווּרפן, וואָס האָבן כאָרעווו געמאַכט פּריוואַטן פאַרמעגן און איבערשטייגנדיק די פּראַים, האָבן זיי צעשטערט נאַציאָנאַלע דיינקמאָלן. די שטראָף דאַרף זיין אַ פולע, זי וועט פאָר-קומען אין נאָמען פון געזעץ, מיט דער הילף פון געזעץ און אפן סמאַך פון געזעץ״.

דערוייל האָט די פּאָרויסזעענדיקע טאַקטיק פון די ווערסאַלער געבראַכט צו די דער-וואַרטע רעזולטאַטן. מאָנטעק באַטאָג און אין דער נאַכט אַף דינסטעק האָבן די פעדערא-ליסטן ווידער אַראָפּגענידערט פון די פּאָרשטעט צום צענטער פון פּאַריזש און האָבן זיך געלאָזט צום ראַטהויז, וואָס איז אָט אין דעם שטורם נאָך פאַרבליבן, ווי אַ לאַמטערן פון דער רעוואָלוציע. די הויפּט-קאָמאַנדירונג איז ווידער איבערגעגאַנגען צו בריונעלן, ער האָט גענומען אַף זיך אָנצופירן מיט דער פאַרטיידיקונג פון די באַריקאַדן אַף דעם פרידן-פּלאַץ. דאָ האָט ער געשאַפן דריי שטאַרקע רעדוטן — באַ דער טיולערישער טעראַסע, באַם אריינפאָר אין דער גאַס סען-פלאָרענטען און באַם אריינפאָר אין דער גאַס ראָיאַל. אָט אַף דעם אָרט האָט ער מער פון 50 שאָ דורכאַנאַנד מיט דער גרעסטער אַקשאָנעס אויסגע-האַלטן דעם אָנגריף פון אַ גאַנצער ארמיי און האָט פאַרלאָזט די פּאָזיציע ערשט נאָכדעם, ווי זי איז געווען שוין ארומגערינגלט און איינהאַלטן זי ווייטער איז געווען שוין אבסאָ-לוט אוממעגלאַך.

הינטער אָט דעם באַפעסטיקטן ראַיאָן, וועלכן ס׳איז, ווי ס׳האָט זיך געדאַכט, אוממעג-לאַך געווען בייצוקומען, זיינען געווען נאָך ווייטערדיקע באַריקאַדן אַף דער גאַס ריוואָלי,

אין די שמאָלינקע געסלאַך פון קוואַרטאַל סען-זשערמען, צופוסנס דעם באַרג סען-זשאַק באַם אופשטעלן זיי האָבן מיט אַ פאַרביטערטער אקשאָנעס געאַרבעט מאַנסבלען, פרויען קינדער. יעדן דורכגייער, וועלכן ס'איז באַלגאַיוועדיקן בורזשואַ אדער פאַרפוצטע דאַמע, האָבן זיי פאָרגעלייגט אָפּאַרבעטן דאָ עטלאַכע מינוט: „אַרבעט אַביסל, — האָבן געזאָגט די אימפּראָוויזירטע ערד-גרעבער — מיר גייען דאָך אָף טויט צוליב אייער פרייהייט!" די ברוקן זיינען געווען צענומען און צעגראָבן ביז די אריסטאָקראַטישע קוואַרטאַלן און אַפילע שוין אפן פיינטלאַכן באָדן, באַ דער אָפּערע, באַ דער בירזשע, אין סען-זשערמענער פאָר-שטאָט, דאָרט, ווו ס'זיינען דערנאָך פאָרגעקומען בלוטיקע צוזאַמענשטויסן. הונדערט טויזנט פראָלעטאַריער זיינען אין אָט דער נאַכט פון אלגעמיינער דערוואַרטונג, געווען אָף די פיס, געאַרבעט און געהיט דעם סוינע, וועלכער האָט זיך אין דער נאכט אָפּגעשטעלט טייל-ווייס אומיסטן, טיילווייס פאַר מוירע. אין אָט דער נאַכט האָט די האָפענונג אָף ניצאָכן נאָך געטליעט אין די הערצער.

23-טן פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרביטערטער קאַמף. אינם קאַמף זיינען אריינגעבראַכט געוואָרן אַלע קרעפטן פון ווערסאַל.

די טיילן פון די גענעראַלן קלינשאַן און לאַדמיראָ, האָבן נאָך פריער מיט אַ טאָג געמאַכט אַלע גויטיקע האַכאָנעס אָף צו אַטאַקירן מאָנמאַרט, נאָר די באַטאַליאָנען פון XVII באַצירק, מיט מאַלאָנען און זשאַקלערן אין דער שפּיץ, האָבן אַנטשיידן אָפּגעשטעלט זייער אָנגריף. 4 אַזייגער פאַרטאָג האָט זיך אין דעם פונקט דער שלאַכט ווידער אָנגעהויבן און נאָך אַ 5-שאָעדיקער שיסעריי האָבן די באַטאַליאָנען געמוזט אָפּטרעטן, זיי האָבן אָפּגעצויגן צום מאָנמאַרט, קעדיי אונטער דער שטיצע פון זיינע האַרמאַטן צונויפזאַמלען זייערע קרעפטן. נאָר די האַרמאַטן האָבן געשוויגן, און ס'האָט געמאַכט אַ איינדרוק, אַז מאָנמאַרט האַלט זיך אָפּ פון שלאַכט. אין דערדאָזיקער נאַכט זיינען אפן מאָנמאַרט געקומען אַסאַך דעלעגאַטן פון דער קאָמונע, קעדיי אופצוועקן פון לעטארגישן שלאָף אָט די פעסטונג פון דער רעוואָלוציע. ס'זיינען געקומען לעפראַנסע, ווערמארעל, זשאַגאָנאַר, לא-צעציליאַ און קלאָזערע. נאָר קליוזערע איז טייקעף ערגעץ פאַרשוווּנדן. די קאָמאַנדירונג האָט אָף זיך גענומען לאַ-צעציליאַ, נאָר אין זיין רעשוס האָט ער געהאַט ניט מער פון 200-300 מאַן. די מאַנמאַרטער, וואָס מיט לייב און לעבן זיינען זיי געווען איבערגעגעבענע דער קאָמונע, האָבן געקעמפט אונטן באַם ראַטהויז. די איבעריקע, און זיי — מ'מוז עס מוידע זיין — זיינען געווען די מערהייט, זיינען איבער מידקייט און געפאַלענער ענערגיע, אוועק צו זיך אין די הייזער. דער קאָמאַנדיר פון VXII לעגיאָן מיליער האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר אַ אומפּייאיקן מענטשן אָן שום איניציאַטיוו. נאָר ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס די גרויזאַמע אַרטילעריע, וועלכע איז געשטאַנען אפן שפּיץ-באַרג, האָט געשוויגן. צווישן די ארטילעריסטן זיינען געווען פאַררעטער — דאָס איז קלאָר. די גרעסטע טייל האַרמאַטן זיינען געווען קאַליע-געוואָרענע.

דער וועג פאַר די ווערסאַלער איז אַזוי אַרום געווען פריי אָדער איז גאָר אינגיכן געוואָרן פריי. 9 אַזייגער האָט פלישאַן פאַרכאַפּט די באַריקאַדע אפן פלאַץ קלישי און די סאָלדאַטן זיינע זיינען פון מיירעוו-זייט אַרוף אַפן שפּיץ-באַרג צו דערזעלבער צייט, ווען מאָנטאָדאָנס בריגאַדע, וועלכע די פרייסן האָבן דורכגעלאָזט דורך דער נייטראַלער זאָנע, איז אַרוף אַפן באַרג פון צאָפן-זייט. צו 2 אַזייגער איז שוין אַלץ געווען געענדיקט. אָף מולען-דע-גאַלעט איז שוין געהאַנגען די דרייפאַרביקע פאָן. די מעריע פון XVII באַצירק איז שוין אויך געווען פאַרנומען.

די רעוואָלוציאָנערע פעסטונג, אָף וועלכער ס'האָט געהאָפט גאַנץ פאַריזש, האָט זיך אונטערגעגעבן קימאַט אָן שלאַכט. שלאַכטן זיינען פאָרגעקומען בלויז נידעריקער, הינטער

מאָנמאַרט און אין זיין אומגעגנט. אַפֿן בולוואַר אָרנאַנאָ האָבן די פֿעדעראַליסטן געקעמפֿט פֿאַר די פּאָזיציעס טראָט נאָך טראָט. אַף דער אַוועניו טרידען האָט אַ קליין הייפֿעלע העלדן לאַנג אָפּגעהאַלטן דאָס רעגולערע מיליטער. אַף פרידן-גאַס זיינען פֿאָרגעקומען פֿאַר-אקשנטע צוזאַמענשטויסן, בעיס וועלכע דאָמבראָווסקי, וואָס איז געשטאַנען נעבן ווערמאַ-רעלן, איז פֿאַרוואונדעט געוואָרן אַף טויט, דורך אַ קויל אין אַ זייט. אַפֿן בלאַנש-פּלאַץ האָט דער פֿרויען באַטאַליאָן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער העלדישער לואיזע מישעל און דער רוסישער דמיטריעוואַ, אַרויסגעוויזן וווּנדער פֿון גוורע. ווען ס'איז שוין מער ניט מעגלאַך געווען איינצוהאַלטן די פּאָזיציע, איז דער באַטאַליאָן אָפּגעלאָפֿן אַף עטלאַכע מעטר צוריק, ביז צום פּלאַץ פּיגאַל און האָט ווידער אָנגעהויבן דעם קאַמף מיטן סוינע. און אַזוי אָפּטרעטנדיק פֿון איין באַריקאַדע, קעדיי צו פֿירן דעם האַרטנעקיגן קאַמף אַף דער צווייטער, האָט דער באַטאַליאָן זיך געשלאָגן ביזן לעצטן טאָג.

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר מאַנמאַרטר איז געווען באַצוווּנגען און דאָס האָט געגעבן אַ טויט קלאַפּ דער רעוואָלוציע. פֿון דער העכסטער פּאָזיציע פֿון פּאַריזש האָבן די ווער-סאַלער געהאַט די מעגלאַכקייט צו באָמבאַרדירן די שאַמאַנער בערג און פּער-לאַשעז. און די מאָראַלישע ווירקונג פֿון אָט דעם פֿאַרלוסט איז געווען נאָך גרעסער. טיער האָט וועגן דעם מוידיע געווען דער פּראָווינץ מיט אַ טריומף-טעלעגראַמע.

נאָכן ניצאָכן האָט געמוזט אָנקומען שכיטע. האַריגעס זיינען פֿאָרגעקומען נאָך פֿריער אין באַנטיניאָל און אַפֿן לינקן ברעג, ווו מ'האָט אָן ראַכמאָנעס צעשאָסן אַלע, וואָס זיינען געבליבן לעבן נאָכן פֿאַרכאַפּן די באַריקאַדעס. מ'האָט געהאַרגעט אויך סטאָם דורכגייער, אינגאַנצן אומשולדיקע מענטשן. די שכיטע האָט נאָך אָבער דעמאָלט ניט געטראָגן קיין סיסטעמאַטישן כאַראַקטער, וואָס זאָל דערציילן וועגן אַ באַשטימטן פּלאַן, וועגן אַ אָנפֿירנ-דיקער האַנט. די סאָלדאַטן, באַגלייט און אָנגעפֿירט פֿון דער פּאָליציי, האָבן נאָך נישט באַזוכט הויז נאָך הויז אַף אויסרייניקן זיי פֿון די קעלערס ביזן בוידעם. מ'האָט נאָך ניט געשטעלט צו דער וואַנט אַלע איינוואוינער פֿון הויז נאָר דערפֿאַר, ווייל ערגעץ האָט מען דאָרט געפֿונען אַ פּאָר הויזן צי אַ רעקל פֿון אַ נאַציאָנאַלן גוואַרדייער, אָדער אַ פּאָר שיך זיינע. נאָכדעם, אָבער, ווי מאָנמאַרט איז געפֿאַלן, איז די שכיטע אָרגאַניזירט געוואָרן אַזוי, אַז קיין פּראָלעטאַריער פֿון פּאַריזש האָט ניט געקאָנט זי אויסמיידן, און די „וועלפֿינס" מיט די „וועלפֿעלאַך", ד. ה. די פֿרויען און די קינדער פֿון די פּראָלעטאַריער, האָט מען געהאַרגעט צוזאַמען מיט די „וועלף". די ערשטע שכיטע איז געמאַכט געוואָרן אינדערפֿרי אין פּאַרק מאָנסאָ, די צווייטע — אין הויז נומ. 6 אַף דער גאַס ראַזיע, אין דעמזעלבן גאָרטן, ווו מיט צוויי כאָדאָשים פֿריער האָט דער האַמוין צעשאָסן די גענעראַלן לעקאָנט און טאָמאַ.

אָט וואָס עס דערציילט וועגן דעם קאַמיל פּעלטאַן, וועלכער איז ווייניקער פֿון אַלץ געווען אַ קאָמונאַר: „ווען די אַרמיי איז אַריין אין שטאָט, האָט זי זיך עפּעס ווי פֿאַר-געשטעלט, אַז די גאַס גופֿע איז אַ פֿאַרברעכערישע און אַלע אירע איינוואוינער זיינען פֿאַרשפּריצט מיטן בלוט פֿון די געהאַרגעטע 2 גענעראַלן. מ'האָט צעשאָסן אָן שום ראַכ-מאָנעס און מאַסנווייז. דערנאָך איז מען צוגעקומען צום הויז נומ. 6. דאָ האָט מען דעם „פּיזן גייסט" פֿון די צוויי גענעראַלן געבראַכט אַנצאַליקע און שרעקלאַכע קאָרבאָנעס. דער גאָרטן איז געוואָרן אַ צענטער פֿון טויט און פּייניקונג, וואָס די אַכזאָריעס זייערע וואָלטן געפּאַסט פֿאַר דער באַרבאַרישער אינקוויזיציע פֿון מיטלאַלטער. פֿון אַלע עקן האָט מען געבראַכט צופֿירן געפֿאַנגענע. ווער זיינען זיי געווען, אָט די געפֿאַנגענע? דאָס זיינען געווען אַלע די, וואָס זיינען צוליב מסירע אָדער כשאַד אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿונם צעווילדעוועטן כאַיעל, אַלע די, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ גוואַרדייאיש

רעקל, צוליב אַ פּאָר הויזן און אַ פּאָר שיך; אַלע איינוואוינער פון די הייזער, וועלכע מ'האָט אויסגעריייניקט פון די קעלערס ביזן בוידעם, אלע די, וועלכע זיינען צוליבן ווילדן קאַפּ פון עפּעס אַ אונטעראָפיצער אַרעסטירט געוואָרן פאַרן אַ קרומען קוק; אלע, אַף וועלכע די פערזענלאַכע נעקאָמע פון די שכיינים האָט אָנגעוויזן, ווי אַף אַ פאַרברעכער, אָנגעוויזן אין אַזאַ מאָמענט, ווען אלע מסירעס האָבן געטראָפן אין זייער ציל. די געפאנגענע זיינען געווען אָנגעפּאַקט אינם גאָרטן און דאָ האָבן זיי געדאַרפט בעטן ראַכמים פאר די פאַרברעכנס, וועלכע זיי זיינען ניט באַגאַנגען. בעטן ראַכמים, נאר באַ וועמען? באַ די ווענט, באַ ליים פון ווענט, באַ די צעבראָכענע ביימער, באַ די לעכער וואָס די קוילן האָבן דורכגעבויערט!

„... דער געפאנגענער האָט געמוזט ליגן אויסגעצויגן אַף דער ערד, מיטן פּאָנעם אין שטויב, און ניט אַ רעגע, נאָר שאָען גאַנצע, אַ טאָג אַ גאַנצן. צוויי רייעס אומגליקלאַכע האָט מען אַזוי געפּייניקט און צווישן זיי זיינען געווען זקיינים, קינדער און פרויען. דאָס איז געווען אַ מין עפּנטלאַכע טשוווע פאר די ווענט. די שטיינער האָבן געשניטן זייערע קני, דער שטויב איז געקראָכן אין מויל און אין די אויגן, די אָנגעשטרייגטע גלידער זיינען פארגליווערט געוואָרן, דורשט האָט געברענט זייערע פאַרטריקנטע מיילער און לייִדיקע מאָגנס, די פלאַמיקע מאַי-זון האָט געבראָטן זייערע אנטבלויזטע האלדז-און אקנס, און אויב עמעצער פון זיי איז געלעגן ניט ווי געהעריק, האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, געפּרוווט אויסגלייכן די פארשוואָלענע קני, האָט מען מיט פּריקלאַדן געצוווּנגען דעם מוירעד, ער זאָל ווידער אָננעמען די אָנגעוויזענע פּאָזע. ווען די שטראָף האָט זיך גערעכנט שוין פאר געענדיקט, פלעג מען אַ טייל פון די אומגליקלאַכע אָפּפירן צום בערגל און דאָרט זיי צעשיסן. די איבעריקע פלעגט מען אַוועקשיקן קיין סאַטאָרי".

אָט דאָס פייניקן און די האריגעס האָבן, מיט איינציקע וואַריאַנטן, געדויערט דעם גאַנצן פרימאָרגן און דעם גאַנצן טאָג אומעטום אין דעם באַצווונגענעם פאַריזש. דעם, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אָדער איז צופעליק אריינגעפאלן צו די סאָלדאַטן אין די הענט, האָט מען געקאָנט רעכענען שוין פאר אַ פארפאלענעם, די סאָלדאַטן האָבן געיאָגט און נאָכגעשפּירט די באַזיגטע, פּונקט ווי די הינט אפן געיאָג. זיי האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער, ארויסגעריסן באַ די ווייבער און קינדער פון די אָרעמס, ארומגעשלעפּט זיי איבער די הויפן, איבער די גאַסן, און האָבן זיי געשטעלט באַ דער ערשטער וואַנט, און צעשאָסן זיי פאר די אויגן פון זייערע געזינדן, ווייל ס'איז ניט געווען קיין צייט, און ארבעט איז דאָך געווען אַ סאַך. און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן בעיס ס'זיינען נאָך ניט פאַריבער אַפילע קיין צוויי מעסלעס, זינט טיערס כאַיאָלעס זיינען אריין אין שטאָט. שפּעטער איז דידאָזיקע שוידערלאַכע שכיטע געוואָרן נאָך גרויזאמער בעשאס זי האָט ארומגעכאפּט די גאַנצע הויפּט-שטאָט. איצט האָבן מיר געבראַכט אָט דאָס בלעטל, אָנגעשריבן דורך פעלטאַנען, נאָר דערפאר, ווייל אין עטלאַכע שטריכן גיט עס דאָס בילד פון אָט דער שרעקלאַכער אכזאָריעס, און אויך דערפאר, וואָס דאָס באַווייזט, אַז די ווערסאַלער אַרמיי האָט זיך שוין פון די ערשטע מינוטן אָן, גענומען פאַרניכטן די פּאַרישער באפעלקערונג און גראדע אין אַזעלכע קווארטאַלן, וועלכע האָבן קימאַט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום ווידערשטאַנד, אין דער צייט, ווען די קאָמונע האָט נאָך מיט קיין איין עקזעקוציע, מיט קיין איין סריייפע ניט געגעבן דערצו קיין שום סמאך. די אַרמיי האָט, ווי עס ווייזט אויס, אויסגעפילט אַ באַפעל, וואָס זי האָט באַקומען פון אויבן, און איז געווען נאָר אַ פּאַסיוו געצייג פון דעם אָנגעמערקטן שוידערלאַכן פּלאַן.

ס'איז אוממעגלאַך אָן שוידער נאָכצושפּירן נאָך אָט דעם ריזיקן ספּרוט, וועלכער איז פּאמעלאַך נאָר זיכער געקראָכן איבערן גאַנצן פּראָנט און האָט מיט זיינע קלאַמערן

דערלאַנגט אַלץ ווייטער, רוקנדיק זיך צום שטאָט-צענטער. אַפן רעכטן פלאַנג האָט די מאָ-פּאָלע פון מאָנמאַרט אָפּגעגעבן אין די הענט פונם סוינע אַלע אומצאָליקע וועגן, וואָס פירן צו דער אפּערע און צו מאדלען. אפן לינקן פלאַנג האָט די ארמיי פארנומען דעם מאָנפּאַרנאַסער וואָקזאַל און דערמיט געעפנט פאַר זיך דעם וועג צום פּאַנטעאָן. זי האָט אָפּגעוואָרפן די פעדעראַליסטן אויך פון דער גרויסער באריקאַדע באם ארלעאנער שאָסיי, און האָט זיך דורכגעלייגט אַ וועג אַף צוצוגיין מאָרגן צום צענטער פון שטאָט.

אין צענטער, עמעס, האָט די ארמיי באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מיצאַד בריונעלן, וועלכער האָט ענערגיש פאַרטיידיקט דעם פרידן-פּלאַץ, ניט קוקנדיק אפן פייער פון 60 האַרמאַטן, וואָס האָבן זיינע רעדוטן באָמבאַרדירט פונם ברעג באַ אָרסעי, פונם מאַרס-פעלד און פון דער אַרקע. פונקט אַזאַ ענערגישן ווידערשטאַנד האָט אַרויסגעוויזן אויך וואַרלען, דער גרעסטער פון די העלדן, וועלכער האָט מיט זיין זיכערקייט און גלויבן באַ-גייסטערט די קעמפער אין VI באַצירק. נאָר אויך דאָ האָט ניט געקאָנט זיין קיין שום ספּייקעס וועגן דעם אנטגילטיקן רעזולטאַט. אי בריונעל, אי וואר׳ען האָבן באַנאַכט גע-מוזט אָפּטרעטן פון זייערע פּאָזיציעס איבערן געפּאר ארומגעריגלט צו ווערן. אפן צווייטן טאָג איז שוין געהאַנגען אַ דרייפארביקע פאָן אַף דעם אָרט, ווו ערשט נעכטן אין אָוונט האָט געפלאַטערט די רויטע פאָן.

העלפט פּאַריזש איז שוין געווען באַ די ראָצחים אין די הענט.

אין ראַטהויז האָט זיך פּאַרזאַמלט אלץ, וואָס ס׳איז נאָך פאַרבליבן פון דער קאָמונע. ס׳איז שוין געווען באַשלאָסן אריבערצוגיין אין דער מעריע פון XI באַצירק. וועגענער און אָמניבוסן, אָנגעלאָדענע מיט מיליטער-מאַכשירים, האָבן אָנגעהייבן אלץ אריבערפירן. דער סוינע איז שוין געווען ניט ווייטער ווי אַף 2 אָדער אַף 3 ביקס-שאָסן. ס׳איז מעג-לאך, אַז מאָרגן אינדערפרי וועט ער שוין זיין דאָ. נאָכדעם ווי לויטן באפעל פון דער קריגס-קאָלעגיע (און קעגן דער מיינונג פון בריונעלן, וועלכער האָט גערעכנט צו האלטן זיך לייגנער), זיינען אָפּגערייניקט געוואָרן די באַריקאַדן פון טיולירי, האָט שוין דער סוינע אַף זיין וועג ניט געהאַט קיין שום שטערונגען און קיין זאַך האָט אים שוין ניט געקאָנט אָפּהאלטן, אויסער די סרייפעס, וועלכע האָבן ארומגעכאַפּט די טייל שטאָט, וואָס האָט זיך געפונען צווישןביידע קעמפנדיקע ארמייען. די סרייפע אינם פינאַנץ-מיניסטעריום האָט זיך אָנגעהויבן נאָך נעכטן און האָט נאָך אלץ געדויערט. ס׳האָט אויך געברענט אין דער גאַנצער לייגג פונם סענע-ברעג. ריזיקע פלאמיקע הענט האָבן זיך אופגעהויבן צום שווארצן הימל און בינטלאך פונקען זיינען געפלויגן אין אלע זייטן. ס׳האָבן געברענט טיולירי, דער ערן-לעגיאָן, דער מלוכע-ראט, דער מלוכע-קאָנטראָל. די בלענדנדיקע שיין פון אָט דער סרייפע האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין טייך, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ פייערדיקער. די גאַסן ראָיאַל, באַק, ליל, קרוא-רוזש האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ יאַם פון פייער. אלע רעגע האָבן זיך געהערט אופרייסן, איינער נאכן צווייטן. דאָס איז געווען עפּעס אַ פאַנטאַסטיש בילד, גראנדיעז מיט איר פּראכט און שרעק. ס׳האָט געקאָנט דאכטן, אז די גאנצע שטאָט וויל, בעסער לויטן מוסטער פון מאָסקווע, פאַרקערט ווערן צו פייער און אַש, איידער אונטערגעבן זיך דעם סוינע.

ווער האָט עס אָנגעצונדן און געבראַכט די אלע סרייפעס? טיער און די ריאַקציע האָבן דערנאָך דערפון געמאַכט די שווערסטע באַשולדיקונג קעגן די קאָמונארן. קעגן אָט די ווילדע ברואים, וואָס האָבן אפילע די שטיינער צורו ניט געלאָזט און האָבן געוואָלט צוזאַמען מיט זיך אליין פאַרטיליקן די שענסטע דיינקמאָלן פונם ווייטן אַמאָל.

ווי אַזוי איז אָבער מעגלאך געווען צו באַשטימען וועמענס קויל סע האָט געבראַכט מיט זיך דעם סרייפע-פונק, אין דער צייט, ווען די שיסעריי איז געגאַנגען אָן אופהער פון

ביידע צדדים? ווער ווייסט, צי איז עס געווען אַ ווערסאַלער גראַנאַט, צי אַ פּאַריזשער קויל? האָט דען ניט געלוינט די באַנאַפּאַרטיסן, וועלכע זיינען פריער געווען בײַ דער מאַכט, און אפילו די רעפּובליקאַנער כאָרעוו צו מאַכן ביזן גרונט די געביידעס פון פי-נאַנץ-מיניסטעריום, דעם קאָנטראָל, דעם מלוכע-ראַט, מיט אַלע זייערע פּאַפּירן, וועלכע האָבן געקאָנט איידעס זאָגן אף זייער שאַנד, פאַרקויפלאַכקייט און גנייוועס? עמעס, איינע פון אָט די סרייפעס האָט די קאָמונע מיט שטאָלץ גענומען אף איר אכראַיעס. דאָס איז די סרייפע פון טױלעריִ, וואָס מ'האָט אָנגעצונדן לויטן באַפעל פון דער קאָמונע, קעדיי ביזן סאָף צו פאַרניכטן די געביידע, ווו ס'איז 18 יאָר נאָכאַנאַנד געזעסן די אימפּעריע מיט אירע סאַטורנאַליעס. ווער וועט אָבער איצט זאָגן, אז די געביידע פעלט בײַ היינטיקן טאָג אָף צו באַשיינען פּאַריזש? און וואָס סע באַלאַנגט דאָס פאַרברענען פּריוואַטע הייזער, איז ווייסן מיר, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב סטראַטעגישע צוועקן, אף אָפּצושטעלן אינגאַנצן אָדער נאָר אָפּהאַלטן דעם אָנגריף פון סוינע, אָדער אָף צו באַוואָרענען די פאַר-טיידיקער פון די באַריקאַדעס פון צו זיין אַרומגערינגלט. דאָס איז אַ געוויינלאַכער קלאַ-סישער מיטל פון מילכאָמע, און צווישן פּאַריזש און ווערסאַל איז דאָך געגאַנגען אַנ'עמעסע מילכאָמע.

אין דעמזעלבן אָוונט איז פאָרגעקומען די ערשטע עקזעקוציע איבער די אָרוועסלייט. ראַול ריגאָ איז געקומען אין דער טורמע סען-פּעלאַזשי און האָט געפאָדערט, מ'זאָל אים אַרויסגעבן דעם זשאַנדאַרם שאָדעי, וועלכער האָט 22 יאַנואַר צעשאָסן אַנ'אוילעם אָפן פּלאַץ פון ראַטהויז, און נאָך דריי אַנדערע זשאַנדאַרמען פון די אַרעסטירטע. דידאָזיקע פיר האָט מען צעשאָסן.

דער שלאַכט איז געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, האָגאַם ניט אַזוי ענערגיש.

נאָך פּאַרטאָג-צו האָט ער אופגעפלאַקערט פון ס'ניי מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט. די ווערסאַלער טײלן האָבן געשטרעבט צו פאַרנעמען דאָס ראַטהויז, וועלכן זיי האָבן אַרומ-גערינגלט שוין פון דריי זייטן. יעדע רעגע האָט זיך געפילט די געפאַר, אַז אָט אָט וועלן זיי פאַרנעמען דאָס ראַטהויז מיט אַלע איינריכטונגען, וואָס זיינען אין אים געווען קאָנ-צענטרירט. דעריבער איז, ניט קוקנדיק אף די פּראָטעסטן פון דעלעקלוזן, אָפּגעגעבן גע-וואָרן אַ באַפעל איבערצוגיין אין אַנ'אַנדער פּונקט. די קאָמונע איז אריבער אין דער מעריע פון XI באַצירק. גלייך ווי מ'האָט נאָר אָפּגערייניקט דאָס ראַטהויז, האָט עס אָנגעהויבן ברענען. דער פלאַם האָט זיך באַוויזן מיטאַמאָל פון אַלע זייטן און האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע געביידע. אונטערגעצונדן האָט עס פאַרזוגלאַך דער קאָמענדאַנט פּינדי. דאָס איז פאָרגעקומען 10 אַזייגער אינדערפרי. מאַכמעס די באַריקאַדן, וועלכע האָבן אַרומ-געגאַרטלט דעם גאַנצן קוואַרטאַל און האָבן אַלע אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקן ווידערשטאַנד, האָבן די ווערסאַלער געקאָנט צוקומען צום רויִנירטן ראַטהויז ערשט אָפן צווייטן טאָג אינדערפרי.

דאָס פאַרנעמען דעם ראַטהויז און די צענטראַלע קוואַרטאַלן האָט געמאַכט אַ סאָף צו די קינדערשע און נאַאיווע אונטערהאַנדלונגען, וועלכע ס'האָבן זיך געפירט צווישן דעם צענטראַלן קאָמיטעט און דער „ליגע צו פאַרטיידיקן די רעכט פון פּאַריזש", קעדיי צו דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט ווערסאַל. דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט נאַאיוו געווען פאָרגעלייגט דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון אירע פול-מאַכטן. די קאָמונע פון איר זייט דאַרף אויך טאָן דאָסזעלבע און אָט די ביידע שפּאַגל-נייע, אַזוי צו זאָגן, פאַרזאַמלונגען, דאַרפן דערנאָך צוטרעטן איינצושטעלן אַ אַלגעמיינעם שאָלעם. אָט די אומזיניקע פּראָעקטן זיינען אָפילו באַהאַנדלט געוואָרן אין דער פּרעסע, און איבער דער שטאָט זיינען וועגן דעם צעקלעפּט געווען פּלאַקאַטן.

די קאָמונע האָט יעדנפאַלס ניט געהאַלטן פון דידאָזיקע כאַלוימעס. זי האָט געמאַכט, עמעס, א פעלער דערמיט, וואָס זי האָט צעשטויבט די פאַרטיידיקונג, אַנשטאט צו קאָנצענטרירן זי אינגאַנצן אונטער איר אייגענער אָנפירונג, דאָך האָט זי אָבער דעם קאָפּ ניט פאַרלוירן און האָט ניט געכאַלעמט וועגן דעם, אַז די טריומפירנדיקע רעאַקציע זאָל פרייוויליק אָפּגעבן איר רויב. די קאָמונע האָט זיך אָפּגעגעבן א קלאָרן דין-וואָכעשבן אין דער געשאַפענער סיטואַציע און אין דער פּראַקטישער לאַגע. זי האָט געוווּסט, אַז דער סוינע וועט בלייבן אומבאַרעכמאָנעסדיק און אַז פאַר די פּאַריזשער איינוואוינער בלייבט דעריבער ניט קיין שום אנדער אויסוועג, ווי נאָר מיט מוט און גווורע צו קעמפן פאַר זייער לעבן, און וואָס טייערער צו פאַרקויפן עס. שאַפן די געהעריקע לעוואַיע דער רעוואָלוציע, וואָס דער גוירל אירער איז שוין געפאַלן.

און ווירקלאַך. יעטוועדע האָפענונג איז געווען שוין פאַרלוירן. די אָנגרייפנדיקע האָבן מיט יעדער שאָ פאַרכאַפּט אַלץ נייע קוואַרטאַלן. אַפן לינקן ברעג איז געפאַלן שוין דער פּאַנטעאָן, נאָכדעם ווי סע זיינען גענומען געוואָרן די באַריקאַדן פון די גאַסן סופלאָ און גיי-ליוסאַק. דאָס קליינע הייפל אינסורגענטן, וואָס האָבן מיט מעסירעס-נעפעש פאַרטיידיקט דידאָזיקע באַריקאַדן, זיינען ביז איינעם געהאַרגעט געוואָרן אַפן אָרט. אַפן רעכט-ברעג זיינען שוין גענומען געוואָרן וואַנדאָמער פּלאַץ, טיוּליערי, לוּווער, די בירזשע, דער באַנק, פּאַלע-ראָיאַל — דאָס אַלץ איז געווען שוין „באַפרייט", רעדנדיק מיטן לאָשן פון טיערן. סאָף טאָג איז באַ די פעדעראַליסטן אין די הענט פאַרבליבן אַפן לינקן ברעג שוין גאָר א קלייניינקער שטאָך. די קעמפער פון דער רעוואָלוציע זיינען שוין אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אַלע בורזשואַזע און רייכע קוואַרטאַלן און פאַרטריבן געוואָרן אין זייערע אייגענע קוואַרטאַלן: דאָ וועלן זיי זיך פאַרטיידיקן מיט א פאַרביטערטער ענערגיע.

אינעם XIII באַצירק פון דיוּוואַלן, וואָס זיינע פּראָלעטאַרישע קאָהאָרטן האָבן אין מעשאַך פון די לעצטע צוויי כאַדאָשים שוין אַזויפיל בלוט פאַרגאָסן, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט עטלאַכע טויזנט קאָמונאַרן, אָנגעפירט האָט מיט זיי ווּרובלעווסקי, א פּוילישער עמיגראַנט, וועלכער האָט אין זיך פאַראייניקט מיליטערישע קענטעניש צוזאַמען מיט א רויקער דרייסטקייט. ער האָט באַפעסטיקט די מיט פון זיינע פּאָזיציעס מיט אַרטילעריע און באַ די זייטן האָט ער אוועקגעשטעלט שיסערס. דעם פאַרקער מיטן רעכטן ברעג האָט ער באַזאָרגט מיט שטאַרקע באַריקאַדן אַפן פּלאַץ פון זשאַן-דאַרין און באַם אויסטערליצער ברוק. די קאָמאַנדירונג האָט ער איבערגעגעבן אין זיכערע הענט. מיטוואָך אין אָוונט איז ווּרובלעווסקי אַטאַקירט געוואָרן דורך א גאַנצן אַרמייאישן קאָרפּוס. ער האָט אָפּגעשלאָגן פיר אַטאַקעס. דערנאָך זיינען די פעדעראַליסטן אַליין איבערגעגאַנגען אין אָנגריף און האָבן דערגרייכט שוין ביזן ביעוור; ווּרובלעווסקי האָט איינגעהאַלטן זיינע פּאָזיציעס אין מעשאַך פון דער גאַנצער נאַכט. ווען אומעטום וואָלטן געווען זיין אַזעלכע קאָמאַנדירן, וואָלטן די גאַסן-שלאַכטן געדויערט ניט קיין וואָך, נאָר אַ כוידעש.

אַפן רעכטן ברעג האָט מען צום צווייטן טאָג דערוואַרט א אַטאַקע אויף שאַטאָ-דאָ און באַסטיליע. מ'האָט דעריבער אָפגיך באַפעסטיקט די פּונקטן, וואָס פירן צו אָט די וויכטיקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס, וואָס אין שכיינעס מיט זיי געפינען זיך די וועגן צום סאַמע צענטער פון די אַרבעטער-קוואַרטאַלן — צום X, XI, XIX און XX באַצירקן און אויך צו דער מעריע פון XI באַצירק—דער באַהעלטעניש פאַר אַלץ, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון דער קאָמונע און פון אירע איינריכטונגען.

אָט צו דעם צענטער, צו דער מעריע פון XI באַצירק, האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפציען די פאַרבליבענע באַטאַליאָנען, וואָס די ווערסאַלער האָבן זיי אָפּגעוואָרפן פון זייערע

פּונקטן. צוזאַמען מיט די יעדיעס, וועגן קריגס-מאַפּאָלעס האָבן זיי געבראַכט אויך יעדיעס
וועגן דער אַכזאָריעס פון די ווערסאַלער, וועלכע האָבן מאַרגאָסן מיט בלוט אַלע „באַ-
פרייטע״ קוואַרטאַלן. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן דערציילט וועגן די שרעקן און האַרי-
געס, וואָס שווער איז פאַר זיי צו געפינען א נאָמען, און וואָס זיי האָבן מיט זייערע
אייגענע אויגן געזען. יעדערער פון זיי האָט זיך אליין געראַטעוועט נאָר מיט ניסים. און
אָט וואַקסט בּאַ די באַזיגטע און רייסט זיך ארויס גוואַלדיקער צאָרן. זיי טרעטן אָפּ פון
איין באַריקאַדע, קעדיי גלייך צו פאַרנעמען די אַנדערע, און קעמפן ביזן סאָף. אין זייערע
הערצער צינדט זיך אָן העלישע דרייסטקייט, וואָס ווערט אומדערבאַרעמיק. זיי ווייסן, אַז
אַלץ איז שוין געענדיקט, אַז זיי זיינען שוין פאַרמישפּעט, און סאָפקאָלסאָף, וועט איינע
פון די קוילן, וואָס פייפן אזוי אין זייערע אויערן, אָדער איינער פון די גראַנאַטן, וואָס
רייסן זיך איבער זייערע קעפּ, זיי ברייננגען אייביקע רו. זיי ווייסן, אז דער סוינע איז
אומבערחמנותדיק, אז קיין בארמהערציקייט און קיין רחמים איז בּאַ זיי ניטאָ, אז ער
דערשלאָגט די פאַרוווּנדעטע, האַרגעט צוזאַמען מיטן מאַן אויך די פרוי און דאָס קינד.
און בּאַ אָט די שרעקלאַכע אומשטענדן, האָבן די פעדעראַליסטן קיין ציטער ניט געטאָן
און ניט אָפּגעטראָטן. זייער איינציקער ווונש איז געווען — פאַרן אומקומען, צו געבן א
קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ, נויקעם זיין זיך, איידער זיי אליין וועלן אַראָפּ פון דער סצענע.
און פון אָט דערדאָזיקער אופגעפלאַמטער מאַכנע, טיילט זיך אויס איין קליינע טייל,
וועלכע גייט אַוועק צו לאַ-ראָקעט, קעדיי צו דערשיסן אייניקע פון די אָרוועס-לייט, וואָס
מ׳האָט זיי ערשט נעכטן אריבערגעפירט אהין. די טייל ווערט אָנגעפירט דורך זשענטאָן,
אַן אַלטן אינסורגענט מיט א ווייסער באָרד, וועלכער האָט נאָך געזען דעם יוני-אופ-
שטאַנד פון 1848 יאָר און האָט זיך באַטייליקט אינם אונטערערדישן קאַמף קעגן דער
אימפּעריע. „ווער וויל מיטגיין? — רופט אויס זשענטאָן. „איך, — ענטפערט איינער — איך
וויל זיך נויקעם זיין פאַר מיין ברודער״. „איך, — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער — איך דאַרף
זיך נויקעם זיין פאַר מיין פאָטער״. „איך האָב אויך רעכט! — שרייט א דריטער — זיי האָבן
צעשאָסן מיין פרוי״. סע האָבן זיך ארויסגערופן הונדערט פערזאָן, זשענטאָן האט פון זיי
מיטגענומען דרייסיק, און איז אוועק. דער פאַרוואַלטער פון דער טורמע האָט זיך אָפּגע-
זאָגט ארויסצוגעבן די אַרעסטירטע אָן א שריפטלאַכן באַפעל. זשענטאָן האָט זיך אומגע-
קערט אין דער XI מעריע, האָט דאָרטן אופגעזוכט פעררען און איז געקומען צוריק מיט
אַ באַפעל. אינם צעטל זיינען געווען: דער אַרכיעפּיסקאָפּ דאַרבוא, דער פּאָרזיצער
באָנזשאָן, דער גאַלעך פון מאַדלען-קלויסטער — דעגערי, און די יעזויטן אַדלאַר, קלערין,
דיוקודרע. מ׳האָט זיי אלע ארויסגעפירט פון די קאַמערעס און אין טורמע-הויף געשטעלט
זיי צו דער וואַנט. סיקאַר האָט א קאָמאַנדעווע געטאָן שיסן — און פינף פון זיי זיינען
גלייך געפאַלן. דער זעקסטער איז אומגעפאַלן נאָכן צווייטן זאַלפּ.
אף טיערס געזיכט האָט זיך געווייזן א מיעסער שמייכל, בעשאַס ער האָט זיך
דערוווּסט פון אָט דעם פאַקט. די רעוואָלוציע האָט סאָפקאָלסאָף פאַר אים געשאַפן די
לאַנג שוין דערוואַרטע קערפּערס, וואָס מ׳קאָן אף זיי אָנטאָן א קראַנץ פון קעדוישים.
אָ, איצט וועט ער עס שוין גוט אויסנוצן! ער וועט שוין וואָכנווייז שרייען — און אים וועט
נאָכשרייען די גאַנצע צוויעסדיקע בורזשואזיע —, אז אויב אין פאַריזש גיסט זיך בלוט,
אויב אין סאָטאָרי האַרגעט מען און מע צעשיסט מענטשן פון האַרמאַטן, איז ווערט עס
געטאָן נאָר לעשעם נעקאָמע פאַר אָט די הייליקע און איידעלע קאָרבאָנעס. א נידער-
טרעכטיקער שפּאַס! די אַרמיי פון אָרדענונג האָט שוין געשאָכטן אין מעשאַך פון דריי
טעג. און ווען ס׳זאָלן אַפילע ניט פאָרקומען יענע עקזעקוציע און נאָך איר די צווייטע
אף דער גאַס גאַקסאָ, וואָלט אויך די אַרמיי אויסגעהאַרגעט די זעלבע צאָל מענטשן. דער

קלאַס פֿון הערשאַפֿט האָט געדאַרפֿט באַקומען די נויטיקע צאָל קעפּ לויט זיין אייגענער רעכענונג. ער האָט געדאַרפֿט האָבן די קעפּ פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערן און פֿון אַלע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אַף איין מאָמענט געשטעלט אין אַ סאַקאַנע זיינע קלאַסן-פּריווילעגיעס...

ס׳איז ווידער געקומען די נאַכט מיט אַלע אירע שרעקן. ביידע צדדים האָבן זיך געגרייט, געשאַרפֿט דאָס געווער פֿאַרן לעצטן שלאַכט, וועלכער איז איבער דער פֿינסטערניש אַף אַ קורצער צייט איבערגעריסן געוואָרן. די ביקסן-שיסעריי האָט אופֿגעהערט, נאָר די האַרמאַטן האָבן נאָך אַלץ געקנאַלט, און זייער הילכן איז געוואָרן נאָך בייזער און שרעקלאַכער איבער דער אָנגעקומענער אַרומיקער שטילקייט. די פֿעדעראַליסטן און די ווערסאַלער — ביידע צדדים האָבן באַגאָסן די שטאָט מיט אַ פֿייערדיקן רעגן פֿון קוילן. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן נייע סרייפֿעס, וועלכע האָבן רויט באַלויכטן דעם הימל. איינצייטיק מיט די פֿריערדיקע סרייפֿעס, וועלכע זיינען נאָך אַלץ ניט געווען פֿאַרלאָשן, האָבן איצט אָנגעהייבן ברענען דאָס ראַטהויז, פּאַלע-ראָיאַל, דער לירישער טעאַטער, די פּאָליציי-פּרעפֿעקטור, דער יוסטיץ-פּאַלאַץ און נאָך אַסאַך אַנדערע געביידעס, וועלכע האָבן געשפּיגן מיט שטיקער העלישן פֿייער, ווי אַ ווולקאַן בעשאַסן אופֿבראָך.

לויטן אויסדרוק פֿון ליסאַגאָרע, וועלכער איז געווען אַן איידעס פֿון די אַלע געשעענישן, „האָט פּאַריז אויסגעזען, ווי אַ ריזיקער קנויל פֿון פֿייער און רויך”.

6 אינדערפֿרי האָבן די ווערסאַלער ווידער אָנגעהויבן זייער אָנגריף איבער דער גאַנצער ליניע.

צאָפֿן-צו האָבן די פֿעדעראַליסטן אין מעשך פֿון דער נאַכט אַליין אָפּגערייניקט דעם גרעסטן טייל פֿון X באַצירק און האָבן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון בריונעלן אָפּגעטראָטן צום פּלאַץ שאַטאָ-דאָ. אין צענטער איז דאָס ראַטהויז געווען אַרומגערינגלט מאַכמעס דעם, וואָס ס׳זיינען פֿאַרנומען געוואָרן דער וואַגעזער פּלאַץ און סען-אַנטואַנער גאַס. אָט די גאַנצע געגנט איז שוין געווען פֿאַרנומען. דאָס האָט געשאַפֿן אַ דירעקטע געפֿאַר פֿאַרן פּלאַץ פֿון באַסטיליע. אַפֿן לינקן ברעג זיינען צום גענעראַל סיסע צוגעקומען פֿרישע קרעפֿטן. ער האָט פֿינף מאָל נאָכאַנאַנד מיט זיינע צוויי בריגאַדעס אַטאַקירט ביוט-אָ-קאַיל און האָט סאָפֿקאָלסאָף געמומען דידאָזיקע פּאָזיציע. ווורובלעווסקי האָט אָפּגעשלאָגן אַלע אַטאַקעס אין מעשך פֿון 36 שאָ. דורך אַ געלונגענעם מאַנעוור האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּצוטרעטן דורכן אויסטערליצער בריק אַף יענער זייט סענע און ער איז אריבער אהין מיט אַ טויזנט טאַפּערע לייט, מיטפֿירנדיק מיט זיך אַ טייל פֿון די האַרמאַטן. סיסע איז טראָט נאָך טראָט נאָכגעגאַנגען נאָך די באַזיגטע העלדן, ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַף דער שטאַרק באַפֿעסטיקטער אויסטערליצער בריק; פֿון דער צווייטער זייט האָט דידאָזיקע בריק אַטאַקירט דער גענעראַל ווינואַ. די גענעראַלן האָט זיך איינגעגעבן צו נעמען די בריק נאָך אַ שלאַכט, וואָס האָט געדויערט עטלאַכע שאָ, און דערביי האָבן זיי געהאַט זייער גרויסע פֿאַרלוסטן. צום סאָף טאָג זיינען זיי צוגעגאַנגען צו די באַפֿעסטיקטע פּאָזיציעס פֿון פּלאַץ — באַסטיליע.

אַפֿן פּלאַץ שאַטאָ-דאָ האָט זיך די אַטאַקע שוין אָנגעהויבן. די אריינפֿאָרן פֿון אַלע זיבן גאַסן, וואָס קומען זיך צונויף צו אָט דעם ברייטן פּלאַץ, זיינען געווען פֿאַרשטעלט מיט באַריקאַדן. דער קאַמף האָט דאָ אָנגענומען אַ עפּיש-דערהויבענעם כאַראַקטער. זוכנדיק אַ באַשיצטן פּונקט, זיינען זיך אַהער צונויפֿגעקומען אַלע היציקע און אַנטשלאָסענע פֿאַרטיידיקער פֿון דער רעוואָלוציע. אָבער ניט אַף צו באַשיצן זיך זיינען זיי געקומען, נאָר אַף ווידער צו וואַרפֿן זיך אין קאַמף, וועלכער איז געווען שוין, בעלי ספֿק, דער לעצטער. באַשלאָסן אָפּצוגעבן זייער לעבן, האָבן זיי זיך צוזאַמענגענומען אַרום דער קאָמונע, אַרום דעם, וואָס ס׳איז נאָך פֿון איר פֿאַרבליבן, און געאַרבעט אין דער מעריע פֿון XI

באַצירק צווישן אָט דעם ראַטישן געהילך, צווישן די געשרייען פון פאַרווונדעטע, כאָרכלען פון שטאַרבנדיקע, צווישן דאָס פייפן פון קוילן און קנאַלן פון האַרמאַטן. דעלעקליוז, אַלט און קראַנק און הייזעריק, האָט נאָך אַלץ אויסגעפילט זיינע פליכטן פון קריגס-דעלעגאַט, האַלטנדיק זיך אויף די פיס נאָר מיט דער אָנגעשטריינגונג פון ווילנס-קראַפט. מיט אים צוזאַמען איז געווען זשורד, וועלכער האָט געהאַלטן לעבן זיך אַ קעסטל מיט 50 טויזנט פראַנק, וואָס ער האָט ערשט נעכטן אַרויסבאַקומען פון מעלוכע-באַנק, און האָט אויסגעצאָלט געהאַלט אזוי רויק, פונקט ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געזעסן אין פינאַנץ-מיניסטעריום. אין צווייטן צימער האָט פעריע קאַלטבלוטיק אויסגעפרעגט שפּיאָנען און פאַררעטער, וועלכע מ'האָט געהאַלטן אין איין פירן צו אים. גאַמבאָן און אַרנאָ, צוויי מיטגלידער פון קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלאכער רעטונג, זיינען אויך געווען דאָ. נאָר איין ביליאָרע איז ערגעץ פאַרשוווּנדן פון זונטיק אָן. נישט אים, און אויך נישט פעליקס פּיאַ'ן, דעם וואָס האָט קאָנקורירט מיט ביליאָרע'ן אין גרויזאַמקייט, בעשאַס די ווערסאַלער זיינען נאָך געווען פון יענער זייט שטאָט, האָט שוין קיינער מער נישט געזען. זיי ביידע זיינען אין יענע טעג געזעסן באַהאַלטן ערגעץ אין אַ זיכערן אָרט. מ'מוז עפענטלאַך דערקלערן, אַז קיין איינער פון די 26 אויסדערווײלטע האָט זיי נישט נאָכגעטאָן. די פון זייערע כאַווײרים, וועלכע זיינען נישט געווען געפאַנגען אָדער דערהאַרגעט, ווי ראַול ריגאָ, וועלכן מ'האָט פריער מיט אַ טאָג צעשאָסן גלייך נאָכדעם, ווי כ'זיינען גענומען געוואָרן די באַריקאַדעס פון פאַנטעאָן, די אַלע סיי פון דער מינדערהייט, סיי פון דער מערהייט, זיינען געווען דאָ, אויף זייערע פאָסטנס פון אַכראַיעס און געפאַר. ס'זיינען געווען דאָ קורנע, מאָרטיע, ווערדיור, מאַרטלע, שאַמפּ, קלעמאַן, וואַליאַן, זשאָגאַנאַר, וויאַר, שאַרדאָן, זשערעזם, דערער, טרענקע, פאָטיע, אַליקס, בריונעל, דאָ זיינען אויך געווען וואַלעס, לאָנגע, אַרנאָלד, פרענקעל, פינדי, סעראַליע, אָוריאַל, זשיראַרדען לעפראַנסע, ווערמאָרעל, טעיס, אָסטען, וואַרלען, מאַלאָן. זיי אַלע זיינען געווען אויף די פיס שוין פיר מעסלעס, נישט אָפּגערוט פאַר דער צייט קיין איין רעגע, אַרומגעגאַנגען פון איין באַריקאַדע צו דער צווייטער, צוגעפירט אַהין האַרמאַטן און קוילן און געטאָן אַלץ, קעדיי צו פאַרשטאַרקן די פאַרטיידיקונג. אַסאַך פון זיי האָבן אַליין גענומען ביקסן און האָבן געשאָסן האַנט בא האַנט מיט די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער. אייניקע פון זיי האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלאכן העלדנמוט, ווי, לעמאָשל, ווערמאָרעל: ער איז אַרומגעפאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד — ביז דעם טאָג האָט ער זיך אויף קיין פערד קיינמאָל נישט געזעצט — און האָט אַרויסגעשטעלט זיין ברוסט קעגן יעדער קויל.

דאָנערשטיק באַטאָג האָבן זיי זיך אַלע פאַרזאַמלט אויף אַ זיצונג, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דער פאָדערונג פון אַרנאָלדן. אַרנאָלד דערקלערט, אַז דער סעקרעטאַר פון דער אַמעריקאַנער פאַרשטייערשאַפט איז געקומען צו אים פאָרלייגן די פאַרמיטלונג פון די דייטשן. דעלעקליוז און וואַליאַן האָבן אָנגעוויזן, אַז אָננעמען דעם פאָרשלאַג איז אוממעגלאך און האָבן אפילו פּראָטעסטירט קעגן דעם. ס'איז דאָך שוין געווען באַוווּסט, אַז פון מאָנטעק אָן איז צווישן דער ווערסאַלער רעגירונג און דעם זאַקסישן פּרינץ שוין געשלאָסן אַ אָפּמאַך, לויט וועלכן די כאַיאַלעס פון „אָרדנונג” האָבן באַקומען רעכט צו באַנוצן זיך מיט דער נייטראַלער זאָנע. מ'האָט דאָך שוין געוווּסט, אַז אַלע פאַריזשער אָן אונטערשייד — מאַנסבלען און פרויען — ווערן אָטן אָרט צעשאָסן, ווען זיי פּרווון פאַרלאָזן די שטאָט, באַהאַלטן זיך הינטער די פּרייסישע ליניעס. נאָר נישט געקוקט אויף די אַלע דערווידערונגען, האָט די מערהייט דאָך אַרויסגעזאָגט זיך פאַר אָט דעם פאָרשלאַג, און ס'איז באַשטימט געוואָרן, אַז אַרנאָלד, צוזאַמען מיט דעלעקליוזן, ווערמאָרעלן און וואַליאַן, גייען קיין ווענסען, קעדיי צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די קלוימערשטע פאַרמיטלער.

און די דעלעגאַציע איז אַוועק. אַרום דריי א זייגער זיינען זיי צוגעקומען צו וועגסע-נער טויער, נאָר די פעדעראַליסטן, וועלכע האָבן דאָרטן געהאַלטן די וואַך, האָבן זיך אָפּגעזאָגט זיי דורכצולאָזן: זיי האָבן געפאָדערט א ערלויבעניש פון דער „קאָמיסיע פון זיכערקייט". איינער פון די דעלעגאַטן האָט זיך אומגעקערט צוריק אין דער XI מעריע און האָט געבראַכט מיט זיך א באַפעל, געכאַסמעט פון מערדע. נאָר ניט קוקנדיק דערויף, האָט זיך די וואַך פאַראַקשנט און ניט דורכגעלאָזן די דעלעגאַציע. די פעדעראַליסטן האָבן כּישעד געוועזן א פאַרראַט אָדער א פליטע, און די דעלעגאַציע האָט זיך געמוזט אומקערן צוריק קיין פאַריז, ווייל ס'איז געווען אוממעגלאַך איבערצורייידן אָט די אופגערעגטע און איינגעשפּאַרטע מענטשן.

די לאַגע אין XI באַצירק איז דערווייל געוואָרן באַדייטנדיק ערגער. די באַריקאַדן פון דער גאַס מאַגיאַן זיינען געפאַלן און פון דאָרט האָט מען געבראַכט צוטראָגן בריוונעלן, מיט א שווערער ווונד אין דער זייט. די קאָנסערוואַטאָריע פון קונסט און מעלאָכע איז געווען אַרומגערינגלט, די איבערשטע טייל פון III באַצירק איז געווען שוין אין די הענט פון סוינע, וועלכער האָט זיך שוין דערנעענטערט צו די באַריקאַדן פון דזשאַזע-טעאַטער און פון וואָלטער-בולוואַר. די יעדיעס פון באַסטיליע זיינען אויך געווען טרויעריקע. פון דאָרטן האָט מען געהאַלטן אין איין ברענגען פאַרוווּנדעטע. צווישן די לעצטע איז געווען אויך דמיטריעווע, זי האָט אונטערגעהאַלטן פרענקעלן, וועלכער איז געווען פאַרוווּנדעט נאָך שווערער ווי זי.

דאַן האָט דעלעקליוז אָנגענומען א באַשלוס. „זייט געזונט! — האָט ער געזאָגט, אַרויס-גייענדיק פון דער מעריע—איך גיי אוועק. זאָל מען מיך הארגענען!" און ער איז אוועק—אַראָפּ צו מיטן וואָלטער-בולוואַר. אים האָבן באַגלייט עטלאַכע פעדעראַליסטן, און אויך די פריינט זיינע זשורד און ליסאַגאַרע.

אפן פלאַץ שאַטאָ-דאָ האָט געווילדעוועט דער טויט. אַפן וועג האָבן זיי באַגעגנט טייס'ן, ווערמארעל און זשאקלאַרן, וועלכע האָבן געפירט דעם פאַרוווּנדעטן ליסאַבאָן גראָדע אין דעם מאָמענט איז ווערמארעל געפאַלן א פאַרוווּנדעטער — (פון דער ווונד איז ער טאַקע געשטאָרבן). זשורד און טייס האָבן אים אופגעהויבן און אַוועקגעטראָגן. דעלע-קליוז האָט געדריקט דעם פאַרוווּנדעטן די האַנט און האָט זיך געלאָזט גיין ווייטער, צום אַרויסגאַנג פון בולוואַר. זיינע כאַווירים זיינען אָפּגעשטאַנען, ער איז געבליבן איינער אליין. דאָ געבן מיר איבער די ווערטער פון ליסאַגאַרע, וועלכער האָט אזוי גוט באַשריבן אָט די בלוטיקע וואָך. ער האָט אַליין אלץ איבערגעלעבט, פאר קיין שום געפאר האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט, קעדיי אלץ צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן.

„די זון האָט זיך געזעצט הינטער דעם פלאַץ. דעלעקליוז איז געגאַנגען אַלץ פאָרויס מיט איינעם און דעמזעלבן טראָט, און האָט קיין איינמאָל זיך ניט אומגעקוקט צוריק, צו זען צי עמיצער גייט אים נאָך. ער איז געווען דער איינציקער לעבעדיקער אַף דער גאַנצער גאַס. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער באַריקאַדע, און איז אַרופגעגאַנגען אַף איר פון לינקס. זיין שטריינג געזיכט, באַקרוינט מיט דער ווייסער, קורץ געשוירענער באָרד, האָט זיך צום לעצטן מאָל, באַוויזן פאר אונז: פלוצלינג איז ער פארשוווּנדן, דעלע-קליוז איז, דורכגעשאָסן פון ביקסן-קוילן, געפאַלן אפן פלאַץ שאַטאָ-דאָ".

די פעדעראַליסטן האָבן ניט געקאָנט באַקומען זיין קערפּער: די ווערסאַלער האָבן אפן צווייטן טאָג שטילערהייט אים מעקאַבער געווען.

אין מעשאַך פון דער נאַכט האָט די קאָמונע באַשלאָסן אריבערצוטראָגן איר הויפּט-קוואַרטיר אין דער מעריע פון XX באַצירק. איינדערפרי איז קלאָר געוואָרן, אז די ווער-סאַלער האָבן שוין נייע גרויסע ערפאָלגן. בא די פעדעראַליסטן אין די הענט איז

פאַרבליבן קוים א פינפטכיילעך פון דער הויפּט-שטאָט און אויך דאָס האָבן זיי פאַרלוירן יעדער מינוט שטיקלאַכווייס. דער גענעראַל לינואַ איז מאַרגאַנגען אין רוקן פון XII באַצירק, קעדיי דורכצורייסן זיך צו באַסטיליע. באַסטיליע האָט קאַפּיטולירט אַרום 2 אזייגער באַטאָג, נאָך א העלדישן ווידערשטאַנד.

צופוסנס די באַריקאַדעס, מיט וועלכע די פעדעראַליסטן האָבן פאַרצוימט די אריינפאָרן פון אַלע גאַסן באַם באסטיליע-פּלאַץ, איז געווען אנגעוואַלגערט א גאַנצער באַרג טויטע קערפּערס. בלויז אף איין באַריקאַדע פון דער גאַס שאַראָני האָט מען אופגעהויבן 105 קערפּערס. די פאַרשטאָט סען-אַנטואַן איז אויך געווען ארומגערינגלט. די ווערסאַלער האָבן זיך אַריינגעריסן אַהין און האָבן געמאַכט א שרעקלאַכע שכיטע. די באַריקאַדן פון שאַטאָ-ד'אָ זיינען צו יענער צייט שוין פון לאַנג אנטשוויגן געוואָרן, און די פאַרטיידיקער זייערע זיינען אָפּגעטראָטן צום קאַנאַל, וועלכער איז נאָך אין דער גאַנצער לייַנג זיינער געווען פריי און האָט אזוי אַרום פון זיך פאָרגעשטעלט א נאַטירלאַכע שוץ-ליניע. פון צאָפן זייט האָט דער קאָרפּוס פון לאַדמירא פאַרכאַפּט שאַפעל און האָט דערגרייכט ביז ווילעט. אף אַזאַ אויפן האָט דער ריינג פון טויט אַרום די פעדעראַליסטן זיך אַלץ מער און מער צונויפגעצויגן. צו מיזראַך צו, אינם איינציקן פאַרפעסטיקטן פונקט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן בא די פעדעראַליסטן, האָט מען געקאָנט זען די פרייסן, וועלכע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין מיליטערישער אָרדנונג און זיינען געווען גרייט צו צעשיסן די פעדעראַליסטן, באַלד נאָר זיי וועלן מאַכן א פרווו אָפּצוטרעטן אין זייער ריכטונג.

קיין אויסגאַנג איז שוין מער ניט געווען, קיין האָפענונג אויך ניט. אומעטום—טויט! רעאַקציע האָט געגעבן א שווּע ניט איבערצולאָזן קיין סאָריד-וועפּאָליט אין אָט די פאַרשאָלטענע קוואַרטאַלן, אין אָט דעם בעלוויל און מענילמאָנטאַן, אין דעם וויגל פונם מאַרט-אופשטאַנד, דאָרט ווו ס'האָט די גאַנצע צייט וויבּרירט די נעשאָמע פון דער רעוואָלוציע, דאָרט ווו זי האָט געלעבט ערשט מיט עטלאַכע שאָ צוריק. די קאָמונאַרן, וועלכע האָבן דאָרטן געוואוינט אָדער זיינען געקומען אַהין, ווי צום לעצטן אָנהאַלט, די קאָמונאַרן האָבן גוט פאַרשטאַנען, אז זיי אלע וועלן אונטער אָט די רוינען געפינען זייער קייווער. איז דען א כידעש, וואָר פארן אומקומען האָבן זיי אַלץ געטאָן, קעדיי זיך נויקעם צו זיין מיט די מיטלען, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט אין זייער רעשוס? איז דען א כידעש, וואָס דעם אומבערעכמאָניסדיקן ווערסאַל האָבן זיי געענטפערט מיטן צעשיסן 48 ארוועס-לייט, פון וועלכע 36 זיינען פריער געווען זשאַנדאַרמען, פּאָליציאַנטן אָדער שפּיאָנען און 12 האָבן געהערט צו די גייסטלאַכע דינער. אָבער ווער האָט געהאַרגעט? דער אַנאָנימער האַמוין, וואָס די בורזשואַזיע און די אַרמיי האָט אין מעשאַך פון 5 טעג זייער בלוט געגאָסן ווי וואַסער. די אָנגעלאָפענע אין קאַמף, וואָס די דריי-פאַרביקע פרעסע האָט זיי אין דעמזעלביקן טאָג פאַרמישפּעט צום טויט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„די פעדעראַליסטן האָבן שוין ניט וואָס צו האָפן אף ראַכמאָנעס: דער פּאָשעטער גוואַרדייער, אָדער דער אָפיצער—אלע וועלן צעשאָסן ווערן. די אופגערעגטע סאָלדאַטן ווילן שוין מער ניט נעמען קיין געפאַנגענע.

די בירגערלאַכע באַפעלקערונג, איז אופגערייצט, קאָן זיין, נאָך מער פון די סאָלדאַטן. דידאָזיקע באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען אונטערדריקט דורך דער קאָמונע און אירע געהיימע ראָצכים, ווייזט איצט בענויגייע צו זיי ארויס אַזאַ הארטקייט, אז מ'וואָלט זי געקאָנט אפילע אָנרופן אַכזאָריעס, ווען סע זאָל ביכלאל שאַיעך געווען צו ריידן וועגן אַכזאָריעס בענויגייע צו אָט די מערדערי".

וויפיל מענטשן פון פּאָקק זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פאַר אָט דער צייט? מיר ווייסן נאָר די נעמען פון די מער באַוווסטע. די איבריקע אָבער, די פּאָשעטע מענטשן,

די אומבאַוווסטע, פּרויען, קינדער, זקיינים, פֿאַרוווּנדעטע, וועלכע מ'האָט פֿון די שפּיטאָל־בעטלאַך אַרויסגעשלעפּט, פּונקט אַזוינע גרויסע, פּונקט אַזוינע העלדן, וואָס זיינען געשטאָרבן אין דער שטיל, אָן אַ געשריי... ווער קאָן וויסן זייערע נעמען, ווער וועט אַרויסרופֿן זייערע פֿאַרבלוטיקטע געשטאַלטן?

די נאַכט איז נאָך ניט אָנגעקומען. די אומאויפֿהערלאַכע קאַנאָנאַדע האָט געבראַכט איר געוויינלאַכן עפֿעקט: זי האָט אויסגעבילדעט און צוזאַמענגעפּרעסט וואָלקנס. עס גיסט אַ רעגן. נאָר אָט ווערט דער טונקעלער הימל באַלויכטן מיט פֿייער־פֿלאַמען. דאָס האָבן זיך אָף לאַ־ווילעט אָנגעצונדען די לאַגערן פֿון ברען־מאַטעריאַלן — מינעראַלע אייל, סמאָלע און פּעטראָלעום.

אין אָט דער נאַכט האָט מען אין ווערסאַל געמיינט, אַז סע ברענט גאַנץ פּאַריזש. פֿינצטערע און בייזע רו פֿון שלאַכט! אַלע העלדן, וואָס האָבן פֿאַרן טויט געוואָלט נאָך קעמפֿן, האָבן געפֿונען זייער לעצטן שטיץ־פּונקט אָף די הייכן פֿון XIX און XX באַצירקן. די רעשטלאַך פֿון די באַטאַליאָנען האָבן זייערע מאַכנעס צעוואָרפֿן פּאָשעט אָף די גאַסן, דירעקט אָף דער צעווייקטער ערד. ס'איז געקומען אַ כמורער און נאַסער פֿאַרטאָג.

די ווערסאַלער האָבן באַנייט זייער אָנגריף. דער רינג פֿון טויט האָט זיך נאָך איינגער צוזאַמענגעצויגן. די קאָמונאַרן זיינען שוין אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן ביז צום בייסוילאָם פֿון פּערלאַשעז, פֿון וואַנען ס'האָבן נאָך אַלץ געדונערט זייערע האַרמאַטן. דעלעקליוז האָט אָפֿיציעל פֿאַרביטן איינער איפּאָליט פּאַראַן, נאָר פּאַקטיש האָבן געקאָמאַנדעוועט ראַנוויע און פֿאַסדוע: זיי זיינען עס געווען די נעשאָמע פֿון אָט דעם לעצטן ווידערשטאַנד. אָף דער גאַס ראַקסאָ האָבן זיך נאָך געפֿונען ביז 15 מיטגלידער פֿון דער קאָמונע: זשורד, וואַליאַן, וואַרלען, וואַלעס און אַנדערע.

דער עפּילאָג אָבער פֿון דער גרויסער דראַמע איז געווען שוין נאָענט. אין בעלוויל זיינען יעדע מינוט געפֿאַלן ביז הונדערט האַרמאַטן־קוילן. אַלע די, וואָס האָבן ניט געקעמפֿט, האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס. דריי פֿערטל פֿון דער אָרדנונג־אַרמיי, 100 טויזנט מאַן, זיינען געקומען אַהער, קעדיי מיט איין קלאַפּ צו מאַכן אַ סאָף און דערשטיקן דאָס הייפֿל העלדן, וועלכע האָבן אויסדערוויילט בעסער שטאַרבן איידער אונטערצוגעבן זיך. ביידע פֿליגלען פֿון דער אַרמיי זיינען זיך שוין קימאַט צונויפֿגעקומען. 8 אַ זייגער אין אָוונט האָט ווינוא מיט שטורם גענומען דעם בייסוילאָם פּערלאַשעז. דאָרט האָט מען זיך געשלאָגן אַפֿילע אָף די קוואָרים און מאַציי״וועס. לאַדמיראָ האָט ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ס'איז שוין צוגעפֿאַלן די נאַכט, ניט אָפּגעשטעלט זיין אָנגריף און האָט דערגרייכט ביז צופֿונס פֿון די שאַמאַנער הייכן, וואָס די האַרמאַטן זייערע האָבן לעסאָף געמוזט אַנשוויגן ווערן, ווייל ס'איז ניט געווען שוין מער קיין קוילן. לאַדמיראָ האָט אַטאַקירט די הייכן און נאָך אַ זעקסשאָעדיקן קאַמף האָט ער פֿון דאָרט אַרויסגעשטויסן די לעצטע פֿעדעראַליסטן.

4 אַזייגער באַנאַכט. עס שאַריעט אָף טאָג, ס'גייט אַ רעגן. אָט דער אָנקומענדיקער זונטעק, 28 מאַי, האָט צוגעקוקט די לעצטע קאָנוווּלסיעס פֿון דער דערשטיקטער און מיט די פֿיס צעטראָטענער רעוואָלוציע. מ'שלאָגט זיך נאָך אין דער אויבערשטער טייל פֿון דער גאַס אַנגולעם און אין פֿאָרשטאָט טאַמפּל. גאַמבאָן, קלעמאַן וואַרלען, פֿערדע און זשערעזם קאָמאַנדעווען נאָך אָף די באַריקאַדעס, די שיסעריי ווערט אָבער אַלץ זעלטענער און מיט אַלץ לייגערע האַפּסאָקעס. פּאַטראָנעס זיינען אויסגעגאַנגען פֿריער, איידער מענטשן. 2 אַזייגער באַטאָג האָט אָף דער גאַס ראַמפּאָנאָ אָפּגעהילכט דער לעצטער שאָס... אַלץ איז געווען געענדיקט. די רעוואָלוציע איז געשטאָרבן.

דעקרעטן און אופרופן

טיערס אופרוף וועגן צענטראַל־קאָמיטעט

די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער פון פּאַריזש!

דער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן — צענטראַלער, האָט פאַרכאַפּט עטלאַכע האַרמאַטן, האָט באַדעקט פּאַריזש מיט באַריקאַדן און האָט אין מעשאַך פון דער נאַכט פאַרנומען דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום.

ער האָט אויפגעהויבן אַ שיסעריי קעגן די פאַרטיידיקער פון אָרדענונג; ער האָט געמאַכט אַרעסטן. ער האָט קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט דעם גענעראַל קלעמאַן טאָמאַ און דעם גענעראַל פון דער פראַנצויזישער אַרמיי — לעקאָנט.

ווער־זשע זיינען די מיטגלידער פון אָט דעם קאָמיטעט?

אין פּאַריזש קאָן זיי קיינער ניט. זייערע נעמען זיינען דער וועלט אומבאַוווּסט. קיינער קאָן אַפילע ניט זאָגן, צו וואָסער אַ פּאַרטיי זיי געהערן: זיינען זיי קאָמוניסטן, באָנאַפּאַרטיסטן, אָדער פּרייסן? אָדער גאָר אַגענטן פון עפּעס אַ דרייאייניקער קאָאַליציע? ווער זיי זאָלן ניט זיין — זיינען זיי שׂונאים פון פּאַריזש, וועלכן זיי געבן איבער אויף באַרויבן; זיי זיינען שׂונאים פון פראַנקרייך, וואָס זיי געבן עס איבער צו די פּרייסן. זיי זיינען שׂונאים פון דער רעפּובליק, וועלכע זיי געבן איבער צום דעספּאָטיזם. זייערע גוואַלדיקע פאַרברעכנס וועלן באַ יענע, וואָס וועלן זיך באַשליסן נאָכפאָלגן זיי, אָפּנעמען יעטוועדע רעכט אויף ראַכמים.

צי ווילט איר נעמען אויף זיך די אַכריאַיעס פאַר די האַריגעס, וואָס זיי האָבן געמאַכט און פאַר די כורבוינעס, וועלכע זיי וועלן מאַכן? אויב יאָ — בלייבט אינדערהיים. נאָר אויב אייך איז טייער אייער קאָוועד און אייערע הייליקע אינטערעסן, — איז פאַרייניקט זיך דאָן צו דער רעגירונג פון דער רעפּובליק און צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

פּאַריזש, 19 מאַרט 1871 י.

מיניסטאָרן, וואָס געפינען זיך אין פּאַריזש:

דיופאָר, זשיול פאַוור, ערנעסט פּיקאַר, זשיול סימאָן, אַדמיראַל פּאָטיואָ, גענעראַל לע־פלאָ.

אופרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט וועגן דער געשעענער איבערקערעניש צום פאָלק

בירגער!

די פּאַריזשער באַפעלקערונג האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך, וואָס מ'האָט זיך געפּרוווט אויף איר אַרופלייגן.

רויק און זיכער אין איר קראַפט, האָט זי אָן מוירע און ניט רייצנדיק קיינעם, געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען די פרעכע און אומזיניקע וועלן וואַגן אָנצורירן אונזער הייליקטום — די רעפּובליק.

היינטיקס מאָל האָבן אונזערע ברידער, די סאָלדאַטן פון דער ארמיי, אָפּגעזאָגט זיך אופצוהייבן די הענט אפן היילִיקטום פון אונזער פרייהייט. מיר דריקן זיי אַלעמען אויס אונזער דאַנק. זאָל פּאַריזש, און צוזאַמען מיט אים גאַנץ פראַנקרייך, שאַפן איצט א פעסטן פונדאַמענט פאר אַן עמעסער רעפּובליק, פאר דער איינציקער רעגירונג, וואָס, וועט איינמאָל פאר אַלעמאָל מאַכן א סאָף צו דער עפּאָכע פון פיינטלאַכע אָנפאַלן און בירגער-קריג. דער באַלאַגערונג-צושטאַנד איז אָפּגעשאַפט.

די באַפעלקערונג פון פּאַריזש ווערט געבעטן צו קומען אין אירע סעקציעס, קעדיי דורכצומאכן די קאָמונאַלע וואַלן.

די זיכערקייט פון די בירגער איז גאַראַנטירט אדאַנק דער מיטהילף פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

שטאָטישע ראטהויז פון פּאַריזש, 19 מאַרט.

צענטראַלער קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע:

אַססי, בילִיאַרע, פּעריאַ, באַביק, עד, מאָראָ, ק. דיופּאָן, וואַרלען, בורסיע, מאָרטיע, גויע, לאַוואַלאָט, פר. זשורד, רוסאָ, ש. לוליע, בלאַנשע, זש. גראָלאַר, באַרו, זשעריעס, פאבר, פּוזשערע.

אופרוף וועגן דער פּראָקלאַמירונג פון דער קאָמונע

בירגער!

די קאָמונע איז געגרינדעט.

די אָפּשטימונג פון 26 מאַרט האָט סאַנקציאָנירט דעם ניצאָכן פון דער רעוואָלוציע.

די נידערטרעכטיקע מאַכט איז אָנגעפאַלן אף אייך און געכאַפּט אייך פארן גאָרגל. דורך אייער געזעצלאַכער זעלבשוץ, האָט איר פארטריבן פון אייערע ווענט די רעגירונג, וואָס האָט געוואָלט אייך שינדן און אָנבינדן אייך א קעניג.

איר האָט ניט געוואָלט פארפאָלגן אָט די פארברעכערס און זיי נוצן איצט אויס אייער גרויסמוטיקייט, אָרגאַניזירנדיק באַ די טויערן פון דער שטאָט א נעסט פון מאָנאַרכיסטישער קאָנספּיראַציע. זיי רופן צו בירגער-קריג, צוליב דעם קויפן זיי אונטער, מאַכן פארשווערונגען און זיינען אזוי כוצפּעדיק, אַז זיי בעטלען הילף באַם סוינע.

פאר אָט די נידעריקע גיינג זייערע רופן מיר זיי צום געריכט פון פראַנקרייך און פון דער גאַנצער וועלט.

בירגער! איר האָט נאר וואָס געשאפן אנשטאַלטן, וועלכע וועלן אומשטאַנד זיין צו קעמפן מיט אָט די אָנפאַלן.

איר אַליין זענט די באַלעבאַטים פון אייער גוירל. די רעגירונג, וואָס איר האָט געשאַפן, וועט מיט דער קראַפט פון אייער שטיצע פארריכטן אַלע שאָדנס, וואָס די אָפּגעלעבטע רעגירונג האָט געבראַכט דער שטאָט. די צוגעדריקטע אינדוסטריע, די אָפּגעשטעלטע אַרבעט, דער פּאַראַליזירטער האַנדל, — דאָס אַלץ וועט באַקומען אַ נייע און שטאַרקע באַוועגונגס-קראַפט.

אין דער ערשטער ריי שטייט די פראַגע וועגן דירע-געלט, דערנאָך גייט די פראַגע וועגן טערמינען פון צאָלן, וועגן אופשטעלן און פארייניקן אַלע געזעלשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס, וועגן באַלדיקן רעאָרגאַניזירן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, וואָס פון היינט אָן איז זי די איינציקע באַוואָפנטע קראַפט פון שטאָט.

אָט דאָס וועלן זיין אונזערע ערשטע שריט. די פאָלקס-אויסדערוויילטע בעטן, אז זייערע ווײלער זאָלן זיי מיט צוטרוי מיטהעלפן צו פארפעסטיקן דעם ניצאָכן פון דער רעפובליק.

זיי, פון זייער זייט, וועלן דעם כּיוו זייערן אויספילן.

שטאָטישער ראַטהויז, 29 מאַרט 1871 י.

פאַריזשער קאָמונע

דעקרעט פון קאָמונע וועגן איבערגעבן צום געריכט די אָנפירער פון ווערסאַלער רעגירונג

נעמענדיק אין אַכט, אז אַלע מיטגלידער פון ווערסאַלער רעגירונג האָבן דערקלערט און אָנגעהויבן דעם בירגער-קריג, זיינען אָנגעפאלן אַף פאריזש, האָבן געהאַרגעט און פארוווּנדעט פיל סאָלדאַטן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און פונם רעגולערן מיליטער, און אויך פרויען און קינדער, אַז דאָס פאַרברעכן, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען קעגן יעט-ווּעדער רעכט, איז מיט גאָרנישט ניט ארויסגערופן, איז פאָרויסבאַטראַכט און פארעטעריש, באַשטימט די קאָמונע:

1) די הערן טיער, פאַוור, פיקאַר, דיופאָר, סימאָן און פאָטיואָ ווערן צוגעצויגן צום געריכט.

2) זייער פאַרמעגן דאַרף אַרעסטירט און סעקוועסטרירט ווערן ביז זיי וועלן ניט קומען פאַרן פאָלקס-געריכט.

3) די רעגירונגס באַפולמעכטיקטע פון יוסטיץ-מיניסטעריום און פון געזעלשאַפטלאַכער זיכערקייט וועלן זאָרגן וועגן דעם, אז דערדאָזיקער דעקרעט זאָל דורכגעפירט ווערן.

פאַריזשער קאָמונע.

דעקרעט וועגן אָפטיילן רעליגיע פון מעלוכע

נעמענדיק אין אַכט, אַז דער גרונט-פרינציפּ פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק איז פרייהייט;

אַז פון אַלע מינים פרייהייט איז די וויכטיקסטע — פרייהייט פון געוויסן;

אַז דער מעלוכע-בודזשעט פאַר רעליגיעזע איניאָנים איז סויסער אָט דעם פרינציפּ, ווייל ער איז א גוואַלדאַט איבער די איבערצייגונגען פון די בירגער;

אַז אין דער ווירקלאכקייט האָבן די גאַלאָכים אַנטייל גענומען אין אַלע פאַרברעכנס פון דער מאָנאַרכיע קעגן דער פרייהייט;

באַשטימט די קאָמונע:

1) רעליגיע ווערט אָפּגעטיילט פון דער מעלוכע.

2) דער קלויסטער-בודזשעט ווערט אָפּגעשאַפט.

3) אַלע באַוועגלאַכע און אומבאַוועגלאַכע, אַזוי גערופענע פאַרפעסטיקטע גיטער, וואָס געהערן צו די רעליגיעזע געמיינדעס, ווערן דערקלערט פאַר א נאַציאָנאַלן אייגנטום.

4) ס׳ווערט באַשטימט גלייך צו מאַכן א אויספאָרשונג וועגן אָט די גיטער, קעדיי קלאָר צו מאַכן זייער כּאַראַקטער און איבערגעבן זיי אין רעשוס פון דער נאַציע.

פאַריזשער קאָמונע

דעקרעט וועגן צעשטערן וואַנדאָמער קאָלאָנע

נעמענדיק אין אַכט, אַז דער קייסערלאַכער זאַל אַפן וואַנדאָם-פּלאַץ איז א דיינקמאָל פון ווילדקייט, א סימוואָל פון מעגוּשעמדיקער קראַפט און פון פאַלשן רום, א באַשטעטיקונג פון מיליטאַריזם, א אָפּלייקונג פון צווישנפעלקערלאַכע רעכט, א אייביקע באַליידיקונג פאר דידאָזיקע מיצאַד די זיגער, א שטענדיקער אָנפאַל אף איינעם פון די דריי גרעסטע פּרינציפּן פון דער רעפּובליק — אף ברודערשאַפט, —

באַשטימט די פאַריזשער קאָמונע:

די וואַנדאָמער קאָלאָנע דאַרף צעשטערט ווערן.

פאַריזשער קאָמונע

13 אַפּריל 1871 י.

דעקרעט וועגן איבערגעבן די ווארשטאַטן, וואָס זיינען פארלאָזט דורך די באַלעבאַטים, צו די קאָאָפּעראטיווע אַרבעטער־פאַריייניקונגען

נעמענדיק אין אַכט, אַז פיל וואַרשטאַטן זיינען פאַרלאָזט דורך זייערע באַלעבאַטים, וואָס ניט רעכענענדיק זיך מיט די אינטערעסן פון די ארבעטער, שטרעבן זיי אויסצומיידן זייערע בירגערלאַכע פליכטן, און אַז צוליב דעם האָבן זיך אָפּגעשטעלט אסאך ארבעטן, וואָס זיינען נויטיק פאַרן לעבן פון דער קאָמונע, און דער וואוילשטאַנד פון די ארבעטער איז אונטערגעריסן געוואָרן,

באַשטימט די קאָמונע:

ס'ווערן צונויפגערופן די סינדיקאַלע אַרבעטער-ביוראָען, קעדיי צו גרינדן א אינפאָרמאַציאָנס-קאָמיסיע, וואָס דער צוועק אירער איז:

1) געבן א סטאַטיסטיק פון די פארלאָזטע וואַרשטאַטן מיט א גענויער באַשרייבונג פונם צושטאַנד, אין וועלכן זיי געפונען זיך, און מיט אַ גענויעם צעטל פון די אינסטרומענטן, וואָס זיינען דאָרט פאַראַן.

2) צושטעלן א באַריכט וועגן די פּראַקטישע מיטלען, וואָס קאָנען אָנגעווענדט ווערן, קעדיי וואָס גיכער צו לאָזן אין גאַנג אָט די וואַרשטאַטן, וואָס פון די הענט פון די דעזערטירן וואָס האָבן זיי פארלאָזט ווערן זיי איבערגעגעבן אין רעשוס פון קאָאָפּעראַטיווע פאַרייניקונגען פון די אין זיי באַשעפטיקטע אַרבעטער.

3) אויסאַרבעטן א פּראָעקט פון טאַקאָנעס פאר אָט די קאָאָפּעראטיווע אַרבעטער-געזעלשאַפטן.

4) גרינדן א געריכט, וועלכער זאָל, אין פאַל, ווען די באַלעבאַטים פון די וואַרשטאַטן וועלן זיך אומקערן; איינשטעלן די באַדינגונגען פון אנטגילטיקן איבערגעבן די וואַרשטאַטן די ארבעטער-געזעלשאַפטן און די גרויס פון דער לוין, וואָס די ארבעטער-געזעלשאַפטן וועלן דאַרפן אָפּצאָלן דעם געוועזענעם באַלעבאָס.

די אינפאָרמאַציאָנס-קאָמיסיע וועט דאַרפן צושטעלן איר באריכט דער קאָמונאַלער קאָמיסיע אַף אָרגאַניזירן די אַרבעט און אויסטויש, וואָס איר פליכט איז וואָס גיכער צונויפצושטעלן אַ פּראָעקט פון א דעקרעט, וועלכער זאָל אַנטשפּרעכן סיי די אינטערעסן פון דער קאָמונע, סיי די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

פאַריזשער קאָמונע

פאַריזש, 16 אַפּריל 1871 יאָר.

דעקרעט וועגן [illegible] טיערס הויז

לויטן באַשלוס, וואָס איז באַגיטיקט פונם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלאַכער רעטונג, האָט דער בירגער זשיול פאָנטען, דער פאַרוואַלטער פון קאָמונאַלער ווירטשאַפט באַשטימט:

אַלס ענטפער אף די טרערן און די סטראַשונקעס פון טיערן, וועלכער האָט זיך דערלויבט צו באמבאַרדירן פאַריזש, אַלס ענטפער אף די געזעצן, וואָס זיינען ארויסגעגעבן דורך זיינע מיטהעלפער — דער דאָרפישער געמיינשאפט —

1. דאָס גאַנצע וועש, וואָס געפינט זיך אין טיערס הויז, ווערט איבערגעגעבן אין רעשוס פון די באַוועגלאַכע שפיטאָלן

2. אַלע קונסט-ווערק און ווערטפולע ביכער ווערן איבערגעגעבן אין די נאַציאָנאַלע מוזייען און ביבליאָטעקן.

3. דאָס מעבל דאַרף זיין ארויסגעשטעלט אף צו באַקוקן עס און דאַרף פאַרקויפט ווערן פון אויקציאָן.

4. דאָס געלט, וואָס וועט פאר דעם אָפּגעלייזט ווערן, גייט איינגאַנצן אף ארויסצוגעבן שטיצע די אַלמאָנעס און יעטוימים — קאָרבאָנעס פון אָט דער העסלאַכער מילכאָמע, וואָס שולדיק אין איר איז דער געוועזענער אייגנטימער פון האָטעל זשאָרזש.

5. פאר דעמזעלבן צוועק ווערט אָפּגעגעבן אויך דאָס געלט, וואָס מ'וועט אָפּלייזן פאר דער געביידע.

6. אַפּן פּלאַץ, וואָס איז פאַרנומען מיטן האָטעל פון דעם פאַטערמערדער, וועט פאַרפלאַנצט ווערן א שטאָט-גאָרטן.

הויפט-דירעקטאָר פונם קאָמונאַלן ווירטשאַפט זש. פאָנטען.

פאַריזש 25 פלארעאל, יאָר 79-טער.

דעקרעט וועגן אָרוועס-לייט

נעמענדיק אין אַכט, אז פאַר אַלעמענס אויגן טרעט די ווערסאַלער רעגירונג מיט די פיס די געזעצן פון מילכאָמע און מענטשלאַכקייט, און פאַרפלעקט זיך מיט פאַרברעכנס, וואָס אזוינע זיינען אַפילע די באַזיגער פון דער פראַנצויזישער טעריטאָריע ניט באַגאַנגען;

אַז אף די פאָרשטייער פון דער פאַריזשער קאָמונע ליגט דער כויוו צו פאַרטיידיקן דעם קאָוועד און דאָס לעבן פון צוויי מיליאָן מענטשן, וואס האבן זיי אָנגעטרויט זייער גוירל, און אז ס'איז דרינגנד נויטיק אָנצונעמען אלע מיטלען, וואָס די אומשטענדן פאָדערן;

אז די פאָליטישע טוער און די שטאָט-מאַגיסטראַטן מוזן אָבער, פון דער צווייטער זייט, זען, אז די רעטונג זאָל זיין אין העסקעם מיט דער אַכטונג צו געזעלשאפטלאכער פרייהייט,

באַשטימט די פאַריזשער קאָמונע:

1. יעדע פערזאָן, וואָס מ'וועט זי כוישעד זיין אין באַציונגען מיט ווערסאַל, וועט גלייך ארעסטירט ווערן און איבערגעגעבן ווערן צום געריכט.

2. ניט שפּעטער ווי אין 24 שאָ דאַרף צונויפגערופן ווערן די באַשולדיקונגס־זשורי, קעדיי אויסצופאָרשן די פאַרברעכנס, אין וועלכע די פּערזאָן איז באַשולדיקט.

3. דער פּסאַק־דין פון דער זשורי דאַרף ארויסגעטראָגן ווערן ניט שפּעטער ווי אין 48 שאָ.

4. אַלע באַשולדיקטע, וואָס זיינען פאַרהאַלטן לויט דער באַשטימונג פון זשורי, רע־כענען זיך פאַר אָרוועס־לייט באַם פאַריזשער פאָלק.

5. אף יעדן איינציקן פאַל פון טויטן א קריגסגעפאַנגענעם אָדער א אָנהיינגער פון דער קאָמונע־רעגירונג ווערט געענטפערט מיטן טויט פון א דרייענדיקער צאָל אָרוועס־לייט לויטן פּונקט 4.

6. קריגסגעפאַנגענע ווערן גלייך איבערגעגעבן צום באַשולדיקונגס־זשורי, וועלכער באַשטימט, צי דאַרפן זיי אָפּגעלאָזט ווערן פריי, צי מ'דאַרף זיי פאַרהאַלטן ווי אָר־וועס־לייט.

פאַריזשער קאָמונע

אופרוף פון דער קאָמונע צו די סאָלדאַטן פון ווערסאַלער אַרמיי

סאָלדאַטן פון ווערסאַלער אַרמיי!

מיר האָבן קינדער.

מיר קעמפן דערפאַר, אז אונזערע קינדער זאָל שוין ניט אויסקומען, ווי אונז, צו בויגן זיך אונטערן יאָך פון מיליטערישן דעספּאָטיזם.

ס'וועט קומען א טאָג און איר וועט אייך ווערן פאָטערס פון קינדער.

אויב איר וועט היינט שיסן אין פאָלק, וועלן אייך שעלטן אייערע קינדער, פּונקט ווי מיר שעלטן די סאָלדאטן, וואָס האָבן געפּייניקט דאָס פאָלק אין יוני 1848 און אין דע־קאַבר 1851 יאָר.

מיט צוויי כאַדאָשים צוריק האָבן אייערע ברידער, סאָלדאַטן פון דער פאַריזשעד אַרמיי, אופגעבראַכט אף די נידעריקע פאַכדאָנים, וואָס האבן פאררא‌טן פראנקרייך, זיך געברודערט מיטן פאָלק. טוט נאָך זייערביישפּיל.

סאָלדאַטן, קינדער און ברידער אונזערע! הערט אונז אויס און זאָל אייער געוויסן דיקטירן.

אויב דער באַפעל איז נידערטרעכטיק, איז אייער כויוו אים ניט אויסצופירן.

צענטראַלער קאָמיטעט

10־טן פרעריאל, 79 י.

ע. ליסאגאַרע

דער ווייסער טעראָר.

(פּאַריזש אין מאַי 1871 יאָר)

(אַ פראַגמענט)

אין פּאַריזש הערשט אָרדענונג. אומעטום כורוועס, טויטע קערפּערס, שווערע קרעכצן. פרעך קלינגט אף דער גאס די שווערד פונם אָפּיצער און פון דעם אונטעראָפּיצער, וואָס באמיט זיך אים נאָכצומאכן. אומעטום — מיליטער טיילן; איינע, פארמאטערט פון מיד-קייט און שכיטע, שלאָפן אף דער מיט טראָטואר, די צווייטע קאָכן מיטאָג, זינגען לידער.

די דרייפארביקע פאָן קוקט פאכדאניש ארויס פון אלע פענסטער, קעדיי צו ראטעווען דאָס הויז פון אונטערזוכונגען. ביקסן, פּאלאטקעס, מונדירן זיינען קופּעסווייז אָנגעוואָרפן אין די פּאָלקס קוואַרטאלן: סע שליידערן זיי ארויס דורך די פענסטער אָדער סע ברייננגען זיי באַנאַכט די צעשראָקענע איינוואוינער. אונטערגעשפּארט דעם קאָפּ און טרויערדיק פארטראַכט זיצן ארבעטערנס בא די טירן און קוקן ארויס אַפן זון, אפן מאַן, וועלכער וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן.

די ווערסאַלער עמיגראנטן, די אומפאַרשעמטע מאכנעס פייערן זייער ניצאָכן און פון מיטוואָך אָן פארפלייצן זיי די בולווארן. אָט די העררן ווארפן זיך אף די קאָנוואיען פון די געפאנגענע, באגריסן מיט אויסגעשרייען די רייטער-זשאנדארמען — אייניקע דאמען קושן זייערע שטיוול, באגעגענען מיט אָפּלאָדיסטעגטן די פארבלוטיקטע פורגאָנען. אף די טע-ראַסן פון די קאַפע-הייזער צווישן געדיכטע מאַכנעס פרויען, דערציילן די אָפיצערן וועגן זייערע גוווּרעס. די איבעריקע בירגער שטייען ניט אָפּ פון זיי און טראַכטן אויס די פארשיידנסטע ווונדער-מייסעס. איינער פון זיי, וואָס איז ווייטער פון דער מאָנמאַרט-גאס ניט געווען, דערציילט, ווי אַזוי מ׳האָט גענומען שאַטאָ ד׳אָ און בארימט זיך, אַז ער האָט צעשאָסן צוועלף פארטיידיקער זיינע. עלעגאנטע דאמען גייען קוקן אף די טויטע גופים. און שפּילעוודיק הויבן זיי ארוף די קליידער פון די טויטע מיט די שפּיצן פון זייערע שירעמס.

„איינוואוינער פון פּאַריזש! — דערקלערט אין זיין פראָקלאַמאציע מאַק-מאַגאָן — דעם 28-טן איז פּאַריזש באַפרייט געוואָרן: איצט איז דער קאמף געענדיקט, סע וועט ווידער אופגעשטעלט ווערן אָרדענונג, ארבעט און זיכערקייט״.

דער „באַפרייטער פּאריזש״ ווערט אָפּגעגעבן אין רעשוס פון פיר קאמענדאנטן: ווינוא, לאַדמיראַ, סיסע און דוע. סע ווערט ווידער אופגעשטעלט דער באלאגערונג-צו-שטאַנד, וואָס די קאָמונע האָט געהאט אָפּגעשאפן. מיט פּאַריזש רעגירט איצט די ארמיי, וואָס צעראבירט די שטאָט. די דורכגייער צווינגט מען, זיי זאָלן צענעמען די באריקאדן יעטווידער שפור פון אומגעדולד ווערט באשטראָפט מיט אַרעסט, יעדע קלאָלע — מיט טויט. ס׳ווערט צעקלעפּט אַ מעלדונג, אז אַלע, בא וועלכע מ׳וועט געפינען געווער, ווערן איבערגעגעבן צום קריגס-געריכט; אַז אלע איינוואוינער פון יעדן הויז, וואָס פון אים

װעט זיך דערהערן אַ שאָס, װעלן ביז אײנעם פאַרטיליקט װערן; אז צו 11 אַזײגער דאַרפן
אַלע עפנטלאַכע ערטער זײַן צוגעשלאָסן, און נאָר אָפּיצערן אין מונדירן האָבן דאָס רעכט
אַרומצוגײן איבער די גאַסן. באַנאַכט פאָרן אַרום איבער דער שטאָט רײַטער-פּאַטרולן.
אַרײַן קײן פּאַריזש איז שװער, אַרױס איז אוממעגלאַך: אפילו גרינס-הענדלער קאָנען ניט
אַרײַנקומען, ניט אַרױסגײן. ס'הױבט זיך אָן צו פילן אַ מאַנגל אין שפּײַז-פּראָדוקטן.
נאָכדעם, װי דער קאַמף האָט זיך געענדיקט, האָט זיך די אַרמײ צעשלאָגן אויף אַ רײ
טײלן, אַף דורכצופירן מאַסן-צעשיסונגען. אין 1848 יאָר האָט קאַװעניאַק צוגעזאָגט אַמניסטיע
און האָט געגעבן מאַסן-שכיטע. טיער האָט געשװאָרן צו האַנדלען לױט די געזעצן און
האָט דערלױבט דער אַרמײ טאָן אַלץ, װאָס איר האָט זיך געגלוסט. ער איז געװאָרן אַ אָנ-
הײגער פון שטרײַנגע מיטלען, קעדײ צו קאָנען דערנאָך זאָגן זײַן באַװוסטע פּראַזע: „מיט
סאָציאַליזם איז געענדיקט, און אַף לאַנג". שפּעטער האָט ער דערצײלט, אז ס'איז אוממעגלאַך
געװען אײַנצוהאַלטן די סאָלדאַטן, — ס'איז אַ ליגן: די שרעקלאַכסטע הױגעס
זײַנען פאָרגעקומען שױן נאָכן שלאַכט [1])

זונטיק דעם 28-טן, נאָך דעם שלאַכט, זײַנען עטלאַכע טױזנט מענטשן, װעלכע מ'האָט
געכאַפּט אַרום פּער-לאַשעז, אָפּגעפירט געװאָרן אין דער טורמע לאַ-ראָקעט. דער עלט-
סטער פון באַטאַליאָן איז געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג, האָט באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס
די געפאַנגענע און האָט קאָמאַנדעװעט: „רעכטס! לינקס!" — רעכטס — הײסט טױט-
אורטײל: מ'האָט גלײַך אױסגעלײדיקט באַ די געפאַנגענע די קעשענעס, אױסגעשטעלט
זײ באַ דער װאַנט און צעשאָסן. ניט װײַט זײַנען געשטאַנען צװײ גאַלאָכים און האָבן
געמורמלט טפילעס.

פון זונטיק ביז מאָנטיק אינדערפרי זײַנען אין לאַ-ראָקעט אַלײן געהאַרגעט געװאָרן
1.900 מענטשן. דיזעלבע שכיטע איז פאָרגעקומען אין מאַזאַס, אין דער מיליטער-שול, אין
פּאַרק מאָנסאָ און אין לוקסענבורג, װוּ די פאַרמאַטערטע סאָלדאַטן האָבן שױן מער ניט
געקאָנט האַלטן אױסגעצױגן די ביקס און האָבן געשאָסן צוטוליענדיק זי האַרט צום לײַב
פון די פאַרמישפּעטע. די װאַנט פון דער טעראַסע, באַ װעלכע מ'האָט צעשאָסן די אומ-
גליקלאַכע קאָרבאָנעס, איז געװען באַדעקט מיט שטיקער מענטשישן מאַרך, די סאָלדאַטן-
טאַליאָנים האָבן געטראָטן אין קאַלױשעס בלוט.

די שכיטע איז פאָרגעקומען אָן שום איבעריקע רײד. אײניקע פון די געפאַנגענע פלעג
מען אױעקפירן אין די קריגס-געריכטן, װאָס פון מאָנטיק אָן איז מיט זײ פול געװאָרן
גאַנץ פּאַריזש אין דידאָזיקע געריכטן זײַנען פאָרזיצערס און מיטגלידער געװען אָפּיצערן
פון דער באַרימטער נאַציאָנאַלער גװאַרדיע. זײ זײַנען געזעסן צעלײגט, מיט די שװערדן
צװישן די קני, מיט סיגאַרן אין די צײן. דער פאַרהער האָט געדױערט אַ פערטל מינוט:
„איר האָט זיך גענומען צום געװער? איר האָט געדינט דער קאָמונע? װײַזט אײַערע
הענט! אױב די פּאָזע פונם באַשולדיקטן איז געװען אַ אַנטשלאָסענע, אױב דאָס פּאָנעם

[1]) מיר האָבן זונטיק אינדערפרי געזען באַ אײנעם אַ װײַן-הענדלער אַפן װאָלטער-פּלאַץ נאָך גאָר יונגע
סאָלדאַטן און מאַטראָסן פון פּריזיװ פונם 1871 יאָר. „אַ סאַך געהאַרגעט? — האָבן מיר זײ געפרעגט. „דער
גענעראַל האָט אונז געהײסן ניט נעמען קײן געפאַנגענע" — האָבן זײ געענטפערט, צום באַדױערן, האָבן זײ אונז
ניט געקאָנט אָנרופן דעם נאָמען פון אָט דעם גענעראַל. „װען זײ װאָלטן ניט אונטערצינדן, — האָט אײנער געזאָגט — װאָלטן מיר זיך מיט זײ אַזױ ניט באַגאַנגען. נאָר זײַנען זײ אונטערצינדער, מוז מען זײ האַרגענען"
(בוכשטעבלאַך). דערנאָך האָט ער זיך געװענדעט צום כאַװער: „הײַנט אינדערפרי — און ער האָט אָנגעװיזן מיט
דער האַנט אַף דער באַריקאַדע פון דער מעריע — איז אַהער געקומען אײנער אין אַ בלוזע: — עפּשער װעט איר
מיך ניט צעשיסן? — האָט ער געזאָגט, — נײן, נײן! — מיר האָבן אים דורכגעלאָזט פאַרױס און דערנאָך... טראַכ-
טראַכ... אױ, װי ער האָט אָנגעהױבן צו דריגען מיט די פיס!"

זיינס איז ניט געפעלן געוואָרן, האָט מען אים ניט געפרעגט ניט וועגן זיין נאָמען, ניט וועגן זיין פּראָפעסיע, מ'האָט אים ניט אריינגעטראָגן אין קיין שום צעטל, מ'האָט נאָר ערקלערט: „אַ געפערלאכער!" „איצט איר"... האָט מען זיך געווענדעט צום צווייטן א. א. וו. — ביז מ'האָט פאַרענדיקט מיט דער גאנצער ריי פאַרמישפּעטע. די, וואָס עמיצנס אַ קאַפּריז האָט זיי פארשאנעוועט, האָט מען אָנגערופן „געוויינלאכע" און מ'האָט זיי געהאַלטן פאר ווערסאַל. קיינער אָבער איז ניט באפרייט געוואָרן. די „געפערלאכע" האָט מען איבערגעגעבן אין רעשוס פון די מיליטער טיילן, וואָס פלעגן זיי אַוועקפירן צו דער קאזארמע לאָבאָ. דאָרטן האָבן די זשאַנדאַרמען, פאַרשלאָסן די טויערן און ניט צעטיילט אַפילע די פאַרמישפּעטע אַף גרופן, געשאָסן אין זיי. אייניקע לייכט פארוווּנדעט, פלעגן זיך לאָזן לויפן ארום דער וואַנט, די זשאנדארמען פלעגן מאכן אַ געיעג אף זיי און פלעגן זיי דערשלאָגן. עדוארד מאָראָ איז אומגעקומען אין איינער פון אָט די שכיטעס. מ'האָט אים גענומען אַף דער גאַס ריוואָלי און אָפּגעפירט צו שאַטלע. די פרוי זיינע איז נאָך אים נאָכגעלאָפן ביז צו די טויערן פון דער קאַזארמע לאַבאָ און האָט געהערט די זאַלפן: דאָס האָט מען צעשאָסן איר מאַן.

אין לוקסנבורג האָט מען די קאָרבאָנעס פון קריגס-געריכט אַפּריער אריינגעווארפן אין אַ קעלער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגע קישקע, און די לופט האָט אהין אַריינגעדרינגען דורך איין שמאָלער שפּארונע.

די אָפּיצערן האָבן אָפּגעהאַלטן זייער זיצונג אַפן דריטן שטאָק, אין אַ זאַל, וואָס איז געווען פול געפּאַקט פון פּאררעטער מיט דרייפארביקע צייכנס אַף די אַרבל, מיט פּאָליצייאישע אַגענטן און פּריווילעגירטע בורזשוא, ליבהאָבער פון רייצנדיקע געפילן. פּונקט ווי אין שאטעלע, איז דאָ אויך קיין שום פאָרהער ניט געווען: פּארטיידיקן זיך איז געווען איבעריק — ס'האָט צו גאָרנישט געבראכט. נאָכן געריכט האָט מען די געפאַנגענע אָדער אָפּגעשיקט צוריק אין קעלער, אָדער מ'האָט זיי אַוועקגעפירט אין גאָרטן אריין. דאָרט האָט מען זיי צעשאָסן: פון דער וואנט האָט מאַרך אַראָפּגערונען, די סאָלדאַטן האָבן אויך דאָ אַרומגעשפּאנט אין טייכן בלוט.

דיזעלביקע האַריגעס זיינען פאָרגעקומען אויך אין דער פּאָליטעכנישער שול, אין דער קאַזאַרמע דיופלע, אף די צאָפן-און מיזראך-וואָקזאַלן, אין באָטאַנישן גאָרטן, אין אטאַך קאַזאַרמעס און אין אַנדערע ערטער. די קאָרבאָנעס זיינען געשטאָרבן פּאָשעט. פיל פון זיי פלעגן צונויפליייגן די הענט אף דער ברוסט, אייניקע האבן אַליין געקאָמאַנדעוועט צו די סאָלדאַטן, זיי זאָלן שיסן. פרויען און קינדער זיינען געגאַנגען צוזאַמען מיט זייערע מענער, פאָטערס, און האָבן געשריען: „צעשיסט אונז אינאיינעם מיט זיי!". ס'זיינען געווען פרויען, וואָס אין קאַמף האָבן זיי קיין אַנטייל ניט גענומען, אופגערעגטע אָבער פון דער שכיטע, פלעגן זיי ארויסלויפן פון די הייזער, אָנפאַלן אף די אָפיצערן מיט געשלעג, און דערנאָך האָבן זיי זיך אליין געשטעלט צו דער וואַנט, וואַרטנדיק אפן טויט.

די אָפיצערן, נאָר וואס אומגעקערט זיך פון דייטשלאַנד, האָבן געשמאַק זיך נויקעם געווען אין פּאַריזש, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קאַפּיטולירן און האט דערמיט אונטערגעשטריכן זייער שענדלאַכע פּאַכדאָנעס; די אָפיצערן-באָנאַפּארטיסטן האָבן איצט אויסגענוצט די געלעגנהייט, קעדיי אונטערצופירן זייערע כעשבוינעס מיט די רעפּובליקאַנער. דער גענעראל דע-לאַקרעטעל האָט אָפּגעגעבן א באַפעל צו צעשיסן טשערנושין, וועלכער האָט מענאַדעוו געווען 200,000 פראַנק לעטויוועס דער קאַמפּאַניע קעגן פּלעביסציט. דער דאָקטאָר מואלען, דער טריבון פון די פאָלקספאַרזאַמלונגען, איז פארמישפּעט געוואָרן צום טויט — ווי ס'האָבן דערקלערט די טאַליאַנים, — ניט פאר רעציכעס, נאָר דערפאר, וואָס ער איז געווען אַ רעפּובליקאַנער, — „איינער פון די מענטשן, וואָס מ'מוז פון זיי

פּאַטער ווערן". די לינקע רעפּובליקאַנער, וואָס זייער סינע צו דער קאָמונע איז בעשיים-פערלאך דערוויזן געוואָרן, האָבן דאָך ניט געוואַגט צו באַווייזן זיך אין פּאַריזש, מוירע האָבנדיק, מ'זאָל זיי אויך ניט צעשיסן.

ניט אַלע האָבן זויכע געווען צו זיין געמישפּעט דורכן געריכט: פיל זיינען געהאַר-געט געוואָרן אין די הויפן, בא דער שוועל פון זייערע הייזער, אַפן שטאָט-פּלאַץ, ווי נאַפּיא-פּיקע, וועלכן מ'האָט צעשאָסן אף דער גאַס ריוואָלי. זיין קערפּער האָט זיך דאָרט געוואַלגערט א גאַנצן טאָג און דערביי האָבן די סאָלדאטן ניט דורכגעלאָזט די מעגלאַכ-קייט אַראָפּצושלעפּן באַ אים די שטיוול. אָדער ווי דעם פּרעזידענט פון קלוב סען-סיול-פּיס, וועלכן מ'האָט ארויסגעשלעפּט אף דער גאַס אין איין העמד. די פּאָליציי איז פאַר-שווונדן געוואָרן, ס'איז ניט געווען קיין שום קאָנטראָל, די אַרמיי האָט געשאָסן אין וועמען ס'האָט זיך געמאַכט און איז געווען אָנגעפירט בלויז פון די צעווילדעוועטע פאַר-רעטער מיט דרייפאַרביקע צייכנס אף די ארבל, פון מאָסרים און אַפילע רעגירונג-באַ-אַמטע, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרדעקן זייערע אייגענע פאַרברעכנס. דער עוּשטער צופעליקער מענטש, וואָס האט אָנגעוויזן אף אַ דורכגייער, האָט געקאָנט צווינגען, מ'זאָל אים צעשיסן. אין גרענעל האָט מען צעשאָסן איינעם קלוימערשט, ביליאָרע, ניט קוקנדיק אַף זיינע גוואַלדיקע פּראָטעסטן. אַפן וואַנדאמער פּלאַץ — א קלוימערשטן בריונעל, אין די אַפּאַרטאַמענטן פון מאַדאַם פולד — א קלוימערשטן וואַלעס.

„גאָלוא" האט אָפּגעדרוקט א באַריכט פון איינעם א כירורג, וועלכער האָט געקענט וואַלעסן און איז געווען בעיים מ'האָט אים געטויט. מענטשן האָבן דערציילט, אז זיי האָבן אליין געזען, ווי מ'האָט דאָנערשטאָג צעשאָסן לעפּראַנטען, אף דער גאַסבאַנק. דעם עמעסן ביליאָרע האָט מען געמישפּעט אין כוידעש אווגוסט. וואַלעס און בריונעל זיינען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. די באַאַמטע פון דער קאָמונע האט מען אויך צעשאָסן צו עטלאַכע מאָל: מע האָט צעשאָסן אסאַך אזוינע, וואָס זיינען געווען מערווייניק ענלאַך צו זיי.

דעם גוירל האָט ניט אויסגעמיטן, צום באַדויערן, אויך וואַרלען. זונטעק דעם 29-טן האָט אים אפן פּלאַץ קאַדע דערקענט עפּעס א גאַלעך און איז באלד אוועקגעלאָפן רופן אַן אָפיצער. דער פּאָרוטשיק סיקראָ האָט געכאַפּט וואַרלענען, האָט אים געבונדן די הענט און אוועקגעפירט אין ביוּט, ווו ס'איז געווען דער גענעראַל לאַוואָ-קופּע. איבער די קרומע געסלאַך פון מאָנמארט האָט מען געשלעפּט איצט דעמזעלבן וואַרלען, וועלכער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן, קעדיי צו ראַטעווען די אָרוועסלייט פון דער גאַס אַקסאָ. אונטער א האָגל פון קלעפּ איז דאָס יונגע, איידל געזיכט, דער קאָפּ, אין וועלכן ס'זיי-נען אופגעקומען די אידייען פון ברידערשאַפט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פאַרבלוטיקט שטיק פלייש. די אויגן זיינע זיינען געווען אינגאַנצן צעקאַליעטשעט, און בעיים מ'איז געקומען צו דער גאַס ראָזיע, ווו ס'איז געזעסן דער שטאַב, האָט ער שוין ניט געקאָנט גיין, מ'האָט אים געטראָגן. מ'האָט אים אוועקגעזעצט און צעשאָסן. סיקראָ האָט צוגעגאַנ-וועט זיין זייגער און האט אים געטראָגן ווי א צ[illegible]רוגג. אַזוי איז אומגעקומען איינער פון די שענסטע העלדן פון דער קאָמונע.

זאָל דער נאָמען זיינער אייביק פאַרבלייבן אינם גרויסן האַרץ פונם ארבעטער-קלאַס. דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז געווען א מוסטער. מיט אַקשאָנעסדיקער אָנשטרייגונג פון ווילן, האָט ער אף זעלבסטבילדונג אָפּגעגעבן דאָס קליינע שטיקל אָוונט-צייט, וואָס איז אים פאַרבליבן פריי נאָכן וואַרשטאַט און געשאַפן זיך אַליין. געלערנט האָט ער זיך ניט לשעם קאָוועד, ווי קאָרבאָן און טאָלען, נאָר קעדיי אנטוויקלען זיך און באַפרייען דאָס פאָלק. צום סאָף פון דער אימפּעריע איז ער געוואָרן די נעשאָמע פון די אַרבעטער-אַסאָציאַציעס. זייענדיק אונערמידלאַך, באַשיידן, ריידנדיק ווייניק, נאָר שטענדיק צו דער

זאַך, אזוי, אז מיט איין וואָרט האָט ער געקאָנט באלויכטן די האַרבסטע פראַגע, האָט ער אין זיך אײַנגעהיט דעם רעוואָלוציאָנערן געפיל, וועלכער ווערט אָפט פארטעמפּט בא אינטעליגענטנע אַרבעטער. איינער פון די ערשטע קעמפער פון 18 מאַרט, דער בעסטער טוער פאַר דער גאַנצער צייט פון דער קאָמונע, איז ער ביזן סאָף געשטאַנען אַף די באַריקאַדן, האָט זיך איינגאַנצן מאַפקער געווען פאר דער באפרייונג פון די אַרבעטער.

די ווערסאַלער זשורנאַליסטן האָבן געשפּיגן אַף זיין קערפער, האָבן דערציילט, אַז מ'האָט בא אים געפונען הונדערט טויזנט פראַנק, האָגאָם דער אָפיציעלער באַריכט זאָגט: „אין בייטעלע איז געווען 284 פראַנק מיט 15 סאַנטים". אומגעקערט זיך מיט דער אַרמיי קיין פאַריזש, זיינען זיי איר נאָכגעגאַנגען ווי די שאַקאַלן, און האָבן זיך געוואָרפן אַף די קערפערס, פארגעסנדיק, אז אין א בירגער-קריג שטייען טויטע אוף טכיאס-האַמייסים. אָט דידאָזיקע אַלע צאַרסע האָבן געהאַלטן אין איין שרייען: „שלאָג!". זיי האָבן פאר-עפנטלאכט די נעמען און די ערטער, ווו ס'האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן יענע, וואָס האָבן געמוזט, לויט זייער מיינונג, צעשאָסן ווערן; זיי זיינען געווען אונערמידלאך אין זייער אונטערהיצן דעם שיגאָען פון דער בורזשואזיע. נאָך יעדער צעשיסונג האָבן זיי געשריגן: „נאָך! מ'דאַרף זיך יאָגן נאָך די קאָמונאַרן" („ביען-פּיובליק") „אָט די מענטשן, וואָס האָבן געהאַרגעט לשעם האַריגע און לשעם גנייווע, זיינען איצט אַרעסטירט — און מ'זאָגט אונז: ראַכמים. אָט די נידערטרעכטיקע פרויען, וואָס האָבן מיט מעסערס דורכגעשטאָכן די ברוסטן פון שטאַרבנדיקע אָפיצערן, זיינען אַרעסטירט — און מ'שרייט אונז: ראַכמים!" („פאַטרי") „וואס איז א רעפובליקאַנער? א ווילדע כאיע... ערלאַכע לייט! דערשלאָגט אָט דעם דעמאָקראַטישן און אינטערנאַציאָנאַלן שלאַנג!" („פיגאַראָ"). ס'איז געקומען א סאָף צו דער הערשאַפט פון די ראָצכים. מיט וואָסער א ראַפינירטער אַכזאָריעט און ווילד-קייט האָבן זיי פאַרענדיקט זייער שיקערע סודע פון פארברעכן און בארבארישקייט. צוויי כאַדאָשים גנייווע, גזיילע האַריגעס און סרייפעס" („אָפיניאָן נאַטיאָנאַל") „אף קיין איינעם פון אָט די ראָצכים, וואָס פאַריזש איז געווען אין זייערע הענט אין מעשאַך פון צוויי כאַדאָשים, וועלן מיר ניט קוקן, ווי אף א פּאָליטישן טוער: מ'וועט זיך באגיין מיט זיי ווי מיט בראָדיאַגעס, ווייל זיי זיינען טאַקע בראָדיאַגעס, מ'וועט זיך באגיין מיט זיי ווי מיט העסלאַכע בריים, וואָס שרעקלאַכער פון זיי האָט נאָך די געשיכטע ניט געזעען. פיל צייטונגען פאָדערן, מ'זאָל ווידער אופשטעלן דעם עשאַפאָט, וואָס זיי האבן צעבראָכן. און ניט אָפּגעבן זיי מער דעם קאָוועד פון צעשאָסן ווערן"... („מאַניטיאר אוניווערסאַל") איינע א איינגלישע צייטונג האָט געפאָדערט וויוויסעקציע פאר די געפאַנגענע.

ביכדיי אופרייצן, ווען עס איז נויטיק געווען, די סאָלדאַטן, האָט די פרעסע אָנגע-הויבן גראָב צו כאַנפענען זיי. „ווי ווונדערבאַר ס'האָבן זיך געהאַלטן אונזערע אָפיצערן און סאָלדאַטן" — האָט געשריבן „פיגאַראָ" — נאָר א פראַנצויזישער סאָלדאַט קאָן אזוי גיך און אין אַזאַ פולער מאָס קומען צו זיך נאָך די מאַפּאָלעס „זאָל לעבן, — האָט געשריגן „זשורנאל דע דעבא" — אונזער אַרמיי, וואָס האָט דורך אזאַ גלענצנדיקן ניצאָכן זיך נוי-קעם געווען פאר אירע מאַפּאָלעס„.

. . . .

20.000 מאַנסבל, פרויען און קינדער, געהאַרגעטע בעיס דער שלאַכט אָדער בעאייטן ווידערשטאַנד אין פאַריזש און אין דער פראָווינץ; 3000 געשטאָרבענע אין די פּאָליציי-צירקלען, אף די פאָנטאָנען, אין די פאָרטן, אין די טורמעס, אין ניי-קאָלעדאניע, אין דער פרעמד; 1.375 פארמישפּעטע צו פארשיידענע שטראָפן, וואָס פיל פון די קאָמונארן זיינען זיי אָפּגעקומען צו 9 יאָר; 70.000 פרויען, קינדער און זקיינים, געבליבענע אָן שום שטיצע אָדער ארויסגעוואָרפענע פון פראנקרייך; 107.000 טויזנט קאָרבאָנעס—אַזאַ איז געווען די נעקאָמע פון דער גרויס-בורזשואזיע פאר דער 2 כאַדאָשעמדיקער רעוואָלוציע פון 18 מאַרט.

אַרנו

די העלדן פון דער קאָמונע

אַראָפּ די היטלען! איך וועל ריידן פון די קדושים פון דער קאָמונע!

וויפל זיינען זיי געווען? — קיינער קאָן ניט איבערציילן!

פרעגט וועגן דעם די גאַסן פון פּאַריז, די מיטראַליעזן פון די קאַזאַרמעס אין לאבאָ, די שאָמאָנער הייכן, שאַטלע, די פאַרבלוטיקטע קוואָרים-שטיינער אין פּער-לאַשעז, די גרינע סקווערן, וואָס זיינען פאַרקערט געוואָרן צו בייסאַלמענס, ווי פון אונטער דער פרישער ערד, פון די נאָר וואָס פאַרשאָטענע קוואָרים, האָט זיך באַנאַכט געהערט דאָס כאָרכלען פון שטאַרבנדיקע.

דאָס בלוט האָט גערינען טייכנוויס. די וואַסערן פון סענא זיינען געוואָרן רויט. די גופים פון די געהאַרגעטע זיינען געלעגן אַף די גאַסן אָנגעוואַלגערט איינער אַף דעם אַנדערן אַף אַ שטרעקע פון אַסאַך טויזנטער קוואַדראַטנע מעטרען. די רעדער פון די וועדסאַלער האַרמאַטן זיינען ביז די סאַמע אַקסן געווען אַרומגעקלעפּט, ווי מיט בלאָטע, מיט פאַרבאַקט בלוט און מיט שטיקער מאַרך.

פופצן טעג נאָכאַנאַנד האָט מען געשאָכטן אָן שום געריכט. פאַריז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין אומגעהייער שעכט-הויז.

ווען דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט, איז די גרויסע שטאָט געמינערט געוואָרן אַף הונדערט טויזנט אַרבעטער — געהאַרגעטע, געפאַנגענע, אַנטלאָפענע. פון אייניקע צעכן איז ניט פאַרבליבן קיין איין איינציקער מענטש — וועגן דעם זאָגט איידעס דער מוניציפּאַלער ראַט אַליין אין איינע פון זיינע אָפיציעלע באַריכטן.

יאָ, דאָס איז ווירקלאַך געווען אַ סודע פאַר דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע: אונזערע גרויסע גענעראַלן באַלעקן זיך נאָך אַדאַיעם, בעיס זיי דערמאַנען זיך אָן דעם.

טיער — אָט דער עקלהאַפטער קאַרליק — איז אַזוי ווי אַפּסניי יונג געוואָרן, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אויסגעבאָדן אין אָט דער באָד פונם פאָלקס בלוט.

מ'האָט קיין זאַך ניט געזשאַלעוועט צוליב אָט דער קאַפּיטאַליסטישער ווילד-געוואַרענער סימכע. דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ סודע! מ'האָט צעשאָסן פרויען, יונגע און אַלטע, מוטערס מיט קינדער, קינדער אָן מוטערס, מוטערס אָן קינדער און — וואָס נאָך פרייליכער — מ'האָט צעשאָסן אומבאַוואָפנטע — זקיינים, קראַנקע, וואָס האָבן געהאַלטן באַ שטאַרבן. אין די שפּיטאָלן האָט מען די אַמפּוטירטע אופגעהויבן אַף די שפּיזן און אַרויסגעוואָרפן זיי דורך די פענצטער גלייך אין די ריטשקעס בלוט, פונקט ווי הינטלאַך, וואָס קוויטשען און וואָיען.

יאָ, דאָס איז געווען פּראַכטפול!

די געשוואוירענע זשורנאַליסטן און די פאַרפוצטע געטינס פון פאַרגעניגן זיינען געלאָפן שמעקן די טויטע קערפּערס. דידאָזיקע איידעלע פרויען האָבן אַריינגעשטעקט אָפּטמאָל די שפּיצן פון זייערע שירעמס אין די אָפענע וווּנדן פון נאָך לעבעדיקע מענטשן.

זשיול פאַוור, אַט דער נאָכמאַכער פון פאַלשע פאַפירן, אײַנגאַנצן פאַרשפריצט פון מיליערס בלוט, האָט פאַרטײדיקט די װערט מיט די אויפטוען פון זײַן אַכזאָריעסדיקער מעשוגאַס, און די מאָנאַרכיסטישע אײראָפּע, װעלכע האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן אים די אַנטלאָפענע, האָט עס געראַרעטט אין אים אַרויסרופן בושע!

מאַרקיז גאַליפע האָט געשאָכטן, װײַל ער איז געװען נידערטרעכטיק. „איצט איז מײַן טאָג!" — האָט ער געזאָגט. אים האָט זיך געװיס אויסגעװיזן, אַז צוליב גאַזלאָנישע מײַסים פונם מאַן, װעט מען מויכל זײַן די אויסגעלאַסנקייט און זינד פון זײַן פרוי, װעלכע האָט קאָנקורירט מיט דער געװעזענער קייסערין — יעװגעניע.

װינואַ, סיזי, די מאַק-מאַגאַנעס און אַלע איבעריקע גענעראַלן פון דער אימפּעריע האָבן מיט ביקס-זאַלפן אָפּגעגעבן דעם פאָלק דעם שטויס מיט די פיס, װעלכן זיי האָבן פון הינטן געכאַפּט פונם זיגרײַכן פרײַסן, װאָס האָט זיי געשלאָגן נאָר פון הינטן, װײַל אַנדערש האָט מען זיי ניט געזען.

אַלעקסאַנדער דיומאַ — דער זון, דער דיכטער פון גאַסן-פרויען, דער פאַרטײדיקער פון רעליגיע, אײגנטום און בורזשואַזער פאַמיליע, װאָס איז געבויט אויף זנוס און שאַנד-הויז, האָט דערקלערט, אַז „אַ זי פון אַ קאָמונאַר איז ענלאַך צו אַ פרוי נאָר דאַמאָלט, װען זי איז געקוילעט".

װוריגיאָ, דער הויפּט-רעדאַקטאָר פון „געזעלשאַפטלאַכע נוצן" און געליבטער פרינץ פון טיערן, האָט זיך באַרימט, אַז מיט זײַנע אײזערנע הענט האָט ער געהאַרגעט דרײַסיק פעדעראַליסטן — זעלבסט-פאַרשטענדלאַך, פון די אין קייטן-געשמידטע געפאַנגענע, אָדער פון די פאַרװונדעטע.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, גלײַך װי זי װאָלט אויסגעגאַנגען פון אומגעדולד אײַנצושמירן זיך אין אַט דעם גאַנצן בלוט, האָט דעקרעטירט אַ דאַנק-אַדרעס דער װערסאַלער אַרמיי און האָט אײנשטימיק, בלויז באַ אײן אָפּגעהאַלטענעם — דערקלערט, אַז די טאַליאָנים פון פאָלק זײַנען „די רעטער פון פאָטערלאַנד".

„פאַריזשער זשורנאַל" האָט דעם 5-טן יול 1871 יאָר אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקן דיאַלאָג:

— װאָס װילט איר אָנקוקן—זאָגט אַ מוטער צו אירע טעכטער—די רואינען, צי די טויטע?

— אוי, מאַמעניו, מיר װעלן ביידע זאַכן, ביידע!

— װעלן מיר טאָן אָט-װאָס: מירן צוערשט פאָרן אָנקוקן די טויטע... אָבער איבערבײַסן װעט שוין אויסקומען אַזוי זיך, װי ס'גיט איז.

— נישקאָשע, מאַמעניו: מירן מיטנעמען מיט זיך צו שטיקלאַך ברויט!

— גוט. און אויב איך װעל ניט שטאַרק מיד װערן, װעלן מיר, גייען קוקן אויף די טרייפעס. דאָס װעט זײַן אונזער דעסערט.

און פאַר פרייד האָבן די מיידלאַך אָנגעהויבן פאַטשן מיט די הענט".

װאָס פאַר אַ אויסגעצייכנטן פאָרטרעט האָט דאָ די בורזשואַזיע געמאָלט פון זיך אַליין!

יאָ, מיידעלאַך! אָט די גופים, װאָס איר גייט אויף זיי קוקן, קלאַטשנדיק פון פרייד מיט די הענט, זײַנען גופים פון פאָלק, פון דעם פאָלק, װאָס האָט מיט זײַן מי געשאַפן אײַער רײַכקייט, װאָס אויסגעשאָכטן האָט מען אים דערפאַר, װײַל ער האָט מער ניט געװאָלט לײַדן, אַז זײַנע אײגענע טעכטער זאָלן שטענדיק דאַרפן אויסקלײַבן צװישן הונגער, זעלבסטמאָרד און פּראָסטיטוציע.

* * *

אַגאַנץ פאָלק איז געזעסן פאַרשלאָסן אין די װענט פון זײַן שטאָט. קיין אַרויסגאַנג האָט עס אינערגעצניט געהאַט, װײַל די אַרמייען פון די פאַרבינדעטע — פון די װערסאַלער און די פרײַסן — האָבן געהיט אַלע טויערן.

און אַט שרייט צו אַט דעם פֿאָלק די צעווילדעוועטע רעאַקציע:

— וואָס דו זאָלסט ניט טאָן, ביסטו סיוויסיי פֿאַרפֿאַלן! וועט מען דיך נעמען מיט געווער אין די הענט, וואַרט אַף דיר — טויט! וועסטו בעטן ראַכמים — טויט! ווהין דו זאָלסט זיך ניט קערן, ווהין דו זאָלסט זיך ניט אַ וואַרף טאָן מיטן אויג — רעכטס, לינקס, פֿאָרויס, צוריק, ארויף, אַראָפּ — טויט! דו ביסט נישט נאָר אויסערן געזעץ, דו ביסט אויסער דער מענטשהייט. ניט דיין עלטער, ניט דיין געשלעכט וועלן ניט ראַטעווען — ניט דיך, ניט די דיינינקע. מ'וועט דיך טויטן. נאָך פֿריער וועסטו זיך אָנזעטיקן מיט גסיסע-לייד פֿון דיין פֿרוי, שוועסטער, מוטער, טעכטער, זין און אפילע זויג-קינדער.

— טויט! טויט! טויט!

נעכטן האָט מען געפּעסטעט און געגלעט דעם פֿרייסישן סאָלדאַט — אַ געפּאַנגענעם האָט מען אים געהאָדעוועט, באַצויגן זיך צו אים מיט דער גרעסטער אופֿמערקזאַמקייט. אַ פֿאַרווּנדעטן האָט מען אים געהיילט מיט דער גרעסטער געטריישאַפֿט און ליבע. און אַזוי טאַקע האָט מען באַדאַרפֿט טאָן, ס'איז דאָך געווען אַ מענטש — האַגאַם אין דעם מאָמענט האָט ער אין זיך פֿאַרקערפּערט מעגושעמדיקע קראַפֿט, וואָס דינט דינאַסטישע סינע און גאַיווע. די היטלען אַראָפּ פֿאַר אַט דעם סוינע — פֿאַר דעם בייזן הונט, אָנגעדרייצטן דורך ביסמאַרקן! זשיול פֿאַוור וועט גיין טרערן גיסן באַ די פֿיס פֿון אַט דעם גרויסן מענטשן, כּראַשיו און טיער וועלן זיך שעצן גליקלאַך, אויב ס'וועט זיך זיי איינגעבן נאָכן שלאַכט צו דריקן אים די האַנט, די האַנט וועלכע האָט געשטיקט די רעוואָלוציע אין פֿראַנקרייך, אָבער דו, בירגער פֿון פֿראַנקרייך, דו, וואָס ביסט אויפֿגעשטאַנען צו פֿאַרטיידיקן רעכט און גע-רעכטיקייט, דו, וואָס ערשט נעכטן האָסטו פֿאַרטיידיקט פֿאַריזש פֿון דער רויבערישער מילכאָמע, ווען ווילהעלם האָט אונטערגעכאַפּט די קייסערלאַכע קרוין, וואָס באָנאַפּאַרט האָט פֿאַרלוירן אין דער בלאָטע פֿון סעדאַן — דו, וואָס גארסט איינצושטעלן ברודערשאַכט פֿון פֿעלקער און וועלט-סאָלידאַרישקייט, דו, וואָס באַגערסט גליק פֿאַר פֿראַנקרייך און פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט, דו, וואָס די גרויסקייט פֿון דיין לאַנד ווילסטו בויען אַף יעסוי-דעס, וועלכע זאָלן זיכערן דעם גליק פֿון דער גאַנצער וועלט — דו ביסט אַ פֿאַרשטויסע-נער, דו ביסט אַ פֿארמיעסטער! פֿאַר דיר איז קיין גערעכטיקייט ניטאָ.

דיין האַנט איז מיעס, און וואָלסטו זי אויסגעשטרעקט אַף צו בעטן ראַכמים, וואָלט מען זי דיר אָפּגעהאַקט, אָנשפּייענדיק דיר אין פּאַנעם.

טויט דיר, מוירעד! טויט דיר, סאָציאַליסט! טויט דיר, קאָמונאַר! טויט דיר, דיין נע קייווע-ווייב און די פֿון איר בויך-געבוירענע.

* * *

טויט! טויט! טויט!

נאָר וואָס-זשע זיינען עס געווען פֿאַר מענטשן, אַט די, וועמען די פֿראַיִם פֿון די הערשנדיקע קלאַסן האָבן מיט אַזעלכע ווילדע פֿרייד-געשרייען צוגעבונדן צום שאַנד-סלופּ? וואָס זיינען עס געווען פֿאַר מענטשן, וואָס די בורזשואַזיע האָט, מיט דולער סימכע פֿון רויטהויטיקע מענטשנפֿרעסער, געפּייניקט מיט אַן אכזאָריעס, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע שכיטעס, וועלכע זיינען ביז אהער געווען באַוווּסט?

אייניקע נעמען שווימען ארויף אַף דער אויבערפֿלאַך פֿון די בלוטיקע כוואַליעס, וואָס זיינען געיאָגט דורכן שטורם פֿון רעאַקציאָנערן שיגאָען, עגאָיסטישע אינסטינקטן און נע-קאָמע-פּאַכדאָנעס.

לאָמיר זיך צוקוקן צו דידאָזיקע מענטשן, ווייל פֿון זיי וועלן מיר קאָנען פֿאַרשטיין אויך די איבעריקע, יענע גרויסע נאָמענלאָזע מאַסע, וואָס אַף דער אָנפֿראַגע פֿון דער גע-שיכטע וועט זי ענטפֿערן:

„דער נאָמען מיינער איז — פאָלק!"
אָט האָט איר דעם ערשטן:

דעלעקליוז

אַ זאָקן מיט אַ ווייסן קאָפּ, אַ דאַרער, מיט ענערגישע שטריכן פון געזיכט און מיט שטאָלצן בליק, אַ מוסטער פון ערלאַכקייט און זויבערקייט, אַ יאַקאָבינער, אַזוי ווי אויסגעגאָסן לויטן מאָדעל פון די בראָנזענע פיגורן פון די קאָנווענט-לייט, פון וועלכע ער איז אין אונזערע טעג געווען דער לעצטער, אבער ניט דער ערגסטער פאָרשטייער.

דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז געווען אַ אומאויפהערלאַכער קאַמף פאַר דעם, וואָס ער האָט גערופן רעכט, יוישער און עמעס.

ניט די דורכפאַלן זיינע, ניט די רעדיפעס, — אין דער צייט פון דער אימפעריע איז ער געווען פארשיקט קיין קאיענע (קאַטאָרגע) — ניט זיינע ליידן, פיזישע און מאָראַלישע, ניט די יאָרן, — קיין זאך האָט ניט געקאָנט אָפּשוואכן זיין גלויבן און זיין אויסערגעוויינלאכע געטרייע איבערגעגעבנקייט.

קעדיי צו האָבן אַ מעגלאַכקייט בעסער צו דינען דער רעוואָלוציע, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון פאַמיליען-לעבן, האָט קיינמאָל נישט כאַסענע געהאַט און האָט געלעבט צוואַמען מיט זיין מוטער און שוועסטער.

ער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט פון קיין ספּייקעס, פון פאַרמאַטערטקייט און אפילע פון מידקייט. ער האָט געלעבט און איז געשטאָרבן אָן פורכט און מיט אַ ריינעם געוויסן.

באַזונדערס שיין איז געווען זיין סאָף. געשיקט צוערשט פאַר אַ דעפּוטאַט קיין באָרדאָ, איז ער דערנאָך געווען אויסגעקליבן אין דער קאָמונע און איז אָן שום וואַקלעניש געקומען אהין, וווהין ס'האָט אים גערופן זיין פאָלק.

און געהערט האָט ער דאַפּקע צו אַ דאָר, וועלכער איז געווען אף דורך-און-דורך דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון איינהייטלאכער רעגירונגס-דיקטאַטור. דורכגעדרונגען מיט גלויבן אין דער מעלוכע און ווייניק באקאנט מיט סאָציאַלע פראַגן. גאָר איינגיכן האָט ער געקאָנט שוין באמערקן, אַז די זאַך, פאר וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן — די זאַך פון דער קאָמונע — גייט זיך אמאָל פאַנאַנדער מיט אייניקע פון זיינע טייערסטע איבערצייגונגען.

דעלעקליוז האָט אָבער העכער פון זיינע איבערצייגונגען געשטעלט די רעוואָלוציע. אין אָט דעם אייזערנעם מענטשן איז ניט געווען קיין סימען פון קיין דאָקטרינער. דאָס איז געווען אַ פאַנאַטיקער, אָבער ניט קיין דאגמאַטיקער. ער איז ניט געווען פון די, וואָס פאַרהאַמערן די רעוואָלוציע אין איין פאָרמול און שרייען אויס. „אויסער מיין אַנימיימען איז קיין אויסלייז נישטאָ".

אָט פאַרוואָס ער האָט קלאָר פאַרשטאַנען די פּראָגראַם פון דער קאָמונע, האָט ענדלאך מיט איר איינגעשטימט און האָט אָנגענומען אלע אירע אויספירן אין זייער גאנצער קראַפט און פולקייט, האַגאַם לעכאַטכילע איז ניט מיט אַלע שטרעבונגען פון די קאָמונע-קעמפער האָט ער מאסקים געווען, האַגאַם אייניקע פון די שטרעבונגען, זיינען, אָדער איינגאַנצן געווען קעגן זיינע איבערצייגונגען, אָדער, אופדעקנדיק נייע זייטן אין די געשטעלטע פראַגן, האָבן זיי ארויסגערופן ספּייקעס און אומרו אין זיין מויאַך, וועלכער איז געווען געוואוינט גאָר צו אנדערע פאָרשטעלונגען און באַגריפן.

זיינע אָרגאַנישע, אַזוי צו זאָגן, סימפּאַטיעס האָבן אים נישט געצויגן צו דער קאָמונע, דאָרט איז אָבער געווען דאָס פאָלק, דאָרט איז געווען דער ווילן פון פאָלק.

און צו דעם האָט דעלעקליוז זיך געבויגן און אונטערגעוואָרפן מיט דער גרעסטער גוורע-

באַנאַנד מיט דעלעקליוזן שטייט, גרויס ווי ער, האַגאַם דער הייפּעך זיינער —

וואַרלען

אַ זון פון פאָלק און אַ קינד פון אייגענע ראַיוּגנע ראַיוינעס און מאַכשאָוועס.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1820 יאָר בא ארימע פויערים פון דעפּאַרטאַמענט סענא און מייאַרנא. אפן דרייצנטן אָדער פערצנטן יאָר איז ער געקומען קיין פּאַריזש און דאָרט איז ער אָנגעקומען פּאַר אַ לערן-אינגל צו אַן איינבינדער.

ער האָט נאָך דעמאָלט גיט געקאָנט ניט לייענען, ניט שרייבן. דאָך האָט בא אים גע-קלעקט ענערגיע צו זעלבסטבילדונג, פאַר וועלכער ער פלעג אָפּרייסן צייט פון יענע קנאַפּע אָפּרו-שאָען, ווען ער איז געבליבן פריי פון דער ארבעט אין וואַרשטאַט.

דעלעקליוז, וועלכער איז געווען פון אַ בורזשואזער אָפּשטאַמונג, און האָט באַקומען אַ יאַקאָבינישע דערציונג, האָט אין זיך פאַרקערפּערט אַ רעוואָלוציאָנער פון אַלטן שניט, וואָס דעם סאָציאַליזם האָט ער אופגענומען נאָר מאַכמעס דער געטריישאַפט זיינער די אינטערעסן פון פאָלק, און פון גערעכטיקייט.

וואַרלען, פאַרקערט, איז די פאַרקערפּערונג פון דער רעוואָלוציע. ער געהער אינגאנצן דעם קעמפנדיקן סאָציאַליזם, וואָס צווישן אלע זיינע פאָרשטייער וועט וואַרלענס גע-שטאַלט שטענדיק פאַרבלייבן איינע פון די ליכטיקסטע, פון די איידלסטע און רירנדיקסטע.

זיין רעוואָלוציאָנע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אַלס הויפּט-טוער פון דער „געזעל-שאַפט פאר ווידערשטאַנד” בא די ארבעטער פון איינבינדערייען. דערנאָך איז ער געווארן דער גרינדער פון די ערשטע סאָציאַליסטישע גאָרקיכן אין פּאַריזש. און לעסאָף, איז ער געווארן איינער פון די ערשטע מיטגלידער און אומערמידלאַכסטע אגיטאַטאָרן, וואָס האָבן אין פראנקרייך געפּריידיקט און פאַרשפּרייט דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אלע געדיינקען נאָך איצט, ווי שטאָלץ און דרייסט ער האָט זיך געהאַלטן פאַרן אימ-פּערישן טריבונאַל, ווען נאַפּאָלעאָן דער III-טער, איבערציייגנדיק זיך, אַז ס'וועט אים ניט געלונגען ניט צו פאַרפירן דעם אינטערנאַציאָנאַל, און ניט אריינצונעמען אים אין זיינע הענט, האָט גענומען קעמפן מיט אים, קעדיי אים צו פאַרניכטן.

מיט וואַרלענען האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט אין רעדאַקציע פון „מאַרסעליעזע”.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָט דעם יונגן, שיינעם קאָפּ, וואָס איז שוין געווען פאַרדעקט מיט גרויע האָר, אָט די האַרציקע און רויקע שטימע. אָט דעם טיפן קוק פון די שווארצע אויגן און דאָס האַלטן זיך, פול מיט זעלבסטבכשיוועס.

גערעדט האָט ער ווייניק, פלעג קיינמאָל אין קאַס ניט ווערן. אין אים איז געווען פאַרייניקט גרויסמוטיקייט פון אַ העלד און צאַאַר פון אַ דיינקער.

וואַרלענס ראָליע אין דער קאָמונע איז באַוווּסט.

גערעדט האָט ער דאָרטן ווייניק, נאָר געטאָן האָט ער אסאָך. אין דער קאָמונע האָט ער זיך מערסטנטייל באַשעפטיקט מיט פינאַנץ-אָנפירונג — צוזאַמען מיט זשורדן, — שפּע-טער האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער מיליטער-ווירטשאַפט, ווו ער האָט געהאַט אַ מעג-לאַכקייט אין דער פולער מאָס אויסצונוצן זיינע גוואַלדיקע אָרגאַניזאַטאָרישע פייאיקייטן.

בעייס די ווערסאַלער זיינען אריין אין פּאַריזש, האָט ער העלדיש געקעמפט ביז לעצט, און איז צום סאָף געגומען געוואָרן אין גשפיינקעניש דורך די באַזיגער פון דער קאָמונע.

מיט הענט פאַרבונדן אַף צוריק, באַגלייט מיט קלעפּ און זידלערייען פון דער נידער-טרעכטיקער מאַכנע, וועלכע האָט געטאַנצט ארום אים, אַ באַשפּיגענעם, אַ פאַרגאָסענעם מיט בלוט און מיט בלאָטע, האָט מען אים מער פון 2 שאָ ארומגעפירט איבער די גאַסן פון מאָנמאַרטר, קעדיי מיט אַ באַזונדערער אכזאָריעס צו פאַרלייגערן זיינע טויט-ליידן.

נאָר אפילע אָט דאָס שווערע פּייניגקן האָט נישט געבראָכן זיין מעכטיקע נאטור.

אַ בלאסער און אַ רויקער, אָן איין וואָרט, אָן איין באוועגונג פון אומגעדולד, פון קאַאָס אָדער שוואַכקייט, האָט ער מיט זיין טיפן קוק באטראכט די טאַליאַנים.

ענדלאַך האָבן די קוילן געמאכט אַ סאָף פון זיינעליידן.

ער איז געווען אַזוי דערהויבן אין זיין דרייסטקייט, אז אפילע די סאָנים זיינע און די טאליאַנים האָבן עס געמוזט באוואונדערן.

אָט דערציילט וועגן זיין טויט, דאַפקע א רעאַקציאָנערער זשורנאל פון יענער צייט:

„וואָרלען, וועלכן מ'האָט ארעסטירט אף דער גאס לאפאיעט, איז אוועקגעפירט געווארן צו מאנמארטר.

די מאכנע ארום אים האָט געהאלטן אין איין וואקסן, אזוי, אַז ס'האָט מיט גרויסע שוועריקייטן קאם געלונגען צו דערגרייכן ביז צופוסנס פון די מאנמארטער הייכן. דאָ האָט מען דעם געפאַנגענעם געבראכט צו עפּעס אַ גענעראל. וואָס דער נאָמען זיינער איז בא מיר ארויס פון זיקאָרן. דער וואך־אָפיציר איז צוגעגאַנגען צום גענעראל און האָט אים עפּעס שטיל אַ זאָג געטאָן אפן אויער. יענער האָט אים געענטפערט:

— דאָרט, הינטער אָט דער וואנט!

אויסער אָט די פיר ווערטער האָב איך גאָרניט געקאָנט כאפּן און, הגם דער באַטייט זייערער האָט ניט געקאָנט ארויסרופן קיינע ספייקעס, האָט זיך מיר דאָך געוואלט ביזן סאָף זען דעם לעצטן לעבנס־אקט פון איינעם פון די שעפער פון אָט דער שרעקלאכער דראמע... די נעקאָמע פון דער געזעלשאפט האָט אָבער באשלאָסן עטוואס אנדערש.

„בעיס מ'האָט צוגעפירט דעם פארמישפּעטן צום אָנגעוויזענעם אָרט, האָט עפּעס אַ קאָל פון דער מאכנע, וואָס איז גלייך אונטערגעכאפּט געוואָרן פון אַנדערע, אויסגעשריען:

„צו פרי! מ'דארף אים נאָך אביסל ארומפירן!”

„די טרויעריקע פּראָצעסיע האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג. מ'איז געקומען אף דער ראזיע, האָט אָבער דער הויפּט־שטאָב, וואָס האָט זיך געפונען אף דער גאס, נישט דערלאָזט דאָ די הארוגע.

„מ'האָט געמוזט ווידער זיך אומקערן צום מאנאמארט אונטער דער באגלייטונג פון דער גאַנצער מאכנע, וואָס איז אף יעדן שריט געוואָרן אלץ גרעסער.

דאָס בילד איז געוואָרן מיט יעדער רעגע אלץ גרויזאמער. אָט דער מענטש, וועלכער האָט פון אָנהייב אָן געוווסט, וואָסער אַ גוירל עס וואָרט אף אים, איז געגאַנגען מיט אזעלכע זיכערע און פעסטע טריט, אַז, ניט געקוקט אַף אלע פארברעכנס, וואָס ער האָט געקאָנט באגיין, האָט דער צושויער ניט ווילנדיק אָנגעהויבן ליידן אליין, אים מיטצופילן, זעענדיק פאר זיך אזא שווערע און לאנגע גסיסע.

נאָר אָט איז דער פארמישפּעטער, ענדלאַך, געקומען צום אָרט, ווו מ'האָט אים געדארפט טויטן. מ'שטעלט אים צו דער וואנט. ביז אָבער דער אָפיצער האָט אויסגעשטעלט די סאָלדאטן און זיך געגרייט אָפּצוגעבן אַ באפעל צו שיסן, האָט איינער פון די סאָלדאטן — פאַרשטייט זיך, נאָר צוליב זיין ניט קאָנען באַגיין זיך מיט דער ביקס — אָפּגעלאָזט דאָס ציבגל. די ביקס האָט אָבער ניט אויסגעשאָסן. אין דערזעלבער רעגע האָט זיך דערהערט אַ זאַלפ און וואָרלען איז אומגעפאַלן.

„די סאָלדאטן, מוירע האָבנדיק, אז ער איז נאָך ניט געשטאָרבן, האָבן זיך גלייך אוואָרפגעטאָן, קעדיי צו מאכן מיט אים אַ סאָף מיט דער הילף פון די פריקלאדן. דער אָפיצער האָט זיי אַ זאָג געטאָן: „געננוג! איך זעט דאָך, אז ער איז געשטאָרבן!”



העלדן פון פאַריזשער קאָמונע

דעלעקליוז, ווערמאָרעל, דאמבראווסקי (אויבן, פון רעכטס), ווארלען, פלוראנס (אינמיטן),
וואלעס, פעררע, ריגאָ.

אזוי דערציילט אַ סוינע, איינער פון יענע כאיעס, וואָס האָבן זיך מיט אַזאַ ווילדער בייזקייט אוואָרפגעטאָן אפן באַזיגטן פאָלק און וואָס אַף טויט-שטראַף זיינען זיי געלאָפן קוקן, ווי אַף אַ יאָנטעוו.

אָט די באַשרייבונג, כאָטש זי איז בעקיוון געלינדערט, דערציילט וועגן דער נידער-טרעכטיקער אכזאָריעס פון די טאַליאָנים און וועגן דער העלדישקייט פונם קאָרבן אַסאַך מער, ווי ס׳וואָלטן געקאָנט וועגן דעם דערציילן גאַנצע בענדער.

דאָס איז אַ לעבעדיק בילד, וואָס פאַרגעסן איז אוממעגלאך.

אָט דאָס איז געווען דער סאָף פון וואַרלענען, וואָס זיין לעבן, באַקרוינט מיט מאַר-טירעשקייט, איז אינגאַנצן געווען אָפּגעגעבן דעם קאַמף פאַר רעכט און גערעכטיקייט.

איך האָב זיך אַזוי לאַנג אפגעשטעלט אַף דידאָזיקע צוויי פיגורן דערפאַר, ווייל זיי פאַרקערפּערן אין זיך פולשטענדיק צוויי זייטן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און קאָנען אָנגערופן ווערן די צוויי ענדפּונקטן פון דער פּאַריזשער קאָמונע.

דעלעקליוז—דאָס איז אַ בורזשואַזער יאַקאָבינער, וועלכער האָט פאַרגעסן זיין אפשטאַ-מונג, זיין דערציונג, זיינע אינסטינקטן און קלאַסן-טראַדיציעס און איז געוואָרן אַ סאָצי-אַליסט, קעדיי צו פאַרייניקן זיך מיטן פאָלק, גיין צוזאַמען מיט אים אויסקעמפן סאָציאַלע פרייהייט.

וואַרלען—דאָס איז גופא דאָס יונגע פאָלק, וואָס הויבט ערשט אוף דעם קאָפּ, וואָס באַהערשט די וויסנשאַפט און מיט העלדישן שווונג ווערט ער איינס מיט סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס פון איר איז ער דער געטרייער און נאַטירלאַכער פאָרשטייער, פון איר איז ער—דאָס בלוט און פלייש.

דער ערשטער זאָגט צו דער קאָמונע: „דו ביסט—גערעכטיקייט!"

דער צווייטער זאָגט אָן דער פאַרכידעשטער וועלט: „דאָס פאָלק איז גרייט!"

נאָר וויפיל שטויסן זיך אינם זיקאָרן נאָך אַנדערע נעמען, וואָס פאַרדינען דעמזעלביקן אפּאָפּעאַז; וויפיל אַנדערע פיגורן, וואָס פאַרקערפּערן דיזעלביקע טיף און דערהויבנקייט, וואָס כאַזערן איבער דיזעלבע ווערטער, דערוויזן דיזעלבע עמעסן!

ווער קאָן זיי פאַרגעסן,—

דיוואַל׳ן און פלוראַנס׳ן

איינער פון זיי איז אַ פּאַשטעטער ארבעטער, באַגלייך מיט וואַרלענען. דער צווייטער איז אַ זון פון איינעם פון די הויכגעשטעלטע געלערנטע פון זיין צייט, אַ זון פונם פּראָ-פעסאָר, אַקאַדעמיקער, מיטגליד פון אינסטיטוט—פלוראַנס.

ביידע האָבן זיי אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר איינער און דערזעלבער זאַך. און זיי וואָלטן איר געבראַכט אויך ניצאָכן, ווען די העלדישקייט, מיט וועלכער זיי האָבן געדינט דער גערעכטיקייט, וואָלט געווען גענוג אַף צו טריומפירן איבער דער כיטרער אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזער מעלוכע, אָט דעם הונדערטהעטיקן ריז, וואָס שטייט אַף דער וואַך פון פּריווילעגיעס און עקספּלואַטאַציע—קעגן יושער און עמעס.

ביידע זיינען זיי געווען יונג. ביידע האָבן זיי, ווי דעלעקליוז און וואַרלען, געאַרבעט אין דער קאָמונע. ביידע זיינען זיי געווען קאָמאַנדירן פון באַזונדערע טיילן, בעיס דער דיווערסיע דעם 3-טן אַפּריל, ווען פּאַריזש האָט מיט איינהייטלאַכן דראַנג אין באַגייסטע-רונג געשטעלט אַף די פיס זיינע צוויי הונדערט טויזנט מענטשן, וועלכע טייער האָט פאָר-געשטעלט פאַר פראַנקרייך, ווי „אַ הייפל ראָצכים, אַנטלאָפענע פון קאַטאָרגע"

גיוסטאַוו פלוראַנס איז שוין פון לאַנגאָן באַרימט געווען מיט זיין דרייסטן קאַמף קעגן דער אימפּעריע. אַ וואַנדער-ריטער פון דער רעוואָלוציע, איז ער געפאָרן קיין

קאַנדיע צו קעמפן דאָרט קעגן דעם טערקישן דעספּאָטיזם פאַר דער אונטערגעשטאַנענעם גריכישן פאָלק. קומענדיק צוריק קיין פאַריזש, האָט ער ווידער אָנגעהויבן פירן זיין קאַמף אין „מאַרסעליעזע" און אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. בעת דער באַלאַגערונג האָט ער, אַ קאָמאַנדיר פון אַ באַטאַליאָן, געמאַכט אַ פּרוּוו צו ראַטעווען פאַריזש און די רעפּובליק. די רעגירונג פון „פאָלקס-פאַרטיידיקונג", וואָס ער האָט איבער זיין שוואַכקייט געשאַנעוועט, האָט אים פאַרזעצט אין מאַזאַס, און פון דאָרט האָט אים דאָס פאָלק באַפרייט דעם 21-טן יאַנואַר.

4-טן אַפּריל האָט אים אין ריועל פּלוצלינג פאַרנומען אַ זשאַנדאַרם-טייל, וועלכע האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז, וווּ ער האָט געוואָלט אָפּרוען עטלעכע מינוט. ער האָט זיך געפּרוּווט פאַרטיידיקן, נאָר איינער אַ קאַפּיטאַן, מיטן נאָמען דעמאָרטע, האָט אים צעשפּאָלטן דעם שאַרבן מיט אַזאַ האַסטיקן קלאַפּ פון שווערד, אַז עס האָט אַרויסגעשפּריצט מאַרך פונם קאָפּ.

דעם קערפּער זיינעם האָט מען אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַסטן און אַוועקגעשיקט קיין ווערסאַל, ווו ס'זיינען געלאָפן קוקן אויף אים די גרויסאַרטיקע דאַמען, אָט די „צויגן" (ווי עס רופט זיי אָן דער דיכטער אין זיין צאָרנדיקער ליד *), וועלכע זיינען געלאָפן לעקן דאָס בלוט פון די פאַרוווּנדעטע און דערווערגן די ווינדן פון די געפאַנגענע.

„מיט געשניצטע הענטלאַך פון זיידענע שירעמס"...*)

דיוואַל איז געווען אַ אינטערנאַציאָנאַליסט—אַ פּאָשעטער מעטאַל-גיסער. ערשט עטלעכע טעג איז ער געזעסן אין דער קאָמונע, און שוין האָט ער צוגעצויגן צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מיט זיין ענערגיע און טעטיקייט, מיט זיין רויקער דרייסטקייט.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז מיר אויסגעקומען צו זיצן לעבן אים. ווייניק האָב איך באַגעגנט אַזוינע מענטשן, ווייניק געזעען אַזוינע, וואָס אויפן פּנים זייערן זאָל זיך אַזוי קלאָר אָפּשפּיגלען די גרויסמוטיקייט, איידלקייט און אָפּפערווויליקייט פון זייער נאַטור.

ער איז נאָר אַדורכגעגאַנגען איבער דער היסטאָרישער סצענע, — צו קעמפן און שטאַרבן, — דער אָבער, וואָס האָט אים איין מאָל געזעען, וועט אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

מ'האָט אים גענומען אין געפענקעניש אין שאַטיליאָנער פּלאַטאָ, צוזאַמען מיט זיין מיליטערישן טייל, נאָך אַ גוואַלדיקן ווידערשטאַנד.

ער מיט זיין טייל זיינען אַרומגערינגלט. קיין פּאַטראָנען איז מער ניטאָ.

— גיט זיך אונטער! מיר וועלן אייך שיינקען דאָס לעבן! — זאָגט מען זיי אין נאָמען פונם גענעראַל פּעלע, דעם קאָמאַנדיר פון מיליטער.

זיי גיבן זיך אונטער.

און די ווערסאַלער כאַפּן גלייך פון די רייען אַרויס די סאָלדאַטן פון דער רעגולערער אַרמיי, וואָס האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט די פעדעראַליסטן, און צעשיסן זיי דאָ אויפן אָרט.

אין אַ צייט אַרום האָט דער מאַרשאַל מאַק-מאַגאָן אַמניסטירט דעם צווייטן מאַרשאַל, וועלכן מ'האָט באַשולדיקט סאַכאַקל אין דעם, וואָס ער האָט דעם סוינע אָפּגעגעבן די שטאָט מעך צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַרמיי!

די איבעריקע רינגלט מען אַרום מיט צוויי רייען שיסער און מ'פירט זיי אַוועק קיין ווערסאַל.

אויפן וועג באַגעגענען זיי ווינואַ, דעמזעלבן, וואָס האָט מיט אַזאַ פאַרגעניגן גענומען אויף זיך די שמוציקע אויפגאַבע אָפּצוגעבן פאַריזש.

---

*) וו. הוגאָ

ער פרעגט: „ווער איז בא אייך דער עלצטער?
— איך! — ענטפערט דיוואל און טרעט ארויס פֿאָרויס.
נאָך אים טרעט ארויס דער צווייטער:
— און איך בין דער פּארוואלטער פון דיוואלס שטאב!
פון די רייען טרעט ארויס דער דריטער:
— איך בין דער פּארוואלטער פון וואלאנטיערנס-שטאַב — זאָגט ער און שטעלט זיך אוועק לעבן די צוויי ערשטע.
— הינט קרעציקע זיינט איר אלע: — זאָגט ווינוא אף זיין קאָרדעגאַרישער שפּראַך — איך וועל אייך טייקעף אלע צעשיסן!
דיוואל און זיינע ביידע כאַווירים, ניט באווילנדיק אַפילע אים צו ענטפערן, שטעלן זיך אַליין אוועק צו דער וואַנט, נעמען אראָפּ די שינעלן און מיטן אויסגעשריי:
— זאָל לעבן די קאָמונע! — פאלן זיי אום, דערשלאָגן פון קוילן.
דאָס זיינען די ערשטע קדוישים פון דער רעוואָלוציע.
די ווערסאַלער האָבן ערשט אָנגעהויבן די שכיטע, וואָס האָט זיך געדארפט פארענדיקן מיט אויסראטן א גאַנצע באַפעלקערונג.
זיי זיינען געווען די ערשטע און די גליקלאכסטע. זיי זיינען געשטאָרבן, גלויבנדיק אין ניצאָכן: ס'איז דאָך געווען בלויז דער עהשטער שלאכט. הינטער זיך האָבן זיי נאָך געפילט פּאַריזש, דעם גרויזאַמען און מעכטיקן פּאַריזש.
שלאָפט זשע רויק, פריינט: איר האָט קיין טאָעס ניט געהאַט! ס'וועט קומען די צייט און אנדערע וועלן אופשטיין, און פארענדיקן די זאַך, פאר וועלכער איר האָט אָפּגעגעבן אייער יוגנט און אייער לעבן! ס'וועט קומען א טאָג, ווען דאָס באַפרייטע פאָלק וועט אויסרופן הויך אייערע נעמען, וואָס איצט וואַגט מען קוים אָנצורופן זיי אין דער שטיל, און מיט א מעכטיקער שטים וועט ער אויסשרייען:
— אַכטונג און דאנק אייך, מארטירער פון דער ערשטער שאָ!
צוזאַמען מיט אָט די צוויי וועט אין דעם בעקאָוועדיקן פּאנטעאָן פון די מארטירער אויסגעקריצט ווערן דער נאָמען

ווערמארעל

ער איז אויך געווען יונג. געבוירן אין 1841 יאָר, דער נאָמען זיינער איז שוין געווען באוווסט אלס שריפטשטעלער-פּובליציסט.
פּונקט ווי דעלעקליוז, ווי פלוראנס, האָט ער אַוועקגעוואָרפן, אָפּגעשאָקלט זיך פונם בורזשואַזן לאַגער, קעדיי איינצושליסן זיין האַנט אין דער האַנט פון פאָלק, קעדיי לעבן, קעמפן, שטאַרבן מיט אים און פאַר אים.
ווערמאָרעל איז דערצו נאָך דערצויגן געוואָרן אין אַ יעזויטישן סעמינאר. און דאָך האָט ער גויוועך געווען אַלץ, אַפילע די קלעריקאַלע דערציונג, אַפילע דעם אָפּסאַמענדיקן איינפלוס פון די יעזויטן.
ער האָט געגרינדעט די צייטונג „דער פראנצויזישער קוריער" און איינער פון די ערשטע האָט ער אופגעהויבן אין דער אימפּעריע די סאָציאַליסטישע פּאָן. זיין לוין איז געווען — רעכילעס. אין מעשעך פון אַ לאַנגער צייט איז ער בא דער רעוואָלוציאָנערער פּארטיי געשטאַנען אונטער אַ כשאַד.
בעשאַס מ'האָט אים אויסגעקליבן אין דער קאָמונע, איז ער געווען ניט אין פּאַריזש. ער איז גלייך געקומען אפן רוף. ער האָט נישט געגלויבט אין ניצאָכן און האָט זיך ניט געשאפן קיין שום אילוזיעס. נאָר, ניט פארטראַכט זיך איז ער געגאנגען אהין, וווהין ס'האָט אים גערופן כויוו און געפאר.

ער איז גלייך געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע רעדנער און האָט ארויסגעוויזן אַ אומדערמידלאכסטע און אלזייטיקסטע טעטיקייט, ער האָט רעגלמעסיק באזוכט אלע פאַר-זאמלונגען פון האַטהויז, האָט גענומען אַ טיכטיקן אנטייל אין דער ארבעט פון זיין קאָמיסיע. אין די פאַלן, ווען ער האָט ניט געקאָנט ריידן פערזענלאך, האָט ער געשריבן. שטענדיק, — ווען ס'איז נאָר נויטיק געווען, איז ער געלאָפן צו די אוואנפאסטנס. מיט איין וואָרט, ער איז געווען אומעטום, ווו ער האָט גערעכנט, אַז ער קאָן זיין נוצלאך. ווו ער האָט געהאלטן פאר נויטיק צו דערפילן עפעס אַ פליכט.

בעאייס די ווערסאַלער זייגען אַריין קיין פּאַריזש, ווערט אָט דער ליטעראט, אָט דער זשור-נאַליסט, וואָס אין אים איז ניט געווען אַפילע קיין סימען סאלדאט, וואָס דאָס גאנצע לעבן זיינס איז געווען — וויסנשאפט, קאָפּ-ארבעט, ווערט אָט דער מענטש איינגאַנצן אומגעענדערט, נעמט אנטייל אין די שלאכטן, שלעפט פורגאָנעס, צעטראָגט באַמעלן, באוויזט זיך אומעטום, ווו ס'איז פאראַן אַ גרעסערע געפאַר און ריזיקירט מיט זיין לעבן צוואַנציק מאָל אַ שאָ.

און לעסאָף פאלט ער פאַרוואונדעט פון אַ קויל.

מ'טראָגט אים אַוועק, מ'וויל אים אויסבאהאַלטן. מ'געפינט אים אָבער און מ'ברייננגט אים, אַ געפאַנגענעם, אין שפיטאָל אריין, און דאָרט גייט ער פאַמעלאך אויס.

ווי פיינלאך האָט זי געמוזט זיין, אָט די דויערנדיקע גסיסע, אונטער דער שמירע פון די ווערסאַלער טפיסע-וועכטער, ווייט פון אלע זיינע אייגענע, אין אַ צייט פון שלאַכט, אין סאמע ברען פון אָט דעם פינסטערן און בלוטיקן אומקומען פון דער ערשטער שטאָט אין דער וועלט, פון דער דערהויבנסטער זאַך אין דער געשיכטע!

מיט עטלאכע שאָ איידער מ'האָט אים פאַרוואונדעט, האָט ווערמארעל, פירנדיק קוילן צום מאנמארט, באגעגנט פערע'ן.

— איר זעט, פערע, — האָט ער געזאָגט צו אים — די מיטגלידער פון דער מינדערהייט פילן אויס זייער כויוו!

דאָס איז געווען אַ רעמעז אָף איינקע טרויעריקע כעלוקע-דייעס.

— און די מיטגלידער פון דער מערהייט פילן אויס זייער כויוו! — האָט געענטפערט פערע.

און מיט אָט די שטאלצע ווערטער זייגען די ביידע וואָס זייער טויט איז שוין געווען אַזוי נאָענט, זיך פאנאנדערגעגאַנגען.

די פען פאַלט שוין בא מיר פון די הענט, און אַלץ גייע און נייע נעמען שטויסן זיך אין מיין זיקאָרן.

ס'וואָלט זיך געוואָלט ריידן פון אַלע, ס'איז אָבער שווער אויסצורעכענען אַפילע די נעמען זייערע!

איך וועל אָבער דערציילן נאָך פון איינעם, פון

פ ע ר ע

אין פעלאזשי, אין טפיסע, וווּהין אונז ביידן האָט אריינגעוואָרפן דער דעספּאָטיזם פון דער אימפעריע, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל מיט פערע'ן באקאנט.

ס'איז אוממעגלאך צו פארגעסן אָט די בלייכע, טרוקענע, ענערגישע פיגור. אָט דאָס געזיכט איז איבערגעהאַקט מיט אַ לאנגער, גלייך אפּן מויל פאלנדיקער, נאָז. אָט די שווארצע אויגן מיט שארפן און שטריינגן קוק.

אין דער קאָמונע האָט ער זיך זעלטן ווען באטייליקט אין די דעבאַטן. צוזאַמען מיט ראוול ריגאָ האָט ער פארוואלטעט מיט דער פאָליציי און לעסאָף האָט ער אים פארביטן אַלס דעלעגאַט באַ דער פרעפעקטור.

שטענדיק אַ רויקער און אַ שווייגנדיקער, עטוואָס אַ קאַלטער אפן אויסזעען, האָט דער דאָזיקער מענטש אין זיין שוואַכן און איידעלן קערפּער פאַרמאָגט אַ אייזערנעם ווילן און העלדישע מוטיקייט.

דאָס איז געווען אַ עקזאַלטירטע, און אין דערזעלבער צייט אַ קאָנצענטרירטע נאַטור, וואָס מיט איר איינגעהאַלטענעם ענטוזיאַזם און שטייפן ווילן האָט זי דערמאָנט יענע רע-פאָרמאַטאָרן פון XVI יאָרהונדערט, וועלכע האָבן אפן פייער פון די שייטערס איבער-געכאַזערט די דאָגמע פון זייער גלויבן.

שטייענדיק פאַרן מיליטערישן געריכט, וואָס האָט אים פאַרמישפּעט צום טויט, איז ער געווען גרויס אין זיין רויקייט, שטאָלץ מיט זיין פאַראַכטונג צו די טאַליאַנים, וואָס דער ניצאָכן האָט זיי פאַרשלייערט פאַר ריכטער.

אַ שאָ פריער איידער מ׳האָט אים געטויט, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריף צו זיין שוועסטער, אַ בריף אָן פראַזן, אין וועלכן ער דערקלערט זיך פאַר אַ פולשטענדיקן אַטע-איסט און מאַטעריאַליסט.

גאַנצע צוועלף וואָכן פון דעם טאָג וואָס ער איז פאַרמישפּעט געוואָרן, האָט ער געוואַרט אָפן טויט!

די ווערסאַלער האָבן בעקיוון פאַרלענגערט דעם טויט-פּיין פון די פאַרמישפּעטע, זיי האָבן געהאָפט דורך אַזעלכע אינויאים איינצוברעכן אָט די העלדישע נעשאָמעס:

גאַסטאָן קרעמיע, פון מאַרסעל, איז געטויט געוואָרן זעקס כאַדאָשים נאָך דעם, ווי מ׳האָט אים פאַרמישפּעט.

די טאַליאַנים האָבן אָבער אַ טאָעס געהאַט.

קיין איינער פון זיי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן! אַלע ווי איינער, סיי אָף די גאַסן, און סיי בא די סטופּעס פון סאַטאָרי, סיי די אומבאַוווסטע, און סיי די באַרימטע, סיי אין פינסטערן געסל, און סיי פאַר די אויגן פון דער געשיכטע, אַלע זיינען זיי געשטאָרבן אָן ציטער, מיט אַ הויך אופגעהויבענעם קאָפּ.

פערע האָט, ווי אַלע איבעריקע, אויך געהאַט זיין גאַלגאָפּע

די מוטער זיינע איז מעשוגע געוואָרן און געשטאָרבן פון פאַרצווייפלונג.

דעם ברודער זיינעם האָט מען אַלס פּסיכיש קראַנק-געוואָרענעם געהאַלטן אין איינער פון די ווערסאַלער שטייגן.

דער פאָטער זיינער איז געווען אין געפענקעניש.

זיין 19-יאָריקע שוועסטער איז געבליבן איינע אַליין אין אָט דעם שרעקלאַכן עלנט, אַרומגערינגלט מיט שאַטנס פון געהאַרגעטע אָדער מעשוגע געוואָרענע, געבליבן צווישן דעם נאַר וואָס פאַרשאָטענעם קייווער פון איר מוטער און נאַרוואָס אויסגעגראָבענעם אָפענעם קייווער, וואָס האָט געוואַרט אָף איר ברודער.

אַ שווייגנדיקע, אַ שטאָלצע, אַ שטאַנדהאַפטיקע, וואָס איז ווערט איר, אפן טויט פאַר-מישפּעטן, ברודער, האָט זי געאַרבעט טאָג ווי נאַכט, קעדיי אַליין דורכצולעבן און נאָך ברענגען אַלע וואָך צוואַנציק פראַנק דעם פאַרמישפּעטן.

ענדלאַך, האָט מען אים 25-טן נאָיאַבר, 6 אַזייגער אינדערפרי געבראַכט אָף סאַטאָרי צוזאַמען מיט ראָסלען און בורזשוא — אַ אָרימען סאָלדאַט, וואָס זיין נאָמען דאַרף אויך פאַרבלייבן אין זיקאָרן.

אינגאַנצן אין שוואַרצן, מיט אַ ציגאַרע אין מויל, מיט אַ געזיכט, אָף וועלכן ס׳האָט קיין ציטער ניט געטאָן קיין איינציקער מוסקול, איז ער מיט פּאַמעלאַכע און פעסטע טריט צוגעגאַנגען צום סלופּ, וועלכער איז געווען פאַר אים צוגעגרייט, האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אַ קוק געטאָן דעם טויט אין פּאָנים אַריין.

ס'האָט אַ הילך געטאָן אַ זאַלפּ. ראַסעל און בורזשואַ זיינען געפאַלן, פּעררע איז גע-בליבן אַף די פיס.

אַ צווייטער זאַלפּ — און ער איז אומגעפאַלן.

און איינער פון די סאָלדאַטן איז דאַן צו אים צוגעגאַנגען, די רער פונם רעוואָלווער אריינגעשטעלט אים אין אויער אַריין און דורכגעשאָסן אים דעם קאָפּ.

געהאַרגעט האָט מען אים אין דריי מאָל.

אַזעלכע זיינען געווען אָט די מענטשן! אַזעלכע איז געווען אָט דאָס פאָלק פון דער קאָמונע!

מיר וועלן פאַרענדיקן מיט די גרויזאַמע ווערטער, וואָס פּעררע האָט געזאָגט שטייענ-דיק פאַרן מיליטער-געריכט, וועלכער האָט געדאַרפט אויספירן די שליכעס — שעכטן אים „אפן געזעצלאַכן גרונט".

וועלכע ס'ניט איז פיירושים וואָלטן זיי נאָר שוואכער געמאַכט.

דאָס איז איינציייטיק אויך אַ נעוויעס וועגן דעם קומענדיקן אופלעבן פון דער אום-שטערבלאכער אידעע, וואָס מ'האָט זי געוואָלט דערטרינקען אינם בלוט פון אירע קעמפער:

„ווי אַ מיטגליד פון דער קאָמונע, געפין איך זיך אין רעשוס פון אירע באַזיגער. זיי ווילן מיין קאָפּ — זאָלן זיי איר געמען! איך וועל קיינמאָל ניט פּרוון ראַטעווען מיין לעבן דורך נידערטרעכטיקייט. איך האָב געלעבט אַ פרייער און אַזעלכער וועל איך שטאַרבן.

„איך וועל צוגעבן נאָך איינס: דאָס גליק איז אומבאַשטענדיק. דער צוקונפט פאַרגלויב איך מיין אנדיינק און אויך מיין נעקאָמע"

און די צוקונפט וועט אָט די צוואָע אויספירן!

אַלבערט טיורליאַן

די קאָמונע און די פּראָווינץ

אין דערזעלבער צייט, ווען פּאַריז איז אופגעשטאַנען קעגן דער נאַציאָנאַלער פאר-זאַמלונג, האָט זיך אין אסאך פּראָווינציעלע שטעט אויך אופגעהויבן אזאַ באַוועגונג. איי-ניקע שטעט זיינען ניט אומשטאַנד געווען עס צו טאָן און האָבן זיך באַנוגנט בלויז דערמיט, וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט מאַניפעסטאַציעס לעקאָוועד דער פּאַריזשער באַוועגונג.

דער ערשטער איז אופגעשטאַנען

ליאָן

19-טן מאַרט האָבן די רעפּובליקאַנער איינגעאָרדנעט א מאַניפעסטאַציע לעקאָוועד פּאַריזש. דער פּרעפעקט וואַליאַנטען האָט געענטפערט דערויף מיט קאָנפיסקירן די צייטונגען און פארהאַלטן אלע טעלעגראַמען.

אַף א פּאַרזאַמלונג פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איז באַשטימט געוואָרן אַ דעלע-גאַציע, וואָס איז אוועק צום מער ענאָן מיט א פאָדערונג, ער זאָל ארויסטרעטן קעגן ווערסאַל און פּראָקלאַמירן די קאָמונע פון ליאָן.

אין דער צייט, ווען ס'האָבן זיך געפירט אָט די אונטערהאַנדלונגען, און שפּעטער, שוין נאָכדעם ווי די דעלעגאַציע האָט באַקומען אין א גראַבער פאָרם אַן אָפּזאָג, איז מיט דער הילף פון דער באַפעלקערונג צעטריבן געוואָרן דער מוניציפּאַלער ראַט און די דעלעגאַטן האָבן פאָרגעלייגט דעם רעפּובליקאַנער קרעטען, ער זאָל ווערן דער מער פון שטאָט.

קרעטען האָט לעכאַטכילע זיך געשראָקן פארן אכראַיעס און האָט זיך אָפּגעזאָגט. סאָף-קאָלסאָף אָבער האט ער איינגעשטימט צו ווערן א מיטגליד פון דער צייטווייליקער קאָ-מונע, וואָס איז באַשטאַנען פון 11 מיטגלידער, פון זיי 5 שטאָטישע ראַטמענער.

מ'האָט צוטריבן דעם מוניציפּאַלן ראַט און מ'האָט אַרעסטירט דעם פּרעפעקט. אַף דער געביידע פון שטאָט-ראט האָט מען בא רוישנדיקע באַגריסונגען פונם פארזאַמלטן אוילעם אופגעהויבן די רויטע פאָן.

דעם 25-טן מאַרט, ווען די 5 ראַטמענער האָבן זיך דערוווּסט, אז טיער איז נאָך ניט באַזיגט, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פליכטן, אלס מיטגלידער פון דער קאָמונע

דאָס האָט ניט געמאכט קיין שום רוישעם אַף די אינסורגענטן. זיי האבן געטאָן זייער זאַך; פארנומען דעם פאָרט שאַרפּען און אָרגאַניזירט די פארטיידיקונג פון האַטהויז. מאַכמעס זייער קליינער צאָל אָבער, האָבן זיי געמוזט דערלאָזן, אַז דער מוניציפּאַלער ראַט זאָל ווידער אָנהייבן זיינע זיצונגען.

און געענדיקט האָט זיך דערמיט, וואָס די קאָמונע, וועלכע האָט ניט געפילט הינטער זיך קיין שום קרעפטן, האָט באַשטימט אָפּצוטרעטן אָן בלוטפארגיסונג און האָט באַפרייט דעם פּרעפעקט. דאס איז פּאָרגעקומען דעם 25-טן מאַרט, 4 אזייגער אינדערפרי.

אין אַ כוידעש אַרום האָבן די סאָציאַליסטן ווידעראַמאָל געמאַכט א פּרווו אַרויסצורופן א ערנסטע באַוועגונג און האָבן אַרויסגעלאָזט פאָלגנדיקן אופרוף:

„די פאַרטרעטער פון ווערסאַל האָבן איבערגעשטיגן זייערע פולמאַכטן און האָבן אָן שום טאַינעס אָנגענומען פאַר פראַנקרייך אַלע טנאָים, וואָס דער סוינע האָט פאָרגעלייגט. איצט ווילן זיי אונז אָנבינדן די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג ווי אַ גרינדונגס-רעגירונג, וואָס פירט אייגנטלאך צום אופשטעלן די קייסערלאַכע מאַכט.

„דעריבער האָבן די ליאָנער רעוואָלוציאָנערן אָף אַ אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איינשטימיק אויסגעטיילט א צייטווייליקע קאָמיסיע און געגעבן איר די ברייטסטע פולמאַכטן. זיי האָבן באַשלאָסן ניט אָפּטרעטן פון זייערע פּאָזיציעס, ווען ס׳זאָל אפילע אויסקומען כאָרעוו מאַכן די גאַנצע שטאָט, וואָס איז אַזוי נידעריק געפאַלן, אַז זי איז גרייט צו דערלאָזן, מ׳זאָל דערשטיקן פאַריזש און די רעפּובליק”...

אַלס ענטפער דערויף האָט זיך דער קוואַרטאַל גילאָטיער באַדעקט מיט באַריקאַדן. נאָר דער פּרעפעקט וואַלענטיען און דער גענעראל קרוזאַ האָבן געהאַט אין זייער רעשוס זייער אַסאַך כאַיעל און האָבן אין מעשאַך פון עטלאַכע שאָ דערשטיקט דעם אופשטאַנד, איבערלאָזנדיק אפן אָרט 60 קערפּערס.

סען־ענטיען

אין סען-ענטיען האָט זיך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אָנגעהויבן דעם 23-טן מאַרט מיט דעם, וואָס צום מוניציפּאַלן ראַט איז דעלעגירט געוואָרן א דעפּוטאַציע מיט אַ פאָדערונג צו פּראָקלאַמירן אַ קאָמונע. דעם 24-טן האָט דער ראַט צוגעזאָגט אָנגעבן אין דעמיסיע און גלייך באַשטימען וואַלן. איינצייטיק דערמיט, האָט אָבער דער שטעלפאַרטרעטער פון פּרעפעקט געוואָרנט די באַפעלקערונג קעגן דערקלערונג פון קאָמונע.

דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געבילדעט נאָך דעם 4-טן סענטיאַבר און איז באַשטאַנען פון 20 דעפּוטאַטן, האָט זיך געפּרווט פאַרייניקן מיטן רעפּובליקאַנישן „פאַרבאַנד-קאָמיטעט”, יענע האָבן זיך אָבער געקווינקלט. איז דער קאָמיטעט געגאַנגען נאָך ווייטער און האָט באַשטימט צו דערקלערן אַ קאָמונע. ער האָט צונויפגערופן אָף אַ פאַרזאַמלונג די אָפיצערן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכע האָבן אויסגעקליבן אַ צענטראַל-קאָמיטעט, און אַלע זיינען זיי אַוועק פאַרכאַפּן דאָס ראַטהויז.

אינדערפרי האָט דער מער אַליין צוגעזאָגט, אַז ס׳וועט פּראָקלאַמירט ווערן א קאָמונע, און דאָס ראַטהויז איז ווידער אָפּגערייניקט געוואָרן. דער פּרעפעקט דע-לענע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן די האַוטאָכע פונם מער. ער האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט אַוועקצוגיין אין דעמיסיע און צו באַשטימען די וואַלן, וואָס דער מוניציפּאַלער ראַט האָט געהאַט צוגעזאָגט.

11 אַ זייגער אינדערפרי זיינען די באַוואָפנטע באַטאַליאָנען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, באַגלייט פון א אומצאָליקער מאַסנע, צוגעקומען צום ראַטהויז מיט געשרייען: „זאָל לעבן די קאָמונע!” דער פּרעפעקט האָט גלייך אַרויסגערופן זיין מיליטער, האַגאַם דער מוניציפּאַלער ראַט האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט.

ס׳זיינען אָנגעקומען עטלאַכע דעפּוטאַציעס און האָבן געבעטן אויספירן די האַוטאָכע, וואָס איז נעכטן געגעבן געוואָרן. ס׳איז אָבער געווען אומזיסט.

פון עפּעס א הויז האָט זיך דערהערט א ביקסן-שאָס. ס׳איז געהאַרגעט געוואָרן אַן אַרבעטער. דער אוילעם איז געוואָרן שרעקלאך אופגערעגט און האָט געענטפערט מיט א שיסעריי.

דאָס פאָלק האָט פאַרנומען די געביידע פון שטאָט-ראַט. דער פּרעפעקט האָט זיך געפּרווט אַנטלויפן, נאָר מ׳האָט אים פאַרהאַלטן און איבערגעגעבן צו צוויי גוואַרדייער — וויקטואַר און פילאָן, — זיי זאָלן אים היטן. איז צווישן אָט דיביידע אַרויס א קריג איבער פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס דער פּרעפעקט האָט קלוימערשט געזאָגט: „איך וויים, וואָס א

אופשטאַנד איז און ווי אזוי מ׳דאַרף אים דערשטיקן, איך האָב ניט קיין מוירע פאַר די אויסוווּרפן!״

פּילאָן איז געווען שרעקלאַך אופגעבראַכט און האָט כּושעד געווען וויקטואַרן, וואָס האָט זיך געפּרוּווט פאַרטיידיקן דעם פּרעפעקט, אז ער איז א פאַררעטער. ער האָט אים דערלאַנגט א קויל אין שטערן און גלייך נאָך אים דערשאָסן אַף טויט אויך דעם פּרעפעקט. ס׳האָט זיך באַלד דערהערט א שיסערײַ מיצאַד די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער און אויך פּילאָן איז געפאַלן א טויטער.

ס׳האָט זיך געבילדעט א קאָמיסיע פון אָפיצערן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכע האָט גלייך צונויפגעשטעלט פאָלגנדיקן אופרוף:

„בירגער! די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פּראָקלאַמירט א קאָמונע. די קאָמונע,—דאָס איז ניט קיין אונטערצינדער, ניט קיין גאַנאָווים און ניט קיין ראָצכים,—ווי מ׳האָט איצט ליב צו כאַזוערן—דאָס איז אַ דעראָבערונג פון פרייהייט און אומאָפּהייננגיקייט, וואָס די אימפּעריע און די מאָנאַרכיע האָבן בא אונז צוגענומען. די קאָמונע—דאָס איז א פעסטער יעסאָד פון רעפּובליק.

״ס׳איז געגרינדעט א צייטווײַליקע קאָמיסיע, וואָס באַשטייט פון פיר מיטגלידער, פאַרשטייער פון יעדער איינציקער טייל פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. זי וועט נעמען אין אירע הענט די פאַרוואַלטונג מיט אַלע איניאָנים ביז דעם מאָמענט, ווען ס׳וועט געשאַפן ווערן, אַפן סמאַך פון אַלגעמיינער אָפּשטימונג, א שטענדיקער ראָט. די וואַלן וועלן פאַרקומען דעם 29-טן לויט צעטלען, צו 36 קאַנדידאַטן אין יעדער צעטל.

„די צייטווײַליקע קאָמיסיע ווענדעט זיך צום פאַטריאָטיזם פון די אָרנטלאַכע בירגער קעדיי אײַנצוהאַלטן די אָרדנונג און די געזעלשאַפטלאַכע זיכערקייט, וואָס נאָר זיי קאָנען מיטהעלפן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער אַרבעט און קאָנען באַזייטיקן די סיבעס פון אונזערע אומגליקן. זאָל לעבן די רעפּובליק!״

די קאָמיסיע האָט פאַרכאַפּט די וואָקזאַלן, די סקלאַדן פון פּולווער, די פּאָטשט און דעם טעלעגראַף. זי האָט אָבער ניט געקאָנט אויסנוצן איר ניצאָכן.

אירע קרעפטן זײַנען פאַרלאָרן געגאַנגען אָן רעזולטאַטן און דעם 28-טן אינדערפרי איז זי געווען אומשטאַנד אַרויסצושטעלן קעגן דעם רעגולערן מיליטער פון גענעראַל לאַוואַ קאם אַ הונדערט מענטשן. און די קאָמיסיע האָט אויך דאָ, פּונקט ווי אין ליאָן, באַשטימט אָפּצוטרעטן אָן א שלאַכט, קעדיי אויסמיידן בלוטפאַרגיסונג.

קרעזאָ

אין קרעזאָ האָבן די סאָציאַליסטן גענומען אין זייערע הענט די פאַרוואַלטונג מיט דער שטאָט נאָך פונם 5-טן סענטיאַבר אָן. גלייך ווי מ׳האָט זיך דאָרט דערוווּסט וועגן די געשעענישן פון 18 מאַרט אין פּאַריזש, האָט מען צונויפגערופן אין טעאַטער א גרויסע פאַרזאַמלונג, אַף וועלכער ס׳איז פאָרגעלייגט געוואָרן נאָכצוטאָן פּאַריזש און אײַנאָרדנען אַף מאָרגן א גרויסן פּאַראַד פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

דער פּרעפעקט פון דעפּאַרטאַמענט סאָנאַר און לוארא האָט דרינגנד צוגעשיקט מיליטער און אַפן צווייטן טאָג, בעיס די באַפעלקערונג איז געגאַנגען פונם פּאַראַד מיט געשרייען „זאָל לעבן די קאָמונע!״, איז שוין דער וועג געווען פאַרצוימט פון כאַיעל. נאָר אַף דער קאָמאַנדע „פייער!״ האָט זיך ניט אָפּגערופן קיין איינער, און קיין איין ביקס האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן פון אָרט.

דאַן האָט דער קאָמאַנדיר געפּרוּווט אַטאַקירן דאָס פּאָלק מיט קאַוואַלעריע, נאָר די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער האָבן אָנגעשטעלט זייערע ביקסן און דער קאָמאַנדיר האָט באַשלאָסן בעסער אָפּציען זײַנע טיילן צוריק.

אין עטלאַכע שאַ אַרום האָט דער מער דיומע אַפן פלאַץ פון דער מעריע פּראָקלאַמירט א קאָמונע.

נאָר אַפן צווייטן טאָג זיינען אָנגעקומען נייע מיליטערישע טיילן אין א סאַך א גרעסע־רער צאָל. זיי האָבן פאַרנומען די מעריע און צעטריבן די פאַרזאַמלונג וואָס איז פאָרגע־קומען אַפן פלאַץ.

מאַרסעל

די יעדיע וועגן דעם פאַריזשער אופשטאַנד האָט געמאַכט אַף די מאַרסעלער רעפּובלי־קאַנער א גוואַלדיקן רושעם.

דעם 22־טן מאַרט איז דאָרט פאָרגעקומען א גרויסע פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט זיך פאַרענ־דיקט מיט פּראָקלאַמירן א קאָמונע און מיט אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון ווערסאַלער רעגירונג.

די מיליטערישע קאָמאַנדירונג מיטן מער פון דער שטאָט האָבן באַשלאָסן צו ענטפערן אַף דערדאָזיקער מאַניפעסטאַציע מיט א קאָנטער־מאַניפעסטאַציע פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע לעקאָוועד די ווערסאַלער.

23־טן מאַרט זיינען אָבער אַרויסגעטראָטן בלויז די פאָלקס־באַטאַליאָנען, וועלכע זיינען געקומען אַפן באַשטימטן אָרט מיט געשרייען: „זאָל לעבן די קאָמונע! זאָל לעבן פאַריזש!".

זיי האָבן זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אַפן פאַראַד און זיינען אַוועק צו דער פּרעפעק־טור, באַגלייט פון א אומצאָליקער מאַכנע. און דאָ איז פאָרגעקומען דאָסזעלבע, וואָס אין סען־עטיען: עפּעס א צופעליקער שאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָס ראַטהויז איז פאַר־נומען געוואָרן און דער פּרעפעקט אַרעסטירט.

אין דער שפּיץ פונם אופשטאַנד איז געשטאַנען גאַסטאָן קרעמיע, דערזעלבער, וואָס האָט אין באָרדאָ געזאָגט וועגן דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג: „די פּויערשע מערהייט איז א שאַנד פאַר פראַנקרייך!" ס'האָט זיך געגרינדעט א קאָמיסיע פון 5 מיטגלידער: 3 דעלעגאַטן פון מוניציפּאַלן ראַט און 3 דעלעגאַטן פון די רעפּובליקאַנישע געזעלשאַפטן און פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די מאַניפעסטאַנטן, וועלכע זיינען געווען צעטיילט אַף צוויי קאָלאָנעס, האָבן פאַרכאַפּט דאָס געווער. די פאָרשטייער פון דער רעגירונגס־אַרמיי און פון דער אַדמיניסטראַציע זיינען אַנטלאָפן אַף די שיפן.

די קאָמיסיע האָט אַרויסגעלאָזט פאָלגנדיקן אופרוף: „דער מוניציפּאַלער ראַט דאַרף צעטריבן ווערן. מ'דאַרף אויסקלייבן א נייעם ראַט, וואָס אים זאָלן איבערגעגעבן ווערן אַלע אינינאָנים פון די קרייזן און די פאַרוואַלטונג מיט די שטאָטישע איניאָנים. די פליכטן פון פּרעפעקט וועט נעמען אַף זיך דער מער פון מאַרסעל. א אויסגעוויילטער קאָמאַנדיר, פאַרוואַלטער פון הויפּט־שטאַב פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועט פאַרייניקן אין זיינע הענט די גאַנצע מיליטערישע מאַכט. אַף אַזא אופן וועלן זיך ענדיקן אַלע אונזערע אינער־לאַכע מאַכלייקעסן און דער רעפּובליק וועט מער ניט דראָען קיין שום מוירדישע מאַכט"...

די וואַלן זיינען באַשטימט געוואָרן אַפן 5־טן אַפּריל. דערמיט האָט זיך אויסגעשעפּט די גאַנצע טעטיקייט פון דער קאָמיסיע, וועלכע איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט אינערלאַכע רייבונגען און מיטן מוניציפּאַלן ראַט, וואָס האָט געשמייכלט אי צום אופשטאַנד, אי צו דער רעאַקציע.

4־טן אַפּריל האָט דאָס רעגירונג־מיליטער פאַרנומען די שטאָט. קעגן דער פּרעפעקטור איז אַרויסגעשיקט געוואָרן א גאַנצער באַטאַליאָן שיסער מיט האַרמאַטן און אין דערזעלבער צייט האָט מען זי באָמבאַרדירט פונם פאָרט פון הייליקן ניקאָלאַי. 11 א זייגער אינדערפרי האָט דאָס רעגירונג־מיליטער פאַרנומען דעם וויכטיקסטן סטראַטעגישן פּונקט פון שטאָט און האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט אַרטילעריע, קעדיי צו באַשיסן די פּרעפעקטור. אונטער אָט דעם האָגל פון קוילן, האָבן די אינסורגענטן געמוזט פאַרלאָזן די פּרעפעקטור האַלב אַכט

אין אָונט האָט זי פֿאַרנומען דאָס מיליטער. די צאָל געהאַרגעטע איז געווען זייער גרויס. ס'איז געווען אויך ניט ווייניק אַרעסטירטע, פּיל פֿון זיי זיינען צעשאָסן געוואָרן אָן שום געריכט, לויטן קאַפּריז פֿון די בלוטדורשטיקע אָפֿיצערן.

טולוז

אין טולוז איז בײַ דער פּרעפֿעקטור פֿאָ־געקומען אַ גראַנדיעזע מאַניפֿעסטאַציע, וועלכע האָט אויסגעדריקט איר מיטגעפֿיל צו פּאַריז און האָט געפֿאָדערט מ'זאָל אין טולוז דערקלערן קאָמונע. דער פּרעפֿעקט פֿון טולוז דיופּאָרטאַל, האַגאַם ער איז געווען אַ רעפּובליקאַנער. נאָר שטעלן זיך אין דער שפּיץ פֿון דער באַוועגונג האָט ער מוירע געהאַט. האָט מען אויסגעקליבן אַ אויספֿיר־קאָמיסיע, אָבער די גאַנצע ארבעט אירע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זי האָט פֿאַרעפֿנטלעכט איין נאַאיוון מאַניפֿעסט.

טיער האָט באַשטימט קיין טולוז אַן אַנדער פּרעפֿעקט אַנשטאָט דיופּאָרטאַלן. דער נייער פּרעפֿעקט האָט צוגעגרייט מיליטער און דעם 27-טן האָט ער פֿאַרנומען די שטאָט אָן אַ שום ווידערשטאַנד — נאָר דערפֿאַר, ווייל די אָנפֿירער פֿון דער באַוועגונג זיינען געווען פּאַכדאָנים. אָט אַזוי טרויעריק האָבן זיך געענדיקט אַלע מאַניפֿעסטאַציעס לעקאָוועד פּאַריזש, וואָס האָבן געדויערט 6 טעג נאָכאַנאַנד און וואָס אין שפּיץ פֿון זיי איז געווען די רעפּובליקאַנישע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. קיין בלוטפֿאַרגיסונג איז דאָ, לעכאָל האַפּאָכעס, ניט געווען.

נאַרבאָננאַ

אין נאַרבאָננאַ איז געווען גאָר אַנדערש. 24-טן מאַרט האָט זיך די באַפֿעלקערונג פֿאַרזאַמלט אין דעם שטאָט־ראַט און האָט געגרינדעט אַ ציִטוויילִיקע קאָמונע. אפֿן צווייטן טאָג האָט דער מער אַרויסגערופֿן מיליטער, קעדיי ווידער צו פֿאַרנעמען דעם ראַטהויז. די סאָלדאַטן האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט אָנצוהויבן די צווישנברידערלאַכע מילכאָמע און האָבן זיך געלאָזט אַנטוואָפֿענען. מ'האָט אַרעסטירט זייער קאַפּיטאַן, אַ לייטענאַנט און דעם מער, און אפֿן צווייטן טאָג האָבן די אינסורגענטן פֿאַרכאַפּט די פּרעפֿעקטור, די וואָקזאַלן, דעם טעלעגראַף און דעם אַרסענאַל, ווו די סאָלדאַטן האָבן אָפּגעגעבן דאָס געווער, ניט געקוקט דערויף, וואָס דערבײַ זיינען געווען אַלע קאָמאַנדירן.

צו דער צייט זיינען אָנגעקומען אין שטאָט אַריין דעפּוטאַטן פֿון די אַרומיקע קאָמונעס און ס'איז געווען אַ האָפֿענונג, אַז די באַוועגונג זאָל זיך שטאַרק פֿאַרשפּרייטן. די שטעט פּערפּיניע, בעזיע און סעט זיינען צוגעשטאַנען צום אופֿשטאַנד.

דעם 28-טן זיינען קיין נאָרבאָננאַ אָנגעקומען נייע מיליטער־טיילן. דער אַנפֿירער פֿון דער ציִטוויילִיקער קאָמונע דיזשאָן איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטייפֿן ווילן; ער האָט באַפֿוילן אויסבויען באַריקאַדעס און האָט אָרגאַניזירט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד.

אָט זיינען אויסצוגן פֿון דער פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין שטאָט:

„מעג זיך, ווער עס וויל, זיין צופֿרידן מיטן איצטיקן לעבן און מיט דער שטענדיקער אונטערדריקונג, זאָלן זיי בלייבן ווי אַ פּאָשעטע סטאַדע, וואָס די אונטערדריקער שינדן איר פֿעל און עסן איר פֿלייש. מיר אָבער ווען נאָר דעמאָלט אוועקלייגן דאָס געווער, ווען מירן זיך דערשלאָגן, ס'זאָלן באַפֿרידיקט ווערן אַלע אונזערע רעכטלאַכע פֿאָדערונגען. אויב קעדיי אָפּצוּוואַרפֿן די פֿאָדערונגען, וועט אויסגענוצט ווערן באַוואָפֿנטע קראַפֿט, וועלן מיר זיך קאָנען פֿאַרטיידיקן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט".

דער שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דעם 31 מאַרט, 3 אַזייגער פֿאַרטאָג, מיט אַ אַטאַקע פֿון די טיורקאָסן אַף דער באַריקאַדע פֿון דער גאַס דיו־פּאָן. און האָט געדויערט ביז 2 אַזייגער באַטאָג. דיזשאָן איז געבליבן אין ראַטהויז איינער אַליין, אָבער אונטערגעבן זיך האָט ער

ניט געוואָלט. אַ גרופּע בירגער האָט זיך געפּרוווט מיט גוואַלד אַרויספירן אים פון דאָרט, נאָר ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו אנטלויפן און אפן צווייטן טאָג, 8 אַזייגער אינדערפרי, האָט מען אים ארעסטירט אין דער געביידע, וואָס איז געווען פארנומען נאָך נעכטן אין אָוונט.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן רעפּרעסיעס. 19 סאָלדאַטן זיינען פאַרמישפּעט געוואָרן צו טויטשטראָף נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אין פאָלק. אויספירן אָבער אָט דעם פּסאַק-דין האָט מען מוירע געהאַט.

לימאָזש

אין לימאָזש האָט די אופפירונג פונם פאַריזשער מיליטער בעייס די געשעענישן פונם 18 מאַרט אַרויסגערופן אַ וואַרעמען מיטגעפיל. עטלאכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען צווישן דער באפעלקערונג און דעם מוניציפּאַלן ראַט וועגן פּראָקלאַמירן קאָמונע.

4-טן אפּריל האָבן 500 סאָלדאַטן, אונטערן איינדרוק פון די פאַריזשער געשעענישן, געלאָזט זיך אַנטוואָפענען פון דער באפעלקערונג אין דעם מאָמענט, ווען מ'האָט זיי געזאָלט אַוועקשיקן קיין ווערסאַל. די באַפעלקערונג האָט פאַרכאַפּט די סקלאַדן מיט געווער. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט זיך פאַרזאַמלט פארן ראטהויז מיט אויסגעשרייען: „זאָל לעבן פאַריזש! נידער מיט ווערסאַל!"

די אופגעשטאַנענע האָבן פאַרנומען די פּרעפעקטור, דעם וואָקזאַל און האָבן אָפּגעשטעלט אַלע מיליטערישע צוגן. אפן פלאַץ פון הייליקן מיכאַיל איז פאָרגעקומען אַ שלאכט צווישן די קיראַסירן פונם פאָלקאָווניק בילע און דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די קיראַסירן האָבן געהאַט אַ פולשטענדיקע מאַפּאָלע; דער פאָלקאָווניק איז שווער פארוווּנדעט געוואָרן. נאָר שוין אַפן צווייטן טאָג האָבן די טיילן, וואָס האָבן געהאַט פאַרנומען פאַרשיידענע פּאָזיציעס, געמוזט זיי אָפּגעבן, דערפאַר ווייל ס'האָט געפעלט די נויטיקע אָרגאַניזאַציע און ווייל די טיילן האָבן זיך געפילט איגגאַנצן פאַרלאָזט.

מ אַ ן

די שטאָט מאַן האָט אויך גאַנץ קאַטעגאָריש אויסגעדריקט אירע סימפּאַטיעס צו פאַריזש. 2 פאָלקן קיראַסירן און פוסגייער, וואָס מ'האָט ארויסגעשיקט קעגן די מאַניפעסטאַנטן, זיינען איבערגעגאַנגען אף דער זייט פונם פאָלק און האָבן אוועקגעלייגט דאָס געווער. פיל פון זיי זיינען דערנאָך ארעסטירט און שטריינג באַשטראָפט געוואָרן.

אומעטום פלעגן אופפלאַקערן אופשטאַנדן און פלעגן זיך גלייך ענדיקן אָן אַ שום צוזאַמענבונד צווישן איינעם אונם אנדערן, אָן אויסגעהאַלטנקייט.

פיל שטעט האָבן איינגעאָרדנט דעמאָנסטראַציעס לעקאָווד פאַריזשער קאָמונע, נאָר איינפירן די קאָמונע בא זיך האָבן זיי קיין מעגלאַכקייט ניט געהאַט.

אַזוי איז געווען אין באָרדאָ, אין נעווערע, עקע, וויערזאָן, קאָן, נאַנט, גרענאָבל, וואַליאַנס, מאַקאָן, טרואַ, אווינׂיאָן, שאַלאָן, ראָאַן, טאַראַר, לאָדעוו, מאָנטעלימאר, פּאַמיע, לימוזען, דראַגיניאַן, אַזשאַן, שאַראָל, באָן, מאנפּעליע א. א.

ניט קוקנדיק אַף די מיעסע רעכילעס, וואָס ווערסאַל האָט פאַרשפּרייט וועגן פּאַריזש, האָט זיך אומעטום, אין אלע שטעט פון פראַנקרייך, איינגעשטעלט אַ פולשטענדיקע סאָלידאַריטעט מיט די קעמפער פון פאַריזשער קאָמונע, און דאָס האָט זיי צוגעגעבן ניט ווייניק מוט אין זייער העלדישן קאַמף.

די פרוי אין דער פּאַריזשער קאָמונע

דער נייער אָרט באַציונגען צווישן פרויען און מאַנסבלען, וואָס האָט פון זיך אויסגעשלאָסן דאָס אויסערלאַכע און געצוווּנגענע און האָט געשאַפן פון דער פרוי אַ כאַווער פונם מאַנסבל, דער נייער שטייגער האָט שטאַרק געווירקט אַף דער פּאַרטיידיקונג פון פּאַריזש. פרויען האָבן געקעמפט פאַר דער קאָמונע מיט דעמזעלבן מסירעסנעפעש, וואָס די מאַנסבלען. די היסטאָריקער, וואָס געפינען אַז דאָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן דעקרעט וועגן פּענסיע, ריידן פּאָשעט נאַרישקייטן. די פּראָלעטאַרישע פרויען האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל שוין באַם אוועקפירן די האַרמאַטן, וואָס אַנדערש וואָלטן זיי די פּרייסן געוווען פאַרכאַפּט.

18-טן מאַרט, בעייס ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צוצונעמען באַ דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איר אַרטילעריע, האָבן פרויען די ערשטע אופגעהויבן אַ ליאַרם און האָבן מיט זייער אַנטשיידענער אַרויסטרעטונג, מיט זייער אָנגריף אַף די סאָלדאַטן אַסאַך מיטגעהאָלפן, אַז די זאַך זאָל זיך ענדיקן גינסטיק פאַר פּאַריזש.

אין אַלע שלאַכטן פון אַפּריל און מאַי האָט די פּראָלעטאַרישע פרוי זיך ניט געשאָנעוועט. אין סאַמע ברען פון שלאַכט, אונטער דער שיסערײַ פון די ווערסאַלער, פלעג זי אַרויסראַטעווען די פאַרווונדעטע, פלעג אַרומגיין אין די געפערלאַכסטע ערטער, מיט איר ביישפּיל פלעגט זי צוגעבן מוט די מידע, אונטערהאַלטן און מונטערן די שוואַכערע. אין די שווערסטע מאָמענטן האָט זי ניט פאַרלוירן איר שטענדיקע דרייסטקייט און מיט אַ האַרציק וואָרט, מיט אַ ליבלאַכן קוק, מיט אַ פריילאַכן וויץ האָט זי דעם קעמפער צוריקגעבראַכט אין שלאַכט, און שפּעטער דעם זעלביקן קעמפער געטראָגן צו דער פייער-ליניע עסן און טרינקען. פיל פון זיי האָבן אַליין געקעמפט, אָדער אף די באַריקאַדן מיט די ביקסן אין די הענט, אָדער באַ די האַרמאַטן. ס'האָבן זיך געשאַפן גאַנצע פרויען-באַטאַליאָנען.

דער אַנטייל פון דער פרוי אינם קאַמף — איז איינע פון די שענסטע בלעטלאַך אין דער געשיכטע פון פּאַריזשער קאָמונע.

אין אָט דער מסירעסנעפעש, אין אָט דעם העלדישן גלייכגילט צו געפאַר און צו טויט האָבן מיט די פרויען געקאָנט קאָנקורירן סיידן נאָר די יוגנט און די קינדער. אין די זיכרוינעס פון די אַנטיילנעמער פון פּאַריזשער קאָמונע, פון די, וואָס האָבן אַליין אַלץ געזעען, זיינען פאַרצייכנט פיל ביישפּילן פון אָט דער יונגער גוורדע, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט.

די ווערסאַלער האָבן עס געזעען. אין דער בלוט-באָד, וואָס זיי האָבן אָרגאַניזירט אין פּאַריזש, אין זייערע צעשיסונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט און אָן אַ געריכט, אין זייער פאַרשיקן אַף קאַטאָרגע און צעזעצן אין די טורמעס, האָבן זיי נישט געמאַכט קיין שום אויסנאַם ניט פאַר פרויען, ניט פאַר דער יוגנט.

וואָלט עס נאָר מעגלאך געווען, וואָלטן זיי זיך ניט אָפּגעזאָגט צו פאַרטיליקן דעם גאַנצן פראָלעטאַרישן פאַריזש מיט אַלע זיינע מאַנסבלען, פרויען און קינדער, דעם גאַנצן פאַריזש, וואָס מיט זיין נייעם שטייגער, מיט זיין נייער מאָראַל, מיט זיין לעבן און שטאַרבן האָט ער געבראַכט אַ טויט-בסורה פאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

י. סטעפּאַנאָוו

(פונם בוך „קאָמונע״).

אויפרוף פון די קאָמונאַרקעס צו פאַריזשער פרויען

פאַריזש איז באַלאַגערט, פאַריזש ווערט באָמבאַדירט.

בירגערנס! ווו זשע זיינען אייערע קינדער, אייערע ברידער און מענער? צי הערט איר דעם ברום פון די האַרמאַטן און דעם רוף פון די קלינגענדיקע גלעקער?

צום געווער! דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר!

וואָס קומט דאָ פאָר? צי וויל דאָ דער סוינע פון פרעמדן לאַנד ווידער באַצווינגען פראַנקרייך, אָדער דער פאַרבאַנד פון אייראָפּייאישע טיראַנען שיקט ווידער זיינע לעגיאָנען אָף צו פאַרטיליקן אונזערע ברידער, אָף כאָרעוו צו מאַכן ביזן גרונט אונזער שטאָט און פאַרניכטן אפילו דעם זייכער פון די אומשטערבלאַכע ניצחונעס, וואָס מיט אונזער בלוט האָבן מיר זיי אויסגעקעמפט אין מעשאך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט, דעם זייכער פון אונזערע דעראָבערונגען, וואָס דער נאָמען זייערער איז — פרייהייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט?

ניין! ניט פון פרעמדן לאַנד איז דער סוינע! די סאָנים, די מערדער פון פאָלק און פון פרייהייט — זיינען פראַנצויזן!

דער שיגאָען פון בירגער-קריג, וואָס האָט מיטאַמאָל ארומגעכאַפּט גאַנץ פראַנקרייך, אָט דער קאַמף אָף לעבן און טויט — איז אַ פינאַל פון אייביקן אַנטאַגאָניזם צווישן רעכט און קראַפט, צווישן אַרבעט און עקספּלואַטאַציע, צווישן פאָלק און זיינע טאַליאַנים.

די סאָנים אונזערע זיינען יענע, וואָס באַנוצן זיך מיט די פּריווילעגיעס פון עקזיס-טירנדיקן סיידער יענע, וואָס לעבן מיט אונזער שוויס און זיינען פעט געוואָרן פון אונזער נויט.

פאַר זייערע אויגן איז אופגעשטאַנען דאָס פאָלק און האָט דערקלערט:

„נישטאָ קיין פליכטן אָן קיין רעכט, נישטאָ קיין רעכט אָן קיין פליכטן, מיר ווילן אַרבעטן, נאָר מיר ווילן אַליין באַנוצן זיך מיט די פּרוכטן פון אונזער אַרבעט... נידער מיט די עקס-פּלואַטאַטאָרן, נידער מיט די באַלעבאַטים!... זאָל דער מעקלער פון וואוילשטאַנד זיין פאַר אַלעמען בלויז אַרבעט! זאָל דאָס פאָלק אַליין זיין אַ רעגירונג-קאָמונע; מיר וועלן לעבן און אַרבעטן אין פרייהייט, אָדער שטאַרבן אין קאַמף...״

און דער פאַכאַד צו קומען פאַרן פאָלקס-געריכט האָט געשטויסן אונזערע סאָנים אָפן גרעסטן פאַרראַט, אָפן בירגער-קריג.

בירגערנס פון פאַריזש, אייניקלאך פון יענע פרויען פון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס זיינען אַמאָל אין נאָמען פון פאָלק און גערעכטיקייט אוועק קיין ווערסאַל און האָבן פון דאָרטן געבראַכט דעם געפאַנגענעם לודאָוויק דעם XVI-טן! צי ווען מיר פראַנצויזישע מוטערס, פרויען און שוועסטער, דערלאָזן, אַז נויט און פינסטערקייט זאָלן פאַרוואַנדלען אונזערע קינדער אין סאָנים אונזערע? אַז אַ פאָטער זאָל אופשטיין אָף זיין זון, אַ ברו-דער אָף אַ ברודער, און זיי זאָלן האַרגענען איינער דעם צווייטן פאַר אונזערע אויגן, ווייל

אזוי ווילן אונזערע אונטערדריקער, וואָס פּאַריזש האָבן זיי צוערשט פאַרקויפט צו די פּרייסן און איצט ווילן זיי אים איינגאַנצן כּאָרעוו מאַכן!

בירגערנס! ס׳איז געקומען די אַנטשיידענע שאָ! מ׳מוז מאַכן אַ סאַך מיט דער אַלטער וועלט. מיר ווילן פרייהייט. גיט אַ קוק: ניט נאָר פראַנקרייך אליין שטייט אויף — די אויגן פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט זיינען געווענדעט צו פּאַריזש. אַלע קוקן ארויס אַף אייער ניצחון, קעדיי אליין אויך אויסקעמפן פרייהייט. אַפילע דייטשלאַנד, דאָסזעלבע דייטשלאַנד, וואָס זיין קייזערלאַכע ארמיי האָט כּאָרעוו געמאַכט אונזער לאַנד, איז אויך אופגערודערט און אופגעטרייסלט דורכן אָטעם פון רעוואָלוציע. שוין זעקס כּאַדאָשים, אַז דאָרט איז דערקלערט באַלאַגערונג-צושטאַנד און די פאָרשטייער פון די ארבעטער זיינען איינגעשלאָסן אין די טפיסעס. אפילע אין רוסלאַנד קומט אפן אָרט פון די פרייהייט-פאַרטיידיקער, אויסגעראָטענע דורך דער רעגירונג, אַ נייער קעמפנדיקער דאָר, וואָס איז גרייט אַף טויט צו שלאָגן זיך פאַר אַ רעפּובליק, פאַר אַ נייעם סאָציאַלן סיידער.

אירלאַנד און פּוילן שטאַרבן, קעדיי דערנאָך מיט אַ נייער קראַפט אופצושטיין צו אַ נייעם לעבן.

שפּאַניען און איטאַליע האָבן ווידער צונויפגעזאַמלט זייערע קרעפטן און האָבן זיך פאַרייניקט צום אינטערנאַציאָנאַלן פעלקער-קאַמף. אין איינגלאַנד גייט אַף דער זייט פון דער רעוואָלוציע איבער, געשטויסן פון איר סאָציאַלער לאַגע, די גאַנצע פּראָלעטאַרישע מאַסע, וואָס לעבט פון איר אייגענער מי. אין עסטרייך קומט אויס דער רעגירונג איינצייטיק צו דערשטיקן סיי דעם אופשטאַנד פונם גאַנצן לאַנד, סיי די אופשטאנדן אין די סלאַווישע קעניגרייכן. צי באַווייזט דען ניט אָט דער שטענדיקער קאַמף צווישן הערשנדיקן קלאַס און צווישן פאָלק, אַז דער בוים פון פרייהייט, וואָס איז אין מעשאַך פון גאַנצע יאָרהונדערטן אַנגעטרונקען מיט טייכן בלוט, האָט ענדלאַך געגעבן זיינע פּרוכטן?

בירגערנס! דער קאַמף איז אין גאַנג! מיר מוזן שטאַרבן אָדער זיגן! יעדע פרוי, וואָס טראַכט זיך: „וואָס קומט מיר ארויס פונם ניצחון, ווען איך ווער אָן די, וואָס איך האָב ליב?״ מוז פאַרשטיין, אַז ס׳איז פאַראַן נאָך איין וועג אַף צו ראַטעווען אירע ליבע — דעם מאַן, דעם מעפּאַרנעס, — אָדער דעם זון, אַף וועלכן זי לייגט ארויף אלע אירע האָפענונגען. דער וועג איז — אַקטיווער אַנטייל אין דעם אָנגעהויבענעם קאַמף. מ׳מוז אַף שטענדיק אָפּשטעלן אָט די צווישנברידערלאַכע שכיטע, וואָס אָדער זי וועט זיך איין מאָל פאַר-אַלעמאָל ענדיקן מיט אַ ניצאָכן פון פאָלק, אָדער זי וועט זיך גאָר אינגיכן ווידער אָנהויבן פון ס׳ניי.

נאָר ווי וועט זיין די מוטערס, ווען דאָס פאָלק וועט זיין באַזיגט. פאַר דער מאַפּאָלע וועלן באצאָלן זייערע קלייניקע קינדער. און דער גוירל, וואָס וואַרט אין פאַל פון מאַפּאָלע אַף זייערע מענער און ברידער, איז פאָרויס באַשטימט: דאָס ווילדעווען פון דער רעאַקציע וועט ניט האָבן קיין גרענעץ. ניט מיר און ניט אונזערע סאָנים ווילן ניט קיין ראַכמים.

זייט-זשע, בירגערנס, אַנטשלאָסן! לאָמיר זיך פאַרייניקן, קעדיי מיטצוהעלפן דעם ערפאָלג פון אונזער אַלגעמיינער זאַך. לאָמיר זיין גרייט צו פאַרטיידיקן זיך און נויקעם צו זיין זיך פאַר אונזערע ברידער. צו די טויערן פון פּאַריזש אף די באַריקאַדן, אין די פאָרשטעט! לאָמיר זיין גרייט, אין דעם נויטיקן מאָמענט אנטייל צו נעמען אין קאַמף. אויב די אויסוואָרפן, וואָס צעשיסן אונזערע געפאַנגענע און האַרגענען אונזערע פירער וועלן געבן אַ זאַלפּ אין אַ מאַכנע אומבאַוואָפנטע פרויען — איז נאָך בעסער. דער געשריי פון צאַר און צאָרן פון גאַנץ פראַנקרייך און דער גאַנצער וועלט וועט מיטהעלפן צו פאַרענדיקן דאָס, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן. אויב ס׳וועט זיך ארויסווייזן, אַז אלע ביקסן

און שפּיזן זיינען שוין צענומען דורך אונזערע ברידער, בלייבן נאָך איבער פאַר אונז די שטיינער פונם ברוק און מיט זיי וועלן מיר שלאָגן די פאַררעטער.

אַ גרופּע בירגערנס

פּאַריזש 11 אפריל 1871 יאָר.

די פּרוי פון 1871 יאָר

מיר זיינען געזעסן אין דער צענטראַלער טורמע אבעריוו — אַ אלטער שלאָס, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טפּיסע — און האָבן געוואַרט אף דער רעגירונג-שיף, וואָס דאַרף אונז אוועקפירן אין ניי-קאַלעדאָניע. ווען אווגוסטינע שיפּאָן איז אָנגעקומען אַהער, האָט זי, אָנטשעפּנדיק אפן ארבל איר טורמע-נומער, אויסגעשריען: „זאָל לעבן די קאָ-מונע!" מיין נומער, אף וויפל עס געדיינקט זיך מיר, איז געווען 2182. הייסט עס, אַז צוויי טויזנט הונדערט צוויי און אכציק מענטשן זיינען גאָך פריער פאַר מיר דורכגעגאנגען דורך די טירן פון דער טפּיסע! וואָס פאר אַ גוואַלדיקע ריי!

די פּרוי לעמעל האָט מען געמישפּעט, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע, זייער שפּעט. זי האָט ניט געוואָלט איבערלעבן די קאָמונע און האָט זיך פאַרשפּאַרט בא זיך אין צימער מיט אַ טאָפּ ברענענדיקע קוילן און גראָדע אין דער צייט איז מען געקומען זי אַרעסטירן. מ'האָט זי גערעטעוועט פון טויט, קעדיי צו ברייגגען זי פאַרן קריגס-געריכט.

ביז דעם טאָג פון געריכט האָט מען זי געהאַלטן אין א שפּיטאָל. מ'האָט איר עטלאַכע מאָל פאָרגעלייגט און געגעבן אַ מעגלאַכקייט צו אנטלויפן, נאָר זי האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט.

בעייס די פּרוי לעמעל איז אָנגעקומען קיין אָבעריוו, האָבן מיר זי אַלע באַגעגנט מיט א אויסגעשריי: „זאָל לעבן די קאָמונע!" מיט דעמזעלבן געשריי האָבן מיר אויך באַגעגנט די פּרוי עקסקאָפאָן, די פּרוי פּואַריע און נאָך אַן אַלטינקע פּרוי, וועלכע האָט געקעמפט נאָך אין ליאָן. בעייס די ארבעטער פון זייד-פאַבריקן האָבן אויסגעקריצט אף זייערע פאַ-נען: „לעבן אַרבעטנדיק, שטאַרבן קעמפנדיק!" דער נאָמען פון אָט דער אַלטיטשקער איז געווען — דעלעטיאַ. זי האָט אָפּגעגעבן אלע קויכעס אירע צו דינען דער קאָמונע...

---

* * *

.... אין די רייען פון די קאָמונאַרן זיינען געווען אויך פרויען; זיי זיינען געווען מארקיטאַנקעס, באַרמהערציקע שוועסטער און אפילע סאָלדאַטן. די פרויען זיינען ניט אָפּ-געשטאַנען פון די איבעריקע.

אָט איז עטלאכע נעמען, וועלכע זיינען אונז באַוווסט: לאַשעז, א מאַרקיטאַנקע פונם 66-טן באַטאַליאָן, וויקטאָרינע רושי — א מארקיטאַנקע בא די טורקאָסן פון דער קאָמונע; מאַריאַני, דאַנגע, פערנאַנדעץ. מאַלווינע פולען און קארטיע — באַרמהערציקע שוועסטער אין די שפּיטאָלן פון דער קאָמונע; מיטגלידער פון די אופזיכטס קאָמיטעטן — פּואַריע, עקסקאָפאָן בלען; פרויען פון קאָרדערי, די לערערנס: לעמעל, דמיטריעוואַ, לעלו; אָרגאַ-ניזאַטאָרס פון דער אינסטרוקטאָרישער טייל, וואָס האבן זיך בעייסן קאַמף אין פאַריזש גופּע ארויסגעוויזן פאר עמעסע העלדנס: — אַנדרע לעאָ, זשאַקלאר, פּעריע, רעקליו און סאַפּיאַ.

אָט די אַלע פרויען קאָנען אריינגערעכנט ווערן אין באַשטאַנד פון דער קאָמונע-אַרמיי. ס'זיינען געווען אויך גאַנצע לעגיאָנען.

— —

* * *

.... איך אליין בין געגאַנגען מיטן 61-טן באַטאַליאָן פון מאָנמאַרט און האָב געהאט א מעגלאַכקייט צו קאָנטראָלירן די זאַך, אין וועלכער איך בין געווען נאָך פריער איבער-צייגט: אין דער גראַנדיעזער באַוועגונג פון אַ באַוואָפנטן קאַמף פארגעסן מענטשן אָן פאַכעד פארן טויט און פאַכעד פון טויטן; זיי ווערן באַגייסטערט פון דער אידייע.

נאָכדעם, ווי מולינא איז גענומען געוואָרן, זיינען מיר איבערגעגאַנגען אַפן פאָרט איסי; דאָרט האָט א האַרמאַטן-קויל אַראָפּגעריסן בא איינעם פון אונזערע דעם קאָפּ.

עד מיט זיין שטאַב האָבן זיך איינגעאָרדנט אינם יעזויטישן מאָנאַסטיר פון איסי.

אין אַ טאָג צוויי-דריי ארום זיינען צו אונז געקומען א צוואַנציק פרויען, צווישן וועלכע ס'זיינען געווען: בעאַטריסא עקסקאָפאָן, מאַלווינע פולען, מאַריאַני פערנאַנדעל און די פרויען גוללע, דאַנגע, קאַרטיע; זיי האָבן געטראָגן א רויטע פאָן.

בעיס זיי זיינען אָנגעקומען, האָבן זיך די פעדעראַליסטן צונויפגעזאַמלט אין פאָרט און האָבן זיי באַגעגנט מיט באַגריסונגען.

זיי האָבן זיך אָפּגערופן אף דעם אופרוף, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין די צייטונ-גען און זיינען געקומען, קעדיי ארומצוגיין ארום די פאַרווונדעטע. זיי פלעגן אונז בריינ-גען ביקסן, וועלכע זיי האָבן צוגענומען בא די געהאַרגעטע.

— —

לויזע מישעל
(פונם בוך „קאמונע")

ווי אזוי מ'האָט ארעסטירט פערריע

דער פאָטער איז, ווי געוויינלאַך, אוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. אינדערהיים זיינען געבליבן נאָר צוויי פרויען — דעם קאָמונאַרס אַלטע מאמע און שוועסטער.

דאָס מיידל, מאריע פערע, איז געלעגן אין בעט; זי איז געווען געפערלאַך קראַנק און האָט געהאַט שטאַרקע היץ.

די ווערסאַלער זיינען צוגעטראָטן צו דער אַלטער פערריע; מ'האָט זי פארשאָטן מיט פראַגן: „ווו האָט זיך באהאַלטן אייער זון?" — האָט מען זי געפרעגט בייז. זי האָט געטאַינעט, אז זי ווייסט ניט. און ווען זי װייסט אפילע יאָ, איז קאָן מען פאָדערן באַ א מוטער, זי זאָל אויסגעבן איר אייגענעם זון?

נאָר די ווערסאַלער זיינען מיט אַקשאָנעס געשטאַנען אף זייערס און האָבן געפּרווּט ווירקן אף איר מיט גוטן און מיט בייזן.

— ארעסטירט מיך, אויב איר ווילט! איך קאָן דאָך אייך ניט זאָגן דאָס, וואָס איך ווייס ניט! איר דאַרפט אָבער ראַכמאָנעס האָבן אַף אונז: איר וועט מיך ניט צונעמען פון מיין קראנקער טאָכטער.

פון אָט דעם געדאַנק אַליין האָט די אומגליקלאַכע פרוי אָנגעהויבן ציטערן מיטן גאַנצן קערפער אירן. באַ איינעם פון די אַגענטן האָט זיך באוויזן אַ שמייכל אַפן פּאָנעם: ער איז געפאַלן אף א טייוולשער האַמצאָע.

— ווער איר, הייסט עס, ניט זאָגן, ווו אייער זון איז? איז וואָס? וועלן מיר אוועק־פירן אייער טאָכטער.

בא פרוי פעררע האָט זיך ארויסגעריסן פון ברוסט א געשריי פון ייעש און ווי. אומזיסט זיינען געווען איר בעטן זיך און אירע טרערן. די טאַליאָנים הויבן אוף די קראַנקע און טוען זי אָן, ניט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז א געפאר פאר איר לעבן.

— נישקאָשע, מאַמע, האָב קיין יעסורים ניט! — זאָגט מאַריע: — ס'וועט נאָך קלעקן בא מיר קויאַך און ס'וועט זיך גאָר ניט טרעפן. מ'וועט מיך באַלד אָפּלאָזן.

מ'קלייבט זיך דאָס מיידל אַוועקפירן.

פאַר דער מוטער שטעלט זיך אַ שרעקלאכע פראַגע—צי זאָל זי אומברענגען איר זון אָדער זי זאָל לאָזן אוועקפירן איר טאָכטער, דאָס הייסט — דערהאַרגענען זי. אומזיסט ווינקט צו איר דאָס העלדישע מיידל און בעט זיך בא איר, די אומגליקלאכע מוטער איז אויסער זיך פאַר צאָרעס, זי פארלירט דעם קאָפּ, זי הויבט אָן צו וואַקלען זיך...

— שווייג, מאַמע, שווייג — בעט זיך בא איר די קראַנקע שטילערהייט. און מ'פירט זי אַוועק.

נאָר דער מוטערס אויסגעמאַטערטער קאָפּ האָט ניט אויסגעהאלטן.

די פרוי פעררע איז מיטאַמאָל שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זי ברענט, ווי אין פייער, די געדאַנקען הויבן זיך אָן צו פּלאָנטערן, זי הויבט אָן צו רעדן אין דער וועלט אריין. די טאַליאָנים שטעלן אָן די אויערן: זיי כאַפּן יעדער וואָרט, וואָס קאָן זיי אָנווייזן עפּעס אַ וועג.

אַ אופגערעגטע האָט די אומגליקלאַכע מוטער ארויסגערעדט עטלאַכע מאָל אַזוי ווי פון היך: „גאַס סען־סאָווער".

מער האבן זיי ניט געדאַרפט. צוויי אַגענטן זיינען געבליבן היטן פעררעס הויז. די איבעריקע זיינען אוועק נאָך זייער רויב. די גאַס סען־סאָווער ווערט ארומגערינגלט, מע באַזוכט אַלע הייזער. טעאָפיל פעררע איז ארעסטירט. אין עטלאַכע כאַדאָשים אַרום האָט מען אים געשאָסן,

ס'איז אריבער א טאָג אַכט, זינט ס'איז פאָרגעקומען די דראַמע אַף דער גאַס פּאָליזאָ, און דאָס מסירעסנעפּעשדיקע מיידל איז באַפרייט געוואָרן. אומקערן איר אָבער די מוטער האָט מען שוין ניט געקאָנט: יענע איז אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען און איז אינגיכן גע־שטאָרבן אין שפּיטאָל פון דול־הויז.

אדוס באַראָ.

לויזע מישעלס רעדע פארן קריגס־געריכט

איך וויל זיך ניט פאַרטיידיקן און וויל ניט אז עמיצער זאָל מיך פאַרטיידיקן. מיין לעבן האָב איך אָפּגעגעבן דער כאָציאַלער רעוואָלוציע און איך בין גרייט צו טראָגן די אכראַיעס פאר אַלע מיינע מאַיסים. קיין ראַכמים נעם איך ניט אָן. איר באשולדיקט מיך, אז איך האָב אנטייל גענומען אינם טויטן די גענעראַלן? ענטפער איך דערויף: יאָ, ווען איך זאָל געווען זיין אַפן מאָנמאַרט בשאס זיי האָבן זיך געקליבן שיסן אין פאָלק, וואָלט איך אָן שום סאָפּעק אַליין געשאָסן אין די, וואָס געבן אָפּ אזעלכע באפעלן. וואָס איז שאַיעך צו די פאַריזשער סרייפעס, האָב איך זיך באַטייליקט אינם אונטערצינדן, ווייל איך האָב די אנגרייפער געוואָלט קעגנשטעלן א באַריער פון פייער. קיין מיטהעלפער האָב איך ניט, איך האָב געהאַנדלט לויט מיין אייגענעם ווילן און פאַרשטאַנד. דאָס איינציקע, וואָס

איך פֿאָדער פֿון אײַך, איז — איר זאָלט מיך טויטן אַפֿן פעלד סאַטאָרי, דאָרט, ווו ס'זײַנען געפֿאַלן מײַנע ברידער. אויב יעדער האַרץ, וואָס קעמפט פאַר פרייהייט, האָט רעכט נאָר אַף א שטיקעלע בלײַ, איז פֿאָדער איך מײַן כיילעק! אויב איר וועט מיך לאָזן לעבן, וועל איך ניט אופהערן צו שרייען פון נעקאָמע און וועל רופן מײַנע ברידער, זיי זאָלן זיך נויקעם זײַן אין די מערדערס פון דער ראַכמים-קאָמיסיע[1]... איך האָב געענדיקט. אויב איר זײַנט ניט קיין פֿאַכדאָנים, הארגעט מיך! [2] (ע. ליסאַגאַרע — „די געשיכטע פון דער קאָמונע").

פון זיכרוינעס וועגן דער פאַריזשער קאמונע

פאַריזש, אָט די הייליקע שטאָט פון דער מענטשהייט, איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי דערהויבן, ווי אין דער צייט פון דער אומפאַרגעסלאַכער קאָמונע.

דער שרעקלאַכער קאַמף האָט אָפּגערייניקט די אַטמאָספער. בעייסן געפאַר האָבן מענטשן דערפילט, אז זיי זײַנען ברידער. באַם קנאַלן פון האַרמאַטן און באָמבעס האָט פאַריזש ווידער אופגעלעבט ווי א צענטער פון מענטשלאַכן געדאַנק. מענטשן האָבן זיך דאָ אויסגעלערנט שטעלן אַף זיך אַליין און זוכן שטיצע נאָר בא זיך אַליין. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט שטאַרבן אָן מוירע. די נעשאָמע פון דער קאָמונע איז געבוירן געוואָרן אין העלדישן קאַמף. בעייס די פרייסישע באָמבעס האָבן כאָרעוו געמאַכט הייזער, האָבן די פאַריזשער פרויען געשריען: „צום געווער! אַף די באַריקאַדן!" דער ארבעטס-פאַריזש וואָלט זיך פֿאַר קיין שום זאַך ניט אָפּגעשטעלט. ער איז גרייט געווען אומצוקומען אונטער די רוינען פון די הייזער, אָנוואַלגערן לשעם פרייהייט גאַנצע בערג פון זײַנע קערפערס..

און וועגן דידאָזיקע מענטשן האָט מען געוואַגט צו זאָגן, אַז זיי האָבן ניט ליב דאָס פאטערלאַנד!

איך האָב געהערט בלאַנקין, בעייס ער האָט געשריען: „געווער אין די הענט פון אַלע פראַנצויזן! מיר וועלן פאַרטיידיקן יעדער שטיקעלע ערד. געווער דעם פֿאָלק! געווער אין די הענט פון מי און אַרבעט!"

געווער אָבער איז מאַכט.

האָט טיער געוואלט צונעמען בא פֿאַריזש דעם פֿאָלקס האַרמאַטן.

איך האָב געזעען, ווי די פאַריזשער אַרבעטער-באַפעלקערונג פלעג אַרומנעמען אירע האַרמאַטן, ווי עפּעס לעבעדיקע באַשעפענישן, ווי פרײַנט. פרויען האָבן געוואָרפן בלומען אונטער זייערע רעדער. דאָס איז געווען אין דעם טאָג, ווען ס'איז געבוירן געוואָרן די גרויסע קאָמונע.

קאָטי איז געשטאַנען אַף איינעם פון די האַרמאַטן און האָט געשריען: „פרויען פון פאַריזש! די פאָטערס פון אונזערע קינדער טאָרן ניט זײַן קיין קנעכט! מיר ווילן פֿאַר זיי ניט ווערן רויט פון בושע. מיר זײַנען פרויען פון פרייע מענטשן. אַרבעטער-פרויען, אַרבעטער-טעכטער! מיר קעמפן פֿאַר דער צוקונפט, ווען אַרבעט וועט זײַן פריי!"

---

1) די „ראַכמים-קאָמיסיע" איז געגרינדעט געוואָרן לויט טיערס פאָרשלאָג. און איז באַשטאַנען פון 15 מיטגלידער — אַלע פריצים-מאַנאַרכיסטן. אַלע איניאַנים פלעגן נאָכן קריגס-געריכט איבערגיין אַהין. פאַר דער גאַנצער צייט אָבער איז געווען זייער ווייניק פאַלן, ווען די קאָמיסיע זאָל ווייכער מאַכן דעם פסאַק-דין פון די קריגס-געריכטן. מ'האָט זי דעריבער גיך געקרוינט מיטן נאָמען „מערדער-קאָמיסיע" (רעד.)

2) דער געריכט האָט פאַרמישפּעט לויזע מישעל ניט צום טויט, נאָר פאַרשיקט זי קיין ניי-קאַלעדאָניע.

די פרויען האָבן געקלאַטשט מיט די הענט און האָבן געשריען. „זאָל לעבן!“ מ׳האָט זי געטראָגן אַף די הענט און זי האָט גערופן! „צום געווער! צום געווער!“

אָט אַזאַ האָב איך זי געזעען די גאַנצע צייט.

ווו נאָר עפּעס א קאָמונאַרן-טייל האָט אָנגעהויבן צו וואקלען זיך—פלעג זי כאַפּן די פאָן און אויסשרייען: „ס׳וועט דאָך זיין פאַר אייך א בושע, אויב איך וועל אומקומען!“.

נאָך איר איז נאָכגעלאָפן דער גיבער קאָרוטאָ און האָט געשריען: „זאָל לעבן די קאָמונע!“. דאָס איז געווען, דוכט זיך, די איינציקע פראַזע, וואָס ער האָט געקאָנט אויס-ריידן אף פראנצויזיש.

איך האָב געזעען, ווי זי איז נאָכגעגאַנגען נאָך די טראָג-בעטלאך מיט די פארוווּנ-דעטע אין זיי, און האט גערופן: „נעקאָמע! נעקאָמע! פארגעסט ניט, וויפיל עס זיינען שוין אומגעקומען! מוטערס, שיקט אייערע קינדער, שוועסטער—שיקט אייערע ברידער, פרויען—אייערע מענער! מיר, פרויען, וועלן אויסקעמפן די צוקונפט“.

— פאַריזש וועט זיך ניט אונטערגעבן,—האָט זי דערקלערט, בעיס די ווערסאלער זיינען אַריין אין שטאָט—פאַריזש וועט זיך ניט אונטערגעבן! מיר קאָנען ניט, מיר ווילן ניט לעבן אין קנעכטשאפט. מיר וועלן שטאַרבן, מיר וועלן אומקומען, קעדיי צו בלייבן לעבן אין זיקאָרן, ווי די גרויסע שטאָט פון צוקונפט—די הויפּט-שטאָט פון פרייהייט.

און מיט א ברענענדיקן פאַקעל אין די הענט איז זי געלאָפן אונטערצונדן הייזער, האָט געפּאָדערט פולווער, דינאַמיט, נאַפט. אומקומען, אונטער די רוינען, אבי ניט לעבן אין קנעכטשאפט.

די ווערסאַלער האָבן פארכאפּט א גאַס נאָך א גאַס. ייעש האָט אָנגעהויבן אריינצוגאנ-ווענען זיך אין די הערצער פון די גרעסטע העלדן.

קאַטי האָט געיאָגט פון באַריקאדע צו באַריקאדע.

— מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן, מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן. מיר וועלן שטארבן פרייע.

— בירגער פון פאַריזש! איך וועל זיך ווערן ביזן סאָף, זאָל זיין אפילע איינע אליין. ווער איז מיט מיר?

און הענט, שוואַרצע פון פולווער, האָבן זיך געצויגן צו איר, און פארטריקנטע ליפּן האָבן געשריען: „מיר גייען אף טויט, מיר וועלן שטאַרבן פרייע!“

— פרויען!—האָט געשריען קאַטי—ארויס אין די גאַסן! דאָרט וועלן מיר שטארבן האַנט בא האנט מיט אונזערע ברידער, מיט אונזערע מענער!

ביקסן פאַלן אַראָפּ צו דער ערד, פאַר וואָס הויבט איר זיי ניט אוף? אויב ס׳וועט ניט בלייבן קיין מאַנסבלען, וועלן זיך שלאָגן פרויען!

— מיר שרייען ניט „גאָט און פאָטערלאנד“... אזוי שרייען די, וואָס לעבן פון גזײלע און רעציכע. גאָט—דאָס איז די פארשקלאפונג פון גייסט. דער גייסט דארף זיין פריי...

— —

ד. קאוואַלסקי

נ. לוקין

די פעלערן פון דער קאמונע און די סיבעס פון איר אומקומען

דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט זיך פאָרגעשטעלט די סאָציאַלע רעוואָלוציע ניט ווי די זאַך פונם פּראָלעטאַריאַט אליין, נאָר ווי די זאַך פון אַלע „אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע"; ניט דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכער מאַכט די סאָציאַלע איבערקערעניש מיט דער הילף פון דער שטאָטישער און דאָרפישער אָרעמקייט, נאָר אַ בלאָק פון אַרבעטער, קליינער און מיטעלער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ אַף צו פאַרווירקלאַכן די נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אַפן גרונט פון ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע.

אין דעם האָט זיך אַרויסבאַוויזן די האַלב-פּראָלעטאַרישע, האַלב-באַלעבאַטישע פּסיכאָלאָגיע פון די מיטגלידער פונם צענטראַל-קאָמיטעט.

געקומען צו דער מאַכט, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט געדאַרפט פריער פאַר אַלץ אויסנוצן אַלע קרעפטן אַף צו דערשלאָגן דעם סוינע ביזן סאָף: אַרעסטירן די רעגירונג, אַנטוואָפענען די פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און דעם כאַיעל. אויב אַפילע דער אַרמיי וואָלט זיך איינגעגעבן אָפּצוטרעטן פון פאַריזש, האָט מען געדאַרפט מאָביליזירן אַלע קרעפטן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, גיין אַף ווערסאַל, צעטרייבן די רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, פאַרבינדן זיך מיט די פּראָלעטאַרישע צענטרען פון פּראָווינץ,—שפּרייטן דעם פלאַם פון רעוואָלוציאָנערן פייער איבערן גאַנצן לאַנד.

„אופשטאַנד איז — קונסט, — האָט ענגעלס געשריבן אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען אין ניו-יאָרקער „טריבונע", — און פונקט ווי יעדער מיליטערישע אָדער אַנדערע קונסט, איז זי אונטערגעוואָרפן באַשטימטע קלאָלים, און אַז מע איז אויוועק אַף זיי, ברייגט דאָס צום אונטערגאַנג פון דער פּאַרטיי, וואָס איז דעריבער שולדיק... אין פאַל, ווען דער אופשטאַנד איז שוין אָנגעהויבן, מוז מען האַנדלען מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט און איבערגיין אין אָנגריף; פאַרטיידיקונגס-טאַקטיק—דאָס איז אַ קיווער פאַר יעדן באַוואָפנטן אופשטאַנד; ער איז פאַרשפּילט נאָך פאַרן צוזאַמענשטויס מיטן סוינע. פאַל אָן אַפן סוינע אומדערוואַרט, קאָלזמאַן זיין כאַיעל איז נאָך ניט צונויפגענומען, דערשלאָג זיך יעדן טאָג צו נייע ניצכוינעס, אַפילע אומבאַדייטנדיקע..."

דער צענטראַל-קאָמיטעט אָבער האָט זיך געהאַלטן באַ אַ פּאַסיווער, פאַרטיידיקונג-טאַקטיק, כאָטש ער איז געווען דער זיגער. גאַרנישט איז ניט געטון געוואָרן אַף צו שטערן דער רעגירונג צו אַנטלויפן קיין ווערסאַל און אַרויספירן די באַוואָפנטע קרעפטן אירע פון פאַריזש. דעם 19-טן נאָך האָבן זיך פון פאַריזש קיין ווערסאַל אין אומאָרדענונג געצויגן די צוגן פון טיערס כאַיעל, אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרמען-טיילן, סע זיינען אַרויסגעפאָרן באַאַמטע, גענעראַלן, אָפיצערן,

דאָס איז ווייניק. פֿאַר דער גאַנצער צייט, זינט דער צענטראַל-קאָמיטעט איז געווען בײַ דער מאַכט, זײַנען ניט פֿאָרגענומען געוואָרן קיין שום מיליטערישע אַקטן קעגן ווערסאַל; און אין די ערשטע טעג באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט דאָך די אַרמיי פֿון דער קאָמונע גוואַלדיק איבערגעשטיגן דעם קעגנערס קרעפֿטן, — סיי לויט איר צאָל, סיי לויט איר מאָראַלן צושטאַנד.

„ווען מע זאָל אונדז צו יענער צייט געווען אַטאַקירן, — זאָגט דערזעלביקער טיער, — וואָלט איך ניט אָרעוו געווען פֿאַר דער שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון דער אַרמיי, וואָס איז שוין צעבראָקלט געווען דורכן בלויזן באַוווסטזײַן פֿון איר שוואַכקייט און פֿון דער קליינער צאָל אירער" *).

אַזוי זעען מיר, אַז אויפֿן מיליטער-סטראַטעגישן געביט האָבן געפֿעלט די סאַמע עלעמענטאַרע מאָסמיטלען, וואָס דער מאָמענט האָט קאַטעגאָריש דיקטירט אָנצווענדן. און פֿאַר די אַלע פֿעלערן קאָן מען ניט מאַכן פֿאַראַנטוואָרטלאַך דעם האַלבן מעטורעף ליוויליע: אַלגעמיינע דירעקטיוון האָט געגעבן דער צענטראַל-קאָמיטעט.

טיער האָט דערווײַל באַקומען אַ מעגלאַכקייט אָפּצוזעטעמען, און ער האָט דאָס אויסגענוצט אויף צו רעאָרגאַניזירן זײַנע מיליטער-קרעפֿטן און אויפֿהויבן זייער קאַמפֿס-פֿײַאיקייט, קעדיי נאָכדעם אַליין איבערצוגיין אין אָנגריף קעגן פּאַריז.

סאָנים פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע זײַנען זיך רויק געזעסן אין פּאַריז גופֿע; אָנהייגער פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג זײַנען געווען צווישן דער פֿאַרבליבענער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע, צווישן דער אַדמיניסטראַציע און נאַציאָנאַלער גוואַרדיע; זיי האָבן אומגעשטערט אַרויסגעלאָזט זייערע שוואַרצמייעדיקע צײַטונגען, צונויפֿגערופֿן פֿאַרזאַמלונגען, געפּרוווט אָרגאַניזירן אַ באַוואָפֿנטע דעמאָנסטראַציע קעגן צענטראַל-קאָמיטעט. דידאָזיקע עלעמענטן האָבן אָן שום ספֿק געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט ווערסאַל און האָבן געגרייט דער קאָמונע אַ קלאַפּ אין רוקן.

אַ פֿײַנטלאַכע פּאָזיציע צו דער נײַער מאַכט האָבן אויך פֿאַרנומען די ראַדיקאַלע קרײַזן פֿון דער פּאַריזשער בורזשואַזיע, אָנגעפֿירט פֿון די מערן און דעפּוטאַטן. ווי מיר ווייסן, האָבן דידאָזיקע הערן זיך געפּרוווט ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַראָפּוואַרפֿן דעם צענטראַל-קאָמיטעט דורך אַ נײַעם קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן אויפֿשטאַנד.

אויב דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט געוואָלט אַן אַנטשיידענעם ניצאָכן, באַפֿעסטיקן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, האָט ער געדאַרפֿט מיט אַן אײַזערנער האַנט דערשטיקן יעטווידער ווידערשטאַנד קעגן זיך. ס'איז נויטיק געווען אָנצונעמען רעפּרעסיווע מיטלען קעגן די שוואַרצמייעדיקע פֿאַרזאַמלונגען, פֿאַרמאַכן אַלע צײַטונגען, אין וועלכע סע האָט זיך געפֿירט אַ העצע קעגן צענטראַל-קאָמיטעט, אומבעראַכמאָנעסדיק צעשיסן אַלע טיערס שפּיאָנען, אַרעסטירן מערן און דעפּוטאַטן א. א. וו.

אַנשטאַט דעם אַלעם האָט דער צענטראַל-ראַט דעקרעטירט פּרעסע-פֿרײַהייט, אין משך פֿון עטלאַכע טעג געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט די מערן, און ערשט דעם 24-טן האָט ער אָנגענומען אַנטשיידענע מיטלען צו ליקווידירן דעם קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן בונט, וואָס זיי האָבן פֿאַרטראַכט.

---

*) אויב ניט אַלע, האט דאך א טייל „פשארעניקעס" געפירט אונטערהאנדלונגען מיטן צ. ק. קעדיי צו געווינען צייט און געבן טיערס רעגירונג א מעגלאכקייט קומען צו זיך. אט וואס ס'האט נאכדעם געזאגט אין דער אויספארשונג-קאמיסיע דער מער טיראר: דער הויפט-ציל, וואס מיר אלע האבן געהאט אין אויג בא אונזער ווידערשטאנד, איז געווען — שטערן די פעדעראטן (ד. ה. די נאציאנאלע גווארדייער) צו גיין אף ווערסאל... עטלאכע טעג האבן מיר זיך געווערט, און דאס האט געגעבן דער רעגירונג די מעגלעכקייט צו ארגאניזירן די שויך".

די אונטערהאַנדלונגען מיט די מערן, מיט אַט די קלאָמערשטע פּאַרמיטלער צווישן צענטראַל-קאָמיטעט און דער ווערסאַלער רעגירונג, האָבן נאָר אָפּגעצויגן בײַ דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג די אופמערקזאַמקייט פונם הויפּט-סוינע און געפירט דערצו, אַז די וואַלן אין דער קאָמונע זײַנען אָפּגעלייגט געוואָרן. סאָפקאָלסאָף איז דאָס געווען ווי אָנגעמאָסטן טאַקע פאַר טיערן.

דידאָזיקע אַלע טאַקטישע פעלערן פונם צענטראַל-קאָמיטעט קוועלן אַרויס פון זײַן אַלגעמיינער פשאָרע-פּאָזיציע, און די פּאָזיציע נעמט זיך פון ניט פאַרשטיין יענעם עמעס, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קאָן דער פּראָלעטאַריאַט פאַרווירקלאַכן בלויז קעגן אַלע גרופּן פון דער בורזשואַזיע און אינם פּראָצעס פון פאַרביסענעם קאַמף מיט זיי.

„זיי האָבן קיין בירגער-קריג ניט געוואָלט אָנהויבן, פּונקט ווי דער דעגענעראַט טיער האָט אים שוין פריער ניט אָנגעהויבן מיט זײַן פּרווו צו אַנטוואָפענען פּאַריזש".

„אויב זיי וועלן באזיגט ווערן, וועט אין דעם שולדיק זײַן ניט מער, ווי זייער גרויס-מוטיקייט", — האָט מארקס געשריבן אין זײַן בריף צו קוגעלמאַנען *).

די וואַלן אין דער קאָמונע האָבן געדאַרפט פאָרקומען אפן סמאַך פון אַ געזעץ, וואָס האָט עקסיסטירט נאָך בעיים דער אימפּעריע און וואָס האָט ניט געגעבן די פרויען קיין אַלגעמיינע וואַל-רעכט. אנטיילנעמען אין די וואַלן האָבן געמעגט נאָר די פּערזאָנען, וואָס האָבן באקומען וואַל-קאַרטן פאַר די וואַלן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

פון 90 „שטאָטישע ראטמענער" זײַנען 5 איינצייטיק געווען אויסגעווילט אין 2 קרייזן; אַזוי ארום איז די קאָמונע באשטאַנען נאָר פון 85 פּערזאָן. צווישן זיי, האָט זיך ארויס-געוויזן 15 אויסגעשפּראָכענע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געהערט צו טיערס פּאַרטיי און זײַנען געווען מיט אים אין נאָענטע באַציִונגען, און 6 בורזשואַזע ראַדיקאַל-גאמבעטיסטן, פון יענע פשאָרעניקעס, וואָס זײַנען געווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט קעגן דער ווערסאַלער רעגירונג, נאָר אין דערזעלבער צייט האָבן זיי אויך ניט אנערקענט די רע-וואָלוציע פון 18 מאַרט, און מיט זייער קאַמף קעגן צענטראַל-קאָמיטעט האָבן זיי געהאַנדלט נאָר טיערן לעטויווע. דידאָזיקע פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע (הויפּטזאַכלאַך פּאַריזשער מערן און זייערע געהילפן), וואָס זײַנען אויסגעווילט געוואָרן פון די אריסטאָקראַטיש-רייכע קוואַרטאַלן, האָבן טייקף געגומען דעזערטירן פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר באשטימט רעוואָלוציאָנעריש לויט איר באשטאַנד. שוין אין די ערשטע טעג האָבן 17 מענטשן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פולמאכטן.

די „אומפאַסיקע" פאַרשוינען זײַנען אין דער קאָמונע אריין נאָר אַדאַנק דעם, וואָס דער צענטראַל-קאָמיטעט, וועלכער איז געשטאַנען פאַר א פשאָרע מיט ווערסאַל, האָט ניט באַזיי-טיקט די בורזשואַזיע פון די וואַלן. דידאָזיקע „אכטונג צו דעמאָקראַטיע", וואָס קאַאוטסקי

---

*) מארקס, וואָס האָט אין סענטיאַבר 1870 יאָר ניט געאייצעט די פּאַריזשער פּראָלעטאַריער טייקעף אראָפּוואַרפן די צײַטווײַליקע רעגירונג, נאָר אויסנוצן אַלע קרעפטן אף צו באשאפן פעסטע ארגאַניזאַציעס, האָט איצט מיט היספּאַילעס באַגריסט די רעוואָלוציע פון 18 מארט. „ס'אַרא בויגעוודיקייט, ט'אַרא היסטאָרישע איני-ציאַטיוו, ס'אַרא פייאיקייט צו מעסיראַס-נעפעש פאַרמאָגן אַט די פּאַריזשער!" — לייענען מיר אין דעמזעלבן בריף — „נאָך זעקס כאָדאָשים הונגער און פאַראַרעמטקייט, וואָס זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן מער פון אינערלאַכן פאַר-ראַט, איידער פון אויסערלאַכן סוינע, אונטער די פּרייסישע שפּיזן, מאַכן זיי אַן אופשטאַנד, — גלייך ווי ס'ע וואָלט גאָר קיין מילכאָמע ניט געווען צווישן פראַנקרייך און דײַטשלאַנד, גלייך ווי ס'ע וואָלט גאָר קיין פייַנט ניט געשטאַנען אונטער די טויערן פון פּאַריזש. די געשיכטע ווייסט ניט נאָך א בײַשפּיל פון אַזאַ העלדישקייט... ווי ס'ע זאָל ניט זײַן, איז דער איצטיקער פּאַריזשער אופשטאַנד, — אויב א ,ילע ער וועט דערשטיקט ווערן דורך די וועלף, דורך די כאַזירים און געמיינע הינט פון דער אַלטער געזעלשאַפט, — איינער פון די שענסטע העלדנטאַטן פון אונזער פּאַרטיי זינט דעם יוני-אופשטאַנד".

איז איצט דערפון אזוי אנטציקט, האָט פון דער קאָמונע ניט געמאכט קיין אלקלאסישע אלדעמאָקראַטישע פאָרשטייערשאפט און האָט זי ניט געראַטעוועט פון א בירגער-קריג. דאָס לעבן גופע, די אומבעראַכמאָנעסדיקע לאגיק פון קלאַסן-קאַמף האָט אויסגעבעסערט די אוטאָפּישע פלענער פון די פאַריזשער רעוואָלוציאָנערן.

לויט איר סאָציאַלן באַשטאַנד איז די קאָמונע געווען ווייט ניט קיין פּראָלעטאַרישע. צווישן די 68 מיטגלידער אירע, וואָס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן 26 מארט און זיינען פארבליבן נאָכדעם, ווען ס'זיינען אוועקגעגאנגען טיערס אָנהייגער און די ראַדיקאַלן, זיינען ארבעטער געווען סאַכאקל 25, אָנגעשטעלטע—7, פרייע פּראָפעסיעס—דאָקטוירים, לערער, ליטעראַטן, קינסטלער, אינזשענערן—בא דרייסיק מאן. די איבעריקע זיינען געווען קליין-הענדלער, באַלמעלאָכעס און באַאַמטע*). אינם קליין-בורזשואַזן פאריזש און בא דער סיסטעם פון אַלגעמיינע וואלרעכט איז שווער געווען צו ריכטן זיך אף אַן אַנדער באַשטאנד פון דער קאָמונע.

די קאָמונע איז ניט געווען קיין מעלוכע פון א ראַטן-טיפּ. לעהייפעך דעם צענטראַל-קאָמיטעט, וואס האָט אין א געוויסער מאָס געטראָגן א כאראקטער פון א פּראָלעטאַרישער קלאסן-אָרגאניזאציע, איז די קאָמונע געווען אויסגעקליבן דורך אלגעמיינע וואלן.

די דערפארונג פון דער קאָמונע באווייזט, אז דאפקע די דעמאָקראַטישע נאטור אירע האָט איר געשטערט קאָנסעקוועגט דורכצופירן די דיקטאטור פונם ארבעטער-קלאס; זי האָט ניט געקאָנט געפינען די נויטיקע פּאָליטישע פאָרם די דיקטאטור צו פארווירקלאכן.

אין קאמף מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע איז די קאָמונע אָפּגעטראָטן פון די ליבעראלע געבאָטן, האָט אָנגעווענדעט רעפּרעסיווע מיטלען קעגן אירע פּאָליטישע קעגנער, האט פּראקטיצירט א געוויסן מין טעראָר.

די פּאָליטיק פון רעפּרעסיעס איז אָבער דורכגעפירט געוואָרן ניט קאָנסעקוועגט, אומאַנטשיידן, אָפּטמאָל האָט זי גראד געשטאַרקט די סאָנים פון דער קאָמונע. אירע טוער האָבן ניט גענוג אַנערקענט, אַז רעוואָלוציע איז אומפאַרמיידלאַך געבונדן מיט גוואַלדטאַט. פּאָלעמיזירנדיק מיט די אַנאַרכיסטן, האָט ענגעלס געשריבן: האָבן דען דידאָזיקע הערן (אנטי-אוטאריטאריסטן) געזען אַמאָל אַ רעוואָלוציע? רעוואָלוציע איז, בעלי סאָפעק, די סאַמע אוטאריטארע זאַך, וועלכע איז נאָר מעגלאך. רעוואָלוציע איז א אַקט, אין וועלכן איין טייל באַפעלקערונג בינדט אָן דעם אַנדערן טייל זיין ווילן דורך ביקסן, שפּיזן, האַרמאַטן, ד. ה. דורך אויסערסט אווטאריטארע מיטלען. און די פּארטיי, וואָס האָט געזיגט, מוז אמאָל אַלפּי נויט אופהאַלטן איר הערשאַפט דורך יענער מוירע, וואָס איר געווער וואַרפט אַרויף אף די רעאַקציאָנערן. וואָלט זיך דען די פּאַריזשער קאָמונע געהאַלטן איין טאָג אַפילע, ווען זי זאָל זיך ניט געווען אָנשפּאַרן אַפן אַווטאָריטעט פונם באַוואָפנטן פאָלק קעגן דער

*) אויב מע זאל נעמען אין כעשבן אויך די הויסאפע-וואלן און אין דערזעלבער צייט אראפרעכענען די מיטגלידער, וואס האבן זיך אפגעזאגט פון זייערע פולמאכטן, קאן מען כאראקטעריזירן דעם סאציאלן באשטאנד פון דער קאמונע מיט פאלגנדיקע ציפערן. פון 83 מיטגלידער זיינען געווען:

ארבעטער	27	אדער	32,5%
אנגעשטעלטע און קליינע באאמטע	13	„	15,7%
מענטשן מיט פרייע פּראפעסיעס (ארטיסטן, קינסטלער, דאקטוירים, אינזשענערן, ליטעראטן א. א. וו.)	32	„	38,5%
קליינע הענדלער און אונטערנעמער	4	„	4,9%
אפיצערן	2	„	2,4%
מענטשן מיט אומבאוווסטע פּראָפעסיעס	5	„	6,2%
	83	„	100%

בורזשואַזיע? האָבן מיר דען ניט, אדרעבע, קיין רעכט פּירוואַרפן דער קאָמונע, וואָס זי האָט צו ווייניק זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן אויטאָריטעט?״

אַפילע די בלאַנקיסטן האָבן געהאַט פאַרגעסן דעם געבאָט פון זייער לערער, וואָס האָט רעקאָמענדירט טייקעף נאָכן פאַרכאַפּן די מאַכט פעסט דורכצופירן דעם פּרינציפּ: „קיין שום פרייהייט די סאָנים פון דער רעוואָלוציע!״ און „שטעקט א פלאקן דעם קאַפּי-טאַל אין מויל אַריין!״

די קאָמונע האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז בלויז נאָך אומבעראַכמאָנעסדיקן און הארטנאַ-קיקן קאַמף קאָן די בורזשואַזע געזעלשאַפט אָפּטרעטן אירע פּאָזיציעס; אז וואַקלעניש בעאייס מע דערשטיקט דעם קלאַסן-סוינע ברייגגט נאָר צו איבעריקע קאָרבאָנעס.

די וויכטיקסטע פינאַנציעלע אָרגאַניזאַציע אין פאַריזש איז געווען דער פראַנצויזישער באַנק, וואָס דער רעגירונג, בעאייס זי איז אין איילעניש געלאָפן, האָט זיך ניט איינגע-געבן אַרויסצופירן פון שטאָט. „צוליב דעם, — זאָגט ליסאַגאַרע, — האָט מען באַדאַרפט האָבן פון זעכציק ביז אַכציק פורלאַך און אַ גאַנצן קאָרפּוס סאָלדאַטן״.

אַזוי איז אויסגעקומען, אז די נייע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, — דער צענטראַל-קאָמי-טעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע — האָט געיאַרשנט דעם באַנק מיט אַלע זיינע רעסורסן. און די רעסורסן זיינען געווען גאַנץ היפּשע. אַפן 20 מאַרט איז אין קאַסע פון באַנק געווען 243 מיל. פראַנק מעזומאָנים (77 מיל. אין מאַטבייעס און 166 מיל. אין פּאַפּירן), אין פּאָרטפעל — 879 מיל., אָבליגאַציעס אף 120 מיל.; אין גאָלדשטיקער — 11 מיל., איינגעלייגט — 900 מיל. אין ווערט-פּאַפּירן און 7 מיל. אין טייערע כפייצים, סאַכאַקל — 2 מיליאַרד 180 מיל. פראַנק.

אויסערדעם, איז אין באַנק געלעגן אף 800 מיל. באַנק-בילעטן, אַף וועלכע סע האָט נאָר געפעלט די כסימע פונם קאַסיר.

אַזוי אַרום, האָט דער באַנק געהאַט אין זיין רעשוס ביז 3 מיליאַרד פראַנק, פון זיי — 1 מיליאַרד מעזומאָנים.

אנשטאָט צו פאַרכאַפּן דעם באַנק און צו באַשטימען אַהין זיין דירעקטאָר, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט זיך באַנוצט דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַוואָרנט מיט דער האַסקאָמע פונם באַנק צו סובסידירן די נייע רעגירונג, און האָט דורך זיינע דעלעגאַטן באַקומען אַפן כעשבן פון דער שטאָט פאַריזש 350 טויזנט פראַנק.

די קאָמונע האָט ווייטער געפירט איר וואַקלדיקע פּאָליטיק. זי האָט איבערגעלאָזט אף זיין אָרט דעם געהילף-דירעקטאָר פון באַנק (דער דירעקטאָר איז אַנטלאָפן) און האָט קאָמאַנדירט צו אים אַלס קאָמיסאַר דעם רעכטן פּרודאָניסט בעלע, וואָס האָט אין אויס-פיר-קאָמיטעט פון דער קאָמונע געמאַכט דידאָזיקע כאַראַקטעריסטישע מעלדונג: „מע מוז אַכטן דעם באַנק מיט אַלע זיינע באַזונדערע רעכט און פּריווילעגיעס; מע דאַרף, ער זאָל שטיין הויך אין זיין קרעדיט-ריינקייט. גאַנץ פראַנקרייך איז אין דעם פאַרינטע-רעסירט״.

לייענענדיק דידאָזיקע שורעס, מוז מען מאַסקים זיין מיט ליסאַגאַרע, וועלכער האָט געשריבן: „די פעסטונג פון קאַפּיטאַל אין ווערסאַל האָט אין ערגעץ ניט געהאַט קיין פלייסיקערע פאַרטיידיקער, ווי אין ראַטהויז״.

די פּאָזיציע, וואָס די קאָמונע האָט פאַרנומען בענוגייע צום באַנק, איז געווען אַ פאַלשע אויך אין אַן אַנדער הינזיכט. „אַלע אופשטייענדיקע, — זאָגט ליסאַגאַרע, — וואָס האָבן זיך ערנסט באַצויגן צו דער זאַך, האָבן גלייך אָנגעהויבן דערפון, וואָס זיי האָבן פאַרנומען צו זיך אין די הענט די קאַסע, דעם נערוו פונם סוינע; בלויז דער ראַט פון דער קאָמונע האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון. ער האָט אָפּגעשאַפט דעם ביודזשעט אַף אויס

צוהאַלטן די גייסטלאַכע, וואָס זיינען געווען אין ווערסאַל, און איז געבליבן אַנטציקט פונם בורזשעט פון דער בורזשואַזיע, וואָס ער האָט אים אין זיינע הענט געהאַלטן. אין זייער קינדערשער היספּאַילעס האָבן די מיטגלידער פון דער קאָמונע ניט באַמערקט די עמעסע אָרעוויניקעס, וואָס זיינען באַ זיי אונטער די הענט געווען. דאָס איז דער באַנק מיט זיינע 90 טויזנט אייגלאַגער און די אַנדערע פינאַנציעלע אנשטאַלטן. „אָט ווי אַרום האָט מען געקענט תארכאַפּן צו זיך אין די הענט דעם לעבנס-נערוו פון דער בורזשואַזיע, און ערשט דעמאָלט זיך אויסלאַכן פון זייערע קונצן און וויצן. דעמאָלט וואָלט גענוג געווען, אז די קאָמונע, ניט שטעלנדיק קיין איין מענטשן אין געפאַר, זאָל געווען דערקלערן די ווער-סאַלער—„נאָכגעבן, אָדער טויט!"

אויסערדעם, האָט די קאָמונע צופיל געשאַנעוועט דעם פּרינציפּ פון פּריוואַט-אייגנטום. דאָס דערקלערט זיך, דארף מען רעכענען, טיילוויז מיט דער מוירע אָפּצושטויסן פון זיך די קליינבורזשואַזיע: זי האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנץ באַדייטנדיקן געזעלשאַפט-לאַכן שיכט, וואָס איז אומבאַמערקט אריבער אין פּראָלעטאַריאַט.

שטריינג איז ליקווידירט געוואָרן יעדע סעפּאַראַטישע פּרווו צו קאָנפיסקירן אייגנטום, אפילע ווען ס'האָט געהערט דעם גרויס-קאַפּיטאַל.

ענדלאַך, איז די גאַנצע פּאָליטיק פון דער קאָמונע בענעגייע צום פּראַנצויזישן באַנק, ווייזט אָן אף איר אַכטונגפולער באַציונג צום הייליקן פּריוואַט-אייגנטום, אין פּראַט — צום אייגנטום פונם פּאַראַזיט-ראַנטיע.

די אינטערעסן פונם געלט-קאַפּיטאַל זיינען געווען פונקט אזוי הייליק, ווי די אינטע-רעסן פון די אינדוסטריעלער. אַף דערזעלביקער זיצונג האָט פ. גרוסע פּאַרגעלייגט אָנצו-נעמען מיטלען, אַז אין דעם טאָג, ווען די ווערסאַלער וועלן אַריינטרעטן אין פּאַריזש, זאָלן פאַרניכטעט ווערן די אלע געלט-היסכאיוועסן, וועלכע געהערן זיי, האָט דאָס ארויס-גערופן ראַש און פּראָטעסט מיצאַד דער פאַרזאַמלונג.

אין אַלגעמיין, האָט די קאָמונע ניט באַוויזן דורכצופירן קיין גרונטלאַכע ענדערונגען בענעגייע צו אייגנטום-פּאַרהעלטענישן, און מע קאָן ניט ניט מאַסקים זיין מיט די אויספירן, צו וועלכע סע קומט לאַווראָוו, ווען ער זאָגט, אַז „אייגנטלאַך, איז קיין איין שטיין פונם עקאָנאָמישן געבוי, וואָס איז פיינטלאַך דעם פּראָלעטאַריאַט, ניט גערירט געוואָרן פון אָרט דורך די פאָרשטייער פון זיין רעוואָלוציע". פּאַקטיש איז מען צו „עקספּראָפּריאירן די עקספּראָפּריאטאָרן" אַפילע ניט צוגעטראָטן.

אזוי זעען מיר, אַז די קאָמונע האָט ניט אונטערגעפירט קיין עקאָנאָמישן פונדאַמענט אונטער די פּאָליטישע דעראָבערונגען פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין צופעליקייט. די סאָציאַליסטן זיינען געווען טעאָרעטיש ניט צוגע-גרייט. קיין פעסטגעשלאָסענע סאָציאַליסטישע פּארטיי איז ניט געווען, שוואַך זיינען אויך געווען די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פונם פּראָלעטאריאַט, ענדלאַך, איז די קאָנצענטרי-רונג פון דער אינדוסטריע געווען א קנאַפּע. דאָס אַלץ האט געשטעלט אומגעהייערע שטע-רונגען יעדן אַנטשיידענעם שריט פון דער קאָמונע צו סאָציאַליזירן די אינדוסטריע.

די דויערנדיקע באַלאַגערונג און די רעוואָלוציע פון מאַרט כוידעש האָבן זיך געמוזט אָפּרופן אף דער קאַמפּס-פייאיקייט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די אַלטע דיסציפּלין, געבונדן מיט נעמען פון פּאַרהאַסטע גענעראַלן און פּאָליטיש-מעסיקע אָפיצערן, איז געווען געבראָכן, און קיין נייע האָט זיך נאָך ניט באַוויזן צו באַפעסטיקן. וואָס פאַר א פלאנטער סע האָט געהערשט אין די מויכעס פון אסאַך פּאָשעטע גוואַרדייער, קאָן מען זעען פון דעם, וואָס ווייט ניט אַלע מיטגלידער פון דער קאָמונע גופע האָבן דייטלאַך אַנערקענט די נויטיקייט פון צווינג-מיטלען אין א צייט פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור; צווישן דער

„מינדערהייט" זיינען, בעלי ספק, געווען אַזעלכע, וואָס האבן געהאַט אן אַנאַרכיסטישן קוק אַף דער אבליגאַטאָרישקייט פון דער מיליטער-דינסט.

אז די דיסציפּלין זאָל פאלן האָט אַסאַך מיטגעהאָלפן דאָס, וואָס די גוואַרדייאישע טיילן, וועלכע האָבן אָפּערירט קעגן די ווערסאַלער, האָבן ניט באקומען די נויטיקע די-רעקטיוון פונם צענטער, וואָס האָט, אַגעוו, אַליין קיין אלגעמיינעם פּלאַן קיינמאָל ניט געהאַט.

צווישן די אָפיצערן האָט די צעפאַלונג פון דיסציפּלין זיך אַרויסבאַוויזן אויך אין אַנדערע פאָרמען. באשטימונגען און אָראָפּזעצונגען פון העכערן קאָמאַנדירן-באַשטאַנד, וואָס זיינען ארויסגעגאַנגען פונם מיליטער-דעלעגאַט, פלעגן זיך צייטנווייס אָנשטויסן אַף אַ ווידערשטאַנד ניט נאָר מיצאַד דעם צענטראַל-קאָמיטעט, נאָר אויך מיצאַד די פאַרינ-טערעסירטע פערזאָנען גופא.

די קאָמאַנדירן, וואָס זיינען דורכגעפאַלן בעיס די וואַלן אין זייערע טיילן, האָבן ניט געוואָלט אָפּגעבן די סאַבלען און רעוואָלווערן.

צווישן די אָפיצערן, באַזונדערס שטאַב-אָפיצערן, איז געווען אומגעהייער אַנטוויקלט גאָר ניט קיין דעמאָקראַטישע ליידנשאַפט צו שיינער אוניפאָרם: בענדלאַך, עפּאָלעטן, אַקסלבאַנטן א. א. וו.

אַלנפאלס, איז די פראַגע וועגן קאָמאַנדירן-באַשטאַנד געשטאַנען זייער שאַרף. אַפן מיליטערישן געביט האָט זיך נאָך מער ווי אַף אַלע אַנדערע געביטן געפילט אַ מאַנגל אין ספּעציאַליסטן, וואס זאָלן זיין איבערגעגעבן דער זאַך פון דער קאָמונע.

„די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, — האָט געזאָגט א מיטגליד פון דער קאָמונע, בילי-אָרע, — דאָס איז אָרגאַניזירטע דעזאָרגאַניזאַציע".

„די פאַרוואַלטונג פונם מיניסטעריום פאַר מיליטער-איניאַנים, — שרייבט ליסאַגאָרע, — איז געווען א פינצטערער צימער, ווו אַלע האָבן זיך צונויפגעשטויסן".

האַקלאַל, ס'האָט זיך געמערקט א פולקאָמע צורודערטקייט אין די באַזונדערע טיילן פונם מיליטער-אַדמיניסטראַטיוון מעכאַניזם, וואָס האָבן זיך אין אומאָרדענונג געטשעפּעט איינער פאַרן אַנדערן און געשטערט יעדער אַרבעט.

ס'איז אָבער קיין רעגלמעסיקע אָרגאַניזאַציע, קיין אייניקייט און פּלאַנמעסיקייט אין דער פּאָליטיק פון מיליטער-פאַרוואַלטונג גאָר ניט מעגלאַך געווען באַ דער פילהערשאַפט און באַ דער קנאַפּער אָפּגעגרענעצטקייט פון קאָמפּעטענץ פון די באַזונדערע אָרגאַנען, וואָס איז געווען צו מערקן אין דער מיליטער-אָנפירונג און קאָמאַנדירונג.

די זאַך פון פארטיידיקן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט זיך געפונען אין זייער אומגעשיקטע און ניט זיכערע הענט. די אָפטע ענדערונגען אין דער העכערער קאָמאַנדי-רונג, דאָס פעלן פון א איינהייטלאַכן אַווטאָריטעטן אָנפיר-אָרגאַן; די צווייהערשאַפט פון דער קאָמונע און צענטראַל-קאָמיטעט; ענדלאַך, די גאַנצע פּשרה-פּאָליטיק פונם צענ-טראַל-קאָמיטעט, וואָס האָט געמאַכט פאר אוממעגלאַך טייקעף (נאָכן 18 מאַרט) אָנצוגרייפן אַף ווערסאַל, — דאָס אַלץ האָט שוין אין עצעם קימאַט פאָרויס באַשטימט די מיליטערישע מאַפּאָלע פון דער קאָמונע.

ל. טראָצקי

פאַריזשער קאָמונע און ראַטן רוסלאַנד.

די פאַריזשער קאָמונע פון 1871 יאר איז געווען דער ערשטער, נאָך שוואַכער, היס-טאָרישער פרווו איינצושטעלן די הערשאַפט פון ארבעטער-קלאַס. דער אנדיינק פון דער קאָמונע איז אונז טייער, ניט געקוקט דערויף, וואָס די דערפאַרונג אירע איז געווען שטאַרק באַגרענעצט, אירע אנטיילנעמער ניט צוגעגרייט, די פראָגראַם צעשוואומען, אָן אייניקייט צווישן די אָנפירער, מיט אומבאהאָלפענע פאַרלוירנקייט אין דער אויספירונג, און איבער דעם איז זי פאַטאַליש געווען פאַרורטיילט צו פולשטענדיקער און שרעקלאַכער פארניכטונג. מיר שעצן אין דער קאָמונע „דעם ערשטן, זאָל זיין נאָר גאָר בלייכן באַגינען פון פראָלעטאַרישער רעפּובליק", ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט לאַווראוו. גאָר אַנדערש איז עס אָבער באַ קאַוטסקין. דער גרעסטער טייל פון זיין ביכל איז געווידמעט דעם גראָב-טענדענציעזן פאַרגלייך צווישן דער קאָמונע און דער ראַטן-מאַכט און די הויפט-מאילעס פון דער קאָמונע זעט ער איין גראָדע אין דעם, וואָס מיר האַלטן עס פאַר דעם אומגליק אירן און פאַר איר שולד.

קאַוטסקי באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז די פאַריזשער קאָמונע פון 1870-1871 יאָרן איז ניט „קינסטלאך" געווען צוגעגרייט, נאָר זי איז געקומען אומדערווארט, געטראָפן די רעוואָ-לוציאָנערן פלוצלינג — ניט אזוי ווי אונזער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע, וואָס איז געווען גוט און זייער געגוי צוגעגרייט דורך אונזער פאַרטיי. דאָס איז עמעס, בעלי שום סאָפעק.

„דערנידעריקן פאַריזש, — שרייבט קאַוטסקי — ניט געבן אים קיין זעלבסטפאַרוואלטונג, צונעמען באַ אים דעם כאַראַקטער פון אַ הויפט-שטאָט, אַנטוואָפענען אים, קעדיי נאָכדעם מיט פולער זיכערקייט וואַגן צו מאַכן אַ מאָנאַרכיסטישע מלוכע-איבערקערעניש — אָט דאָס איז געווען די וויכטיקסטע אופגאַבע פון דער נאַציאָנאַל פאַרזאַמלונג אין איר אויסדערווילטן אָנפירער פון דער אויספיר-מאַכט, טיערן. פון אָט דער לאַגע שטאַמט דער קאָנפליקט, וועלכער האָט געבראַכט צום פאריזשער אופשטאַנד.

„ס'איז קלאָר, אַף וויפל עס אונטערשיידט זיך דערפון דער כאַראַקטער פון דער מלו-כע-איבערקערעניש, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורכן באָלשעוויזם, וועלכער האָט די גאַנצע קראַפט זיינע געצויגן פון דער שטרעבונג צו שאָלעם; וועלכער האָט געהאַט הינטער זיך דאָס פויערטום; וועלכער האָט אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג ניט געהאַט קעגן זיך קיין מאָנאַרכיסטן, נאָר עסערן און מענשעוויסטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

„די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאכט מיט דער הילף פון אַ גוט צוגע-גרייטער מלוכע-איבערקערעניש, וואָס האָט מיט איין קלאַפּ איבערגעגעבן זיי דעם גאַנצן מלוכע-אַפּאַראַט, וועלכן זיי האָבן גלייך אויסגענוצט אפן ענערגישסטן און אומבעראַכמאָ-נעסדיקסטן אויפן, קעדיי צו דערשטיקן זייערע קעגנער".

דעמזעלבן מיין, וואָס טיער האָט געהאַט בענויגייע צו פאַריזש, האָט אויך מיליוקאָוו, וועלכן ס'האָבן אָפן געשטיצט צערעטעלי און טשערנאָוו, געהאט בענעגייע צו פעטערבורגי

זיי אלע — פון קאָרנילאָוון ביז פּאָטרעסאָוון — האָבן טאָג-טעגלאַך געטאינעט, אַז פּעטערבורג האָט זיך אָפּגעריסן פון לאַנד, האָט מיט אים קיין שום שייכעס ניט, איז געוואָרן ביז גאָר אויסגעלאַסן און שטרעבט אָנצובינדן דעם לאַנד זיין ווילן. אַראָפּזעצן און דערניידעריקן פּעטערבורג איז געווען די ערשטע אויפגאַבע פון מיליוקאָוון און פון זיינע מיטהעלפער. און פאָרגעקומען איז עס אין דעם פּעריאָד, ווען פּעטערבורג איז געווען דער עמעסער צענטער פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט נאָך ניט באוויזן צו באַפעסטיקן זיך אין די איבעריקע טיילן פון לאַנד.

מיליוקאָוו האָט, פּונקט ווי טיער, געוואָלט אַנטוואָפענען דעם פּראָלעטאַריאַט. נאָך מער, אין יולי 1917 יאָר איז דער פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט באַ דער פאַרמיטלונג פון קערענסקין, טשערנאָוון און צערעטעלין, טאַקע געווען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַנטוואָפנט. ער האָט זיך טיילוויס נאָך אמאָל באַוואָפנט אין אווגוסט, אין דער צייט פון קאָרנילאָווס אָנגריף אַף פּעטערבורג. און אָט די נייע באוואָפענונג איז געווען אַ ערנסטער עלעמענט אינם צוגרייטן דעם אָקטיאַבער-אויפשטאַנד.

אין וואָס פּאָרט באַשטייט דער אונטערשייד צווישן זיי? פריער פון אלץ אין דעם, וואָס טיערן האָבן זיך זיינע נידערטרעכטיקע פּלענער איינגעגעבן, פּאַריזש האָט ער דערשטיקט און צענדליקער טויזנטער אַרבעטער האָט ער אומגעבראַכט. מיליוקאָוו אָבער איז מיט ביזאַיען צענערעגט געוואָרן, פּעטערבורג איז געבליבן די שטאַרקסטע פעסטונג פון פּראָלעטאַריאַט, און דער אָנפירער פון דער בורזשואַזיע האָט געמוזט פאָרן קיין אוקראַינע מישטאַדל זיין זיך, אַז די כאַיאָלעס פון קייסער זאָלן אָקופּירן רוסלאַנד. אין אָט דעם אונטערשייד ליגט אין אַ גרויסער מאָס אונזער שולד, און מיר זיינען גרייט צו טראָגן פאַר דעם די אַכראַיעס. דער גרונט-אונטערשייד איז באַשטאַנען אויך אין דעם — און דאָס האָט זיך ניט איין מאָל ארויסגעוויזן אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די געשעעניש — וואָס די קאָמונאַרן זיינען ארויסגעגאַנגען מער פון אַלץ פון פּאַטריאָטישע טאַימים אין דער צייט, ווען מיר זיינען שטענדיק געשטאַנען אַפן שטאַנדפּונקט פון צווישנפעלקערלאַכער רעוואָלוציע. די פאַרניכטונג פון דער קאָמונע האָט געבראַכט צום פּאַקטישן צעפאַלן פונם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. דער ניצאָכן פון דער ראַטן-מאַכט האָט געבראַכט צום שאַפן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

די אָקטיאַבער-איבערקערעניש איז פאָרגעקומען נאָך דעם, ווי מיר האָבן אין די ארבעטער און סאָלדאַטן-ראַטן פון פּעטערבורג, מאָסקווע און פון אלע איבעריקע אינדוסטריעלע צענטרען אין לאַנד, אויסגעקעמפט אַ גרעסטע מערהייט און האָבן פאַרוואַנדלט די ראַטן אין מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס, אָנגעפירט דורך אונזער פּאַרטיי. באַ די קאָמונאַרן איז אפילע קיין זייכער דערפון ניט געווען. און ווייטער, האָבן מיר דאָך שוין געהאַט הינטער זיך די העלדישע פּאַריזשער קאָמונע און פונם אונטערגאַנג אירן האָבן מיר פאַר זיך געמאַכט דעם אויספיר, אַז רעוואָלוציאָנערן דאַרפן פאָרויסזען די געשעענישן און זיך צו זיי גרייטן. דאָס איז אויך אונזער שולד.

ווען די קאָמונאַרן וואָלטן גע ז י ג ט מיט דער הילף און מיט בלויזע מיטלען פון גייסטיקער ווירקונג, וואָלט דאַן זייער דערקלערונג באַקומען זייער אַ גרויסע וואָג. דאָס איז אָבער ניט געשען. אין דער ווירקלאַכקייט איז זייער סענטימענטאַלער הומאַניזם געווען נישט מער, ווי די צווייטע זייט פון זייער רעוואָלוציאָנערער פּאַסיווקייט. מענטשן, וועלכע ס'איז באַשערט געווען צו באַקומען די מאַכט אין פּאַריזש און וועלכע האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נויטיק גלייך אויסצונוצן דידאָזיקע מאַכט ביזן סאָף, נאָכיאָגן טיערן און צעקלאַפּן אים אַף טויט, איידער ער האָט נאָך באַוויזן ארומצוקוקן זיך, קאָנצענטרירן אין זייערע הענט דאָס מיליטער, דורכפירן די נויטיקע רייניקונג צווישן דעם קאָמאַנדירן-

באַשטאַנד, פאַרכאַפּן די פּראָווינץ, — אַזעלכע מענטשן האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט אויך קיין נויגונג צו שטרייכגע מיטלען אָפּ צערעכענען זיך מיט די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן.

אין פּעטערבורג האָבן מיר אין אָקטיאַבער 1917 יאָר פאַרכאַפּט די מאַכט קימאַט אָן בלוטפאַרגיסונג און אפילו אָן אַרעסטן. די מיניסטאָרן פון קערענסקיס רעגירונג האָט מען ארויסגעלאָזט אַף דער פרייַ זייער גיך נאָך דער איבערקערעניש. נאָך מער, דער גענעראַל פון די קאָזאַקן קראַסנאָוו, וואָס האָט צוזאַמען מיט קערענסקין געמאַכט אַן אָנגריף אַף פּע-טראָגראַד שוין נאָכדעם, ווי די מאַכט איז איבערגעגאַנגען צו די ראַטן, איז גענומען גע-וואָרן אין געפאַנגענשאַפט אין גאַטשינאַ, און איז אפן צווייטן טאָג באַפרייט געוואָרן אַף זיין ערן-וואָרט.. דאָס איז געווען אַ מין „גרויסמוטיקייט" אין גייסט פון די ערשטע שריט פון דער קאָמונע. נאָר דאָס איז געווען אַ פעלער.

געשטויסן דורך דער לאָגיק פון קאַמף, האָט זיך די קאָמונע פּרינציפּיעל געשטעלט אפן וועג פון ווארפן אַ מוירע. די גרינדונג פונם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלאַכער רעטונג איז פאַר פיל אָנהייגער זיינע דיקטירט געווען דורך אידייע פון רויטן טעראָר. דער קאָמיטעט איז באַשטימט געוואָרן אַף, — „האַקן די קעפּ פון פאַררעטער".

נאָר די ווירקונג פון די טעראָריסטישע מיטלען איז פאַראַליזירט געוואָרן מאַכמעס דער פשאָרעסדיקער פאַרמלאָזיקייט פון די אָנפירנדיקע עלעמענטן פון דער קאָמונע, מאַכ-מעס זייער שטרעבן מיט דער הילף פון נישטיקע פראַזן, איינשטילן די בורזשואַזיע, זי זאָל, הייסט עס, שליסן שאָלעם מיטן געשעענעם פאַקט, מאַכמעס זייער ווארפן זיך צווישן דער פיקציע פון דעמאָקראַטיע און דעם רעאַלקייט פון דיקטאַטור.

ווען די פּאַריזשער קאָמונע פאַלט ניט, נאָר זי האַלט זיך ווייטער, פירנדיק אַ אומאופּ-הערלאַכן קאַמף, איז קיין סאָפעק ניט, אַז זי וואָלט געצווונגען געווען איבערצוגיין צו אלץ מער שטרייכגערע און שטרייכגערע מיטלען אַף צו דערשטיקן די קאָנטער-רעוואָלוציע.

„מיר דאַרפן הערשן איבער אונזערע פיינט דורך מאָראַלישער קראַפט...— האָט גע-פּריידיקט ווערמאָרעל — מ׳טאָר ניט אָנרירן די פרייהייט און דאָס פערזענלאַכע לעבן". שטרעבנדיק ניט צו דערלאָזן די „צווישנבירידערלאַכע מילכאָמע", האָט ווערמאָרעל גערופן די ליבעראַלע בורזשואַזיע, וועלכע ער האָט פריער אזוי אומבערכמאָנעסדיק געשטעמפּלט, זי זאָל שאַפן אַ „ריכטיקע מאַכט, וואָס זאָל אנערקענט ווערן און זיין געשעצט פון דער גאַנצער פּאַריזשער באַפעלקערונג". „זשורנאַל אָפיציעל", וועלכער איז ארויסגעגאַנגען אונ-טער דער אָנפירונג פונם אינטערנאַציאָנאַליסט לאָנגע, האָט געשריבן: „די טרויעריקע מיס-פאַרשטייעניש, וואָס האָט אין די יוני-טעג (1848 י.) באוואָפנט צווייַ געזעלשאַפטלאַכע קלאַסן איינער קעגן אנדערן, קאָן זיך שוין נאָכאמאָל נישט איבערכאַזערן... די קלאַסן-ווידער-שפּרוכן האָבן אופגעהערט צו עקזיסטירן"... (דעם 30 מארט) און ווייטער; „איצט וועלן אַלע קריגערייען פאַרגלעט ווערן. ווייל אלע זיינען איינשטימיק, ווייל ס׳איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי ווייניק סאָציאַלע סינע, סאָציאַלע ווידערשפּרוכן"... (3-טן אפּריל). אַף דער זיצונג פון דער קאָמונע פונם 25 אַפּריל האָט זשווד געהאַט די מעגלאַכקייט, ניט אָן אַ גרונט דערצו, צו באַרימען זיך, אַז די „קאָמונע האָט נאָך קיין איינמאָל ניט געשטערט די רעכט פון אייגנטום". מ׳האָט געהאָפט אַזוי ארום צו דערווערבן די בורזשואַזע געזעלשאַפט-לאַכע מיינונג און געפינען אַ וועג צו אַן אויסגלייך.

„אַזעלכע דראָשעס — באַמערקט גאַנץ ריכטיק לאַווראָוו — האָבן אף קיין האָר ניט געמאַכט אפּהענדיק די פיינט פונם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָבן אויסגעצייכנט גוט פאַר-שטאַנען, מיט וואָס עס שמעקט פאַר זיי דער ניצאָכן זיינער; באַם פּראָלעטאַריאַט אָבער, האָבן זיי אָפּגענומען די ענערגיע פון קאַמף און האָבן אים אזוי ווי אומיסטן פאַרבלענ-דעט די אויגן בענעגייע צו זיינע פאַרביסענע פיינט" (ז. 137)

קאָוטסקי רעדט וועגן די מענשעוויקעס און עסערן, נאָר ער פאַרגעסט דערביי אָן דעם איינציקן פּיינט — אָן די קאָדעטן. גראָדע זיי האָבן פון זיך פאַרגעשטעלט די רוסישע טיער־פּאַרטיי, דאָס הייסט א פאַרבאַנד פון אייגנטימער לשעם אייגנטום, און דער פּראָ־פעסאָר מיליוקאָוו האָט מיט אלע קויכעס זיך באַמיט נאָכצוטאָן דעם קליינינקן גרויטן מענטשן. שוין זייער גיך — גאַנץ לאַנג נאָך פאַר אָקטיאַבר־איבערקערעניש — האָט מילוקאָוו אָנגעהויבן זוכן זיין גאַליפע, פריער אין פערזאָן פון די גענעראַלן קאָרנילאָוו און אַלעקסייעוו, דערנאָך פון קאַלעדין און קראַסנאָוו און, נאָכדעם ווי קאָלטשאַק האָט פאַררוקט אין ווינקל אלע פּאָליטישע פּאַרטייען און האָט צעטריבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָט די קאָדעטישע פּאַרטיי, די איינציקע ערנסטע בורזשואַזע פּאַרטיי, וואָס איז אין טאָך געווען דורך און דורך מאָנאַרכיסטיש, ניט נאָר ניט אָפּגעזאָגט אים אין שטיצע, נאָר זי האָט אים, פאַרקערט, אַרומגערינגלט נאָך מיט גרעסערע סימפּאַטיעס.

איינער פון די מעגושעמסטע, ניט מאָטיווירטע און פּאָליטיש שענדלאַכע פאַרגלייכן, וואָס קאָוטסקי מאַכט צווישן דער קאָמונע און ראַטן־רוסלאַנד, איז שאַייך צום כאַראַקטער פון פאַריזשער אַרבעטער אין 1871 יאָר און פונם רוסישן פּראָלעטאַריער אין 1919 — 1917 יאָרן. דעם ערשטן שילדערט קאָוטסקי ווי א רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַסט, וואָס איז פייאיק צו דערהויבענעם מסירעסנעפעש, זעלבסטאָפּפער, דעם צווייטן — ווי אַן עגאָאיסט, פעלשינדער און סטיכייאישן אַנאַרכיסט.

דער פּאַריזשער אַרבעטער האָט הינטער זיך צו א באַשטימטע פאַרגאַנגענהייט, אַז ער זאָל זיך נויטיקן אין רעוואָלוציאָנערע רעקאָמענדאַציעס אָדער אין דעם, מ׳זאָל אים פּאַרטיידיקן פון קאָוטסקיס לויב. דאָך איז בא דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריער ניטאָ און ס׳קאָנען בא אים ניט זיין, קיינע מאָטיוון דערצו, ער זאָל ניט לאָזן צו פאַרגלייכן זיך מיט זיין העלדישן ברודער. דער אומופהערלאַכער דרייייאָריקער קאַמף פון די פּעטערבורגער אַרבעטער — פריער פאַר אויסקעמפן די מאַכט, דערנאָך פאַר איינהאַלטן זי און פאַרפעסטיקן — שטעלט פאַר מיר זיך דאָס שענסטע בלעטל אין דער געשיכטע פון קאָלעקטיוון העראָיזם זעלבסטאָפּפער, מסירעסנעפעש בא ניט געהערטע ליידן פון הונגער, קעלט און שטענדיקן געפאַר. צוליב זיין פאַרגלייך מיט די בעסטע פון די קאָמונאַרן, נעמט קאָוטסקי די פּינצטערסטע עלעמענטן פונם רוסישן פּראָלעטאַריאַט. אין דער הינזיכט איז ניטאָ קיין שום אונטערשייד צווישן אים און די בורזשואַזע סיקאָפאַנטן, וואָס די געשטאָרבענע קאָמונאַרן האָבן זיך זיי שטענדיק פּאָרגעשטעלט אסאך אייגנעמענער ווי די לעבעדיקע.

דער פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט האָט גענומען די מאַכט אָף פיר מיט א האַלבן צענדליק יאָרן שפּעטער פון דעם פּאַריזשער. אָט די־דאָזיקע צייט האָט אונז געגעבן זייער אַ גרויסע איבערוואָג. דער באַלמעלאָכישער קליינבירגערלאַכער כאַראַקטער פון דעם אַלטן און טיילווייז אויך פון דעם נייעם פּאַריזש איז געווען לאַכלוטן פרעמד פּעטערבורג, דעם צענטער פון דער סאַמע קאָנצענטרירטער אינדוסטריע אין דער וועלט. אָט די אומשטענדן האָבן אונז שטאַרק פאַרגרינגערט די אופגאַבן סיי פון אַגיטאַציע און אָרגאַניזירונג, סיי אויך פון איינשטעלן די ראַטן־סיסטעם.

אונזער פּראָלעטאַריאַט האָט אפילע אין דער קלענסטער מאָס ניט געהאַט די רייכע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פונם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט. נאָר דערפאַר איז באַם עלטערן דור פון אונזערע אַרבעטער נאָך געווען צו פריש אין זיקאָרן די גרויסע דערפאַרונג פון 1905־טן יאָר, זיין דורכפאַל, און דער נעקאָמע־כויוו, וואָס איז פון אים פאַרבליבן בעיערושע.

די רוסישע אַרבעטער האָבן ניט דורכגעמאַכט, ווי די פראַנצויזישע, קיין לאַנגע שול פון דעמאָקראַטיע און פּאַרלאַמענטאַריזם, וועלכע איז אין אַ געוויסער עפּאָכע געווען פאַרן

פּראָלעטאַריאַט א וויכטיקער פאַקטאָר פון פּאָליטישער קולטור. פון דער צווייטער זייט אָבער, האָט אין הארצן פון רוסישן אַרבעטער-קלאַס ניט באַוויזן אַריינצודרינגען די פאַרביטערטקייט פון אנטוישונג און דער סאַם פון סקעפּטיציזם, וואָס פּענטעט נאָך ביז אַ געוויסן מאָמענט, — לאָמיר האָפן, שוין ניט קיין ווייטן, — דעם רעוואָלוציאָנערן ווילן פון פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט.

די פּאַריזשער קאָמונע איז געקומען צו א מיליטערישן קראַך, נאָך איידער ס'האָבן זיך פאר איר אין דער גאַנצער גרויס געשטעלט די עקאָנאָמישע פראַגן. ניט קוקנדיק אף דער גרויסער קאָמפּספּייאיקייט פון די פּאַריזשער ארבעטער, איז דער מיליטערישער גוירל פון דער קאָמונע געוועזן פאָרויס באַשטימט, אַלס האָפנונגסלאָזער. די וואַקלענישן און פשאָרע-מאַכעריי פונויבן האָבן געבראַכט צו אַ צעפאַלונג פון אונטן.

אַזא רעזשים האָט ניט געקאָנט בלייבן ניט באַשטראָפט: די קאָמונע איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט. נאָר דאָ האט קאַוטסקי א אויסגעצייכנטע טרייסט:

„האַלטן מילכאָמע — זאָגט ער, שאָקלנדיק מיטן קאָפּ — איז באַם פּראָלעטאַריאַט ביכ-לאַל ניט די שטאַרקסטע זייט זיינע”.

אין אָט דעם אַפאָריזם האָבן מיר, אייגנטלאך, דעם הייגטיקן קאַוטסקי אינגאַנצן, פון אָנהויב ביז סאָף. מילכאָמע האַלטן, פאַרשטייט איר, איז ניט די שטאַרקסטע זייט פון פּראָלעטאַריאַט, ביפראַט, אז דער אינטערנאַציאָנאַל אַליין איז אויך געשאַפן געוועזן ניט פאר מילכאָמע-עפּאָכע. קאַוטסקיס שיף איז געבויט פאר סאַזשעלקעס און רויקע וואַסערן און ניט פארן ברויזנדן יאַם, און ניט פאר א שטורמישער עפּאָכע. אויב די שיף זיינע איז אָנגעבראָכן געוואָרן, האָט אָנגעהויבן צו רינען און גייט איצט בעשאָלעם צום גרונט, איז שולדיק אין דעם דער שטורם, דאָס איבעריקע וואַסער, די שטאַרקייט פון דער כוואַליע און א ריי אַנדערע ניט פאראויסגעזעענע סיבעס, פאר וועלכע קאַוטסקי האָט ניט איינגעפּאַסט זיין אויסגעצייכנטן אינסטרומענט.

האַלטן מילכאָמע איז ניט געווען די שטאַרקע זייט פון דער קאָמונע. און טאַקע דער-פאר איז זי געוואָרן צעשלאָגן... און נאָך ווי אַזוי אומבעראַכמאָנעסדיק צעשלאָגן;

„האַלטן מילכאָמע איז דאָך באַם פּראָלעטאַריאַט ניט די שטארקסטע זייט זיינע”.

ניט ריכטיק! די רוסישע אַרבעטער האָבן דערוויזן, אַז זיי קאָנען באַהערשן אויך דעם „מילכאָמע-אינסטרומענט”. דאָ זעען מיר א ריזיקן שריט פאָרויס אין פארגלייך מיט דער קאָמונע. דאָס הייסט ניט אָפּשאָקלען זיך פון דער קאָמונע, וואָרום די טראַדיציעס פון דער קאָמונע זיינען ניט אין איר אומבאַהאָלפנקייט —נאָר אינם פירן ווייטער איר זאַך. די קאָמונע איז געווען שוואַך, קעדיי צו פאַרענדיקן איר זאַך, זיינען מיר געוואָרן שטאַרק. די קאָמונע האָט מען צעשלאָגן, און מיר געבן א קלאַפּ נאָך א קלאַפּ די טאַליאָנים פון דער קאָמונע. מיר טראָגן נעקאָמע פאר דער קאָמונע און מיר וועלן זיך נויקעם זיין פאר איר.

נ. לענין

וואס לערנט אונז די פאריזשער קאמונע

ס'איז באוווסט, אַז מיט עטלאַכע כאַדאָשים פאַר דער קאָמונע, אין הארבסט 1870-טן יאָר, האָט מאַרקס געוואָרנט די פאַריזשער אַרבעטער און דערוויזן זיי, אַז די פּרווו אַראָפּ-צוּוואַרפן די רעגירונג וואָלט געווען נארישקייט פון ייעש. נאָר בעיס מ'האָט אין מאַרט 1871 י. אָנגעבּונדן די ארבעטער דעם אנטשיידענעם שלאכט און זיי האָבן אים אָנגענומען, בעיס דער אופשטאַנד איז געוואָרן אַ פאַקט, האָט מאַרקס מיט דער גרעסטער היספּאַילעס באַגריסט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, ניט קוקנדיק אַף די שלעכטע פּאָרצייכנס.

נאר מאַרקס איז בלויז געווען אנטציקט פון דער העלדישקייט פון די קאָמונאַרן, וועלכע האָבן, לויט זיין אויסדרוק, „געשטורעמט דעם הימל". די רעוואָלוציאָנערע מאסן-באוועגונג, האגאם זי האָט ניט דערגרייכט איר ציל, האָט ער באַטראַכט ווי אַ אויסערסט וויכטיקן היסטאָרישן פּרווו, ווי אַ באַשטימטן שריט פאָרויס פון דער אלוועלטלאַכער פּראָ-לעטאַרישער רעוואָלוציע, ווי אַ פּראַקטישן שריט, וועלכער איז אַסאַך וויכטיקער פון הונ-דערטער פּראגראַמען און כקירעס. אַנאַליזירן אָט דעם פּרווו, אַרויסבאַקומען פון אים דערפאַרונג פאַר טאַקטיק, איבערקוקן אפן סמאַך פון אים די אייגענע טעאָריע — אָט ווי אַזוי מאַרקס האָט זיך געשטעלט די אופגאַבע.

די איינציקע „אויסבעסערונג" צום קאָמוניסטישן מאניפעסט, וועלכע מארקס האָט גע-האַלטן פאַר נויטיק צו מאַכן, איז געמאַכט געוואָרן אַפן סמאַך פונם רעוואָלוציאָנערן פּרווו פון די פאַריזשער קאָמונאַרן.

די לעצטע האַקדאָמע צו דער נייער דייטשער אויסגאַבע פון „קאָמוניסטישן מאניפעסט", וואָס איז אונטערגעשריבן פון ביידע מעכאַברים זיינע, איז דאטירט 24-טן יוני 1872 יאָר. אין דערדאָזיקער האַקדאָמע זאָגן די מעכאַברים, קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, אַז די פּראגראַם פונם קאָמוניסטישן מאַניפעסט איז „ערטערווייס שוין פאַרעלטערט".

„באזונדערס, — זאָגן זיי ווייטער — האָט די קאָמונע באַוויזן, אַז דער אַרבעטער-קלאַס קאָן ניט פּאָשעט נאָר פאַרכאַפּן די גרייטע מעלוכע-מאַשין און לאָזן זי אין גאַנג צוליב זיינע אייגענע צוועקן".

הייסט עס, אַז מאַרקס און ענגלס האָבן איין גרונט און הויפּט-דערפאַרונג פון דער פאַריזשער קאָמונע געהאַלטן פאַר אַזאַ געוואַלדיק וויכטיקע, אַז זיי האָבן זי אַריינגעטראָגן, ווי אַ נויטיקע אויסבעסערונג צום קאָמוניסטישן מאַניפעסט.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס גראדע אָט די וועזנטלאַכע אויסבעסערונג איז געווען געפעלשט דורך די אפּאָרטוניסטן, און איר קאוואָנע איז געוויס ניט באקאנט ניין צענטל אויב ניט ניין און נייַנציק הונדערטל פון די לייענער פון „קאָמ. מאַניפעסט".

12-טן אַפּריל 1871 י., ד. ה. פונקט אין דער צייט פון דער קאָמונע, האָט מאַרקס געשריבן קוגעלמאַנען:

„אויב דו ווע‎סט אריינקוקן אין דעם לעצטן קאַפּיטל פון מיין „18-טער ברומער", וועסטו זעען, אַז אַלס וויטערדיקן פּרווו פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דערקלער איך: נישט איבערגעבן פון איינע הענט אין די צווייטע די ביוראָקראַטיש-מיליטערישע מאַשין, ווי דאָס איז געווען ביזאַהער, נאָר צעברעכן זי, און נאָר דאָס איז דער פאָרבאַ-דינג פאַר יעדער עמעסער פאָלק-רעוואָלוציע אַפן קאָנטינענט. גראַד אין דעם באַשטייט טאַקע דער פּרווו פון אונזערע העלדישע פּאַריזשער כאַווירים".

אין אָט די ווערטער „צעברעכן די ביוראָקראַטיש-מיליטערישע מאַשין" איז אין קורצן אויסגעדריקט די הויפּט-לערע פון מאַרקסיזם אין דער פראַגע וועגן די אויפגאַבן פון פּראָ-לעטאַריאַט בענויגייע צו דער מעלוכע בעייס דער רעוואָלוציע. און גראַדע אָט די לערע איז ניט נאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, נאָר פאַשעט טאַקע צעקאַליעטשעט דורכן הערשנדיקן „קאַוטסקי-אויסטייטש" פון מאַרקסיזם!

די דערפאַרונג פון דער קאָמונע, ווי קליין זי איז ניט געווען, ווערט זי דורך מאַרקסן אַנאַליזירט אין זיין „בירגער-קריג אין פראַנקרייך" אַפן אופמערקזאַמסטן אויפן. מיר ברענגען די וויכטיקסטע שטעלן פון דעמדאָזיקן ווערק:

„די קאָמונע איז געווען פונקט דער הייפּעך פון דער אימפּעריע. זי איז געווען אַ באַשטימטע פאָרם פון אַזאַ רעפּובליק, וועלכע האָט געדאַרפט ניט נאָר באַזייטיקן די מאָ-נאַרכיסטישע פאָרם פון קלאַסן-הערשאַפט, נאָר אויך די קלאַסן-הערשאַפט גופע".

אין וואָס זשע איז באַשטאַנען אָט די „באַשטימטע" פאָרם פון דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק? וואָס אַזוינס איז געווען אָט די מעלוכע, וואָס זי האָט אָנגע-הויבן בויען?

„דער ערשטער דעקרעט פון דער קאָמונע איז געווען — אָפּצושאַפן דאָס שטענדיקע מיליטער און פאַרבייטן אים מיטן באַוואָפנטן פאָלק"...

„די קאָמונע איז געבילדעט געוואָרן פון שטאָטישע ראַטמענער, וואָס זיינען אויסגע-וויילט געוואָרן אין פאַרשיידענע באַצירקן פון פּאַריז דורך אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג. זיי זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלאַך און צו יעדער צייט האָט מען זיי געקאָנט אַראָפּזעצן. די מערהייט זייערע איז באַשטאַנען, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, פון אַרבעטער אָדער פון אָנערקענטע פאָרשטייער פונם אַרבעטער-קלאַס"...

„בא דער פּאָליציי, וואָס איז ביזאַהער געווען אַ געצייג פון דער מעלוכע-רעגירונג, האָט מען גלייך אָפּגענומען אַלע אירע פּאָליטישע פונקציעס און זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַראַנטוואָרטלאַכן אָרגאַן פון דער קאָמונע, וואָס קאָן צו יעדער צייט פאַר-ביטן ווערן".

„דאָסזעלבע — די באַאַמטע פון אלע איבעריקע פאַרוואַלטונגס-צווייגן... אָנגעהויבן פון די מיטגלידער פון דער קאָמונע, פון אויבן ביז אַראָפּ, האָט די געזעלשאַפטלאַכע אַמט געדאַרפט אויסגעפירט ווערן פאַרן אַרבעט-לוין פון אַן אַרבעטער... נאָך דעם, ווי ס'זיינען באַזייטיקט געוואָרן דאָס שטענדיקע מיליטער און די פּאָליציי, אָט דאָס געצייג פון מאַ-טעריעלער מאַכט פון דער אַלטער רעגירונג, האָט זיך די קאָמונע גלייך גענומען צו צע-ברעכן | אָס געצייג פון גייסטיקער אונטערדריקונג, די קראַפט פון די גאַלאָכים... די געריכט-באַאַמטע האָבן אָנגעוואוירן זייערע קלוימערשטע אומאָפּהענגיקייט... אף ווייטער האָבן זיי געדאַרפט אויסגעוויילט ווערן עפנטלאַך, זיין פאַראַנטוואָרטלאַך און אַראָפּ-זעצבאַר"...

קומט אויס, הייסט עס, אַז די קאָמונע האָט פאַרביטן די צעבראָכענע מעלוכע-מאַשין „נאָר" מיט אַ מער פולער דעמאָקראַטיע: אָפּגעשאַפן די שטענדיקע אַרמיי, איינגעשטעלט, אַז אַלע באַאַמטע ווערן אויסגעוויילט און קאָנען אַראָפּגעזעצט ווערן. אין דערעמעסן אָבער

באַטייט אָט דערדאָזיקער „נאָר" אַ ריזיקן אומבייט פון איינע איינריכטונגען דורך איינ־ריכטונגען, וואָס זיינען אין טאָך גאָר פון אַן אַנדער מין. דאָ קאָן מען זען גראַדע איי־נעם פון די פאַלן, ווען „קאַמוס ווערט פאַרוואַנדעלט אין אייכוס": אַ דעמאָקראַטיע, וואָס איז דורכגעפירט מיט דער גרעסטער פולקייט און אויסגעהאַלטנקייט, אַף וויפל דאָס איז ביכלאַל מעגלאַך, ווערט פאַרוואַנדלט פון אַ בורזשואַזער דעמאָקראַטיע אין אַ פּראָלע־טאַרישער, פון אַ מעלוכע (ד. ה. אַ באַזונדערע קראַפט אַף דערשטיקן אַ באַשטימטן קלאַס) אין עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז שוין אייגנטלאַך קיין מעלוכע ניט.

דערשטיקן די בורזשואַזיע און איר ווידערשטאַנד איז נאָך אַלץ נויטיק. פאַר דער־קאָמונע איז עס געווען באַזונדערס נויטיק, און אייגע פון די סיבעס, וועלכע האָבן גע־בראַכט צו איר מאַפּאָלע, באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט עס געטאָן ניט גענוג אַנט־שלאָסן. נאָר דער אונטערדריקונגס־אָרגאַן איז דאָ שוין די מערהייט פון דער באַפעלקע־רונג, און ניט די מינדערהייט, ווי דאָס איז געווען שטענדיק, סיי אין דער שקלאַפן־צייט, סיי באַ דעם לייב־אייגנטום, סיי באַ דער געדונגענער אַרבעט. און ווי באַלד די מערהייט פון פאָלק דערשטיקט אַליין אירע אונטערדריקער, איז שוין קיין „באַזונדערע קראַפט" צוליב דערשטיקן ניט נויטיק. אין דעם זין הויבט די מעלוכע אָן אָפּצושטאַרבן.

דאָס, וואָס אַלע באַאַמטע, אָן אויסנאַם, ווערן אויסגעוויילט, וואָס זייערע סכירעס איז פאַרקלענערט ביז „אַ געוויינלאַכן אַרבעט־לוין פון אַן אַרבעטער", אָט די פּאָשעטע און „זעלבסטפאַרשטענדלאַכע" דעמאָקראַטישע מאָסמיטלען פאַראייניקן אינגאַנצן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פונם ראָוו פויערים און דינען אין דערזעלבער צייט פאַר אַ בריקל, וואָס פירט פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם.

„די קאָמונע — האָט געשריבן מאַרקס — האָט געדאַרפט זיין ניט קיין פאַרלאַמענטאַרישע, נאָר אַן אַרבעטנדיקע קאָרפּאָראַציע, וואָס גיט אין דערזעלבער צייט אַרויס אויך געזעצן און פירט זיי אויס"...

„אנשטאט צו באשטימען איינמאָל אין דריי אָדער זעקס יאָר, וואָסער אַ מיטגליד פון הערשנדיקן קלאַס דאַרף פאַרטרעטן און צעטרעטן דאָס פאָלק אין פאַרלאמענט, אנשטאט דעם דאַרף דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט דינען דעם פאָלק, וואָס איז אָרגאַניזירט אין קאָ־מונעס, קעדיי אָפּצוזוכן פאַר זיין אונטערנעמונג אַרבעטער, אופזעער, בוכהאַלטערס, פּונקט אַזוי, ווי דאָס אינדיווידועלע וואַלרעכט דינט צוליב דעמזעלבן צוועק יעטווידן אַרבעט־געבער".

דער אויסוועג פון פאַרלאמענטאריזם באשטייט, פאַרשטייט זיך, ניט אין דעם, וואָס עס ווערן אָפּגעשאַפן פאַרטרעטונגס־אנשטאַלטן און וואלן, נאָר אין דעם, וואָס די פאַרטרע־טונגס־אנשטאַלטן ווערן פאַרוואַנדלט פון דראָשע־הייזער אין אַרבעט־אנשטאַלטן.

די קאָמונע פאַרבייט דעם פאַרקויפלאַכן און צעפוילטן פאַרלאַמענטאַריזם פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אַף אַנשטאַלטן, ווו די פרייהייט פון טראַכטן און באטראַכטן ווערט ניט פאַרוואַנדלט אין אַ אָפּנאַרערײ, וואָרום די פאַרלאַמענטאַריער מוזן אַליין אַרבעטן, אַליין אויספירן זייערע געזעצן, אַליין קאָנטראָלירן, ווי אַזוי באַקומט עס זיך אין לעבן, אליין דירעקט טראָגן דעם אכראַיעס פאַר זייערע וויילער. די פאַרטרעטונגס־אַנשטאַלטן בלייבן; נאָר קיין פאַרלאַמענטאַריזם, ווי אַ באַזונדער סיסטעם, ווי אַ צעטיילונג צווישן געזעצגעבערישער און אויספירנדיקער אַרבעט איז דאָ ניטאָ.

ס'איז זייער באַלערנדיק, וואָס, ריידנדיק וועגן די פונקציעס פון יענע באַאַמטע, וועלכע זיינען נויטיק סיי דער קאָמונע, סיי דער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע, נעמט מאַרקס צוליב אַ פאַרגלייך אָנגעשטעלטע, „פון יעדער אנדערן ארבעטגעבער", ד. ה. אַ געוויינ־לאַכע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג מיט „ארבעטער, אופזעער און בוכהאַלטערס".

בײַ מאַרקסן איז ניטאָ קיין בר״עקל אוטאָפּיזם, — אין דעם זין, אַז ער זאָל אויסטראַכטן, אויספאַנטאַזירן אַ „נייע״ געזעלשאַפט. ניין, ער שטודירט, ווי אַ נאַטור־געשיכטלאַכן פּראָצעס, ווי אַזוי פון דער אַלטער געזעלשאַפט ווערט געבוירן אַ נייע, די איבערגאַנג־פאָרמען פון איינער צו דער צווייטער. ער נעמט די פאַקטישע דערפאַרונג פון אַ פּראָלעטאַרישער מאַסן־באַוועגונג און באַמיט זיך אַרויסצובאַקומען פון זיי די פּראַקטישע אויספירן. ער „לערנט זיך״ בײַ דער פּאַריזשער קאָמונע, פּונקט ווי אַלע גרויסע רעוואָלוציאָנערע דיינקער האָבן ניט מוירע געהאַט צו לערנען זיך אַף דער דערפאַרונג פון גרויסע באַוועגונגען פונם אונטערדריקטן קלאַס, און ער קומט צו זיי קיינמאָל ניט מיט קיין פּעדאַנטישן „מוסער״ (ווי פּלעכאַנאָוו, לעמאָשל, מיט זיין: „מ׳האָט ניט געטאָרט זיך נעמען פאַרן געווער״, אָדער צערעטעלי מיט זיין: „אַ קלאַס דאַרף זיך זעלבסטבאַגרעניצן״).

וועגן דעם, אַז באַאַמטע זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן מיטאַמאָל און אומעטום, ביזן סאָף, קאָן קיין רייד ניט זיין. דאָס איז אַ אוטאָפּיע. נאָר צעברעכן מיטאַמאָל די אַלטע אַמט־מאַשין און גלייך אָנהויבן בויען אַ נייע, וואָס זאָל געבן אַ מעגלאַכקייט ביסלאַכווייס מאַכן צו נישט יעטוועדן באַאַמטנטום, דאָס איז נישט קיין אוטאָפּיע, דאָס איז די דערפאַרונג פון דער קאָמונע, דאָס איז די דירעקטע אויפגאַבע פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, די אויפגאַבע, וואָס שטייט אַפן סיידער האַיאָם.

זאָלן מיר, אַרבעטער, אַליין אָרגאַניזירן די גרויס־פּראָדוקציע, אַרויסגייענדיק דערפון, וואָס ס׳איז שוין געשאַפן דורכן קאַפּיטאַליזם, און אָנשפּאַרנדיק זיך דערביי אַף אונזער אַרבעט־דערפאַרונג, איינפירן די שטרייגנסטע, אייזערנע דיסציפּלין, וועלכע ווערט אונטערגעהאַלטן דורך דער מעלוכע־מאַכט פון די באַוואָפנטע אַרבעטער, לאָמיר פון די מעלוכע־באַאַמטע מאַכן פּאָשעטע אויספירער פון אונזערע אויפטראַגן, פאַראַנטוואָרטלאַכע, מיט אַ באַשיידענעם לוין, „אויפזעערס און בוכהאַלטערס״, וואָס קאָנען שטענדיק אַראָפּגעזעצט ווערן (פאַרשטייט זיך, מיט טעכניקער פון אַלע סאָרטן, מינים און מאַדרייגעס) — אָט דאָס איז אונזער פּראָלעטאַרישע אויפגאַבע, אָט פון וואָס מ׳קאָן און מ׳דאַרף אָנהויבן בעיס מען מאַכט אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

„אינם קורצן אָפּשניט פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס די קאָמונע האָט קיין צייט ניט געהאַט ווייטער צו באַאַרבעטן, ווערט באַשטימט געזאָגט, אַז די קאָמונע האָט... געדאַרפט ווערן די פּאָליטישע פאָרם אפילע פאַרן קלענסטן דאָרף. פון דידאָזיקע קאָמונעס האָט געזאָלט געקליבן ווערן די „נאַציאָנאַלע דעלעגאַציע״ אין פּאַריזש.

„די אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דעם, מ׳זאָל פון דער אַלטער רעגירונגס־מאַכט אָפּהאַקן די אונטערדריקונג־אָרגאַנען, און די געזעצמעסיקע פונקציעס אירע צונעמען בײַ אַזאַ מאַכט, וואָס שטרעבט צו שטיין איבער דער געזעלשאַפט. און איבערגעבן זיי צו די פאַראַנטוואָרטלאַכע דינער פון דער געזעלשאַפט״.

פון פעדעראַליזם איז אין די געבראַכטע געדאַנקען פון מאַרקסן וועגן דער פּאַריזשער קאָמונע אפילע קיין זייכער נישטאָ.

מאַרקס צעגייט זיך מיט פּרודאָנען און מיט באַקונינען גראָדע אין דער פראַגע וועגן פעדעראַליזם (וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז שוין אָפּגערעדט). פון די קליינבירגערלאַכע אַנשויאונגען פונם אַנאַרכיזם דרינגט דער פעדעראַליזם אַרויס פּרינציפּיעל. מאַרקס איז אַ צענטראַליסט.

פאַרניכטן די מעלוכע־מאַכט, וואָס איז געווען „פּאַראַזיטישע ווילדפליייש״, „אָפּהאַקן זי, „פאַרטיליקן זי״, „די מעלוכע־מאַכט ווערט איצט איבעריק״ — אָט אין וואָסערע אויסדרוקן מאַרקס רעדט וועגן דער מעלוכע, ווען ער שאַצט אָפּ און אַנאַליזירט די דערפאַרונג פון דער קאָמונע.

דאָס אַלץ איז געשריבן געוואָרן באַ אַ פופציק יאָר צוריק, און איצט קומט אויס קימאַט אויסגראָבונגען מאַכן, קעדיי צו ברייגנגען צום באַוווסטזיין פון די ברייטע מאַסן דעם נישט געפעלשטן מאַרקסיזם. די אויספירן, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרן אפן סמאַך פון באַאָבאַכטונגען איבער דער לעצטער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס מאַרקס האָט זי אליין איבערגעלעבט, זיינען פאַרגעסן געוואָרן גראָד דעמאָלט, ווען ס'איז געקומען די צייט פון ווייטערדיקע גרויסע רעוואָלוציעס פונם פראָלעטאַריאַט.

די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די אויסטייטשן, וואָס די קאָמונע האָט ארויסגערופן, און די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די אינטערעסן, וואָס האָבן אין איר געפונען זייער אויסדרוק, באַווייזט, אַז זי איז געווען אַ אויסערסט בויגעוודיקע פּאָליטישע פאָרם, אין דער צייט, ווען אַלע פריערדיקע רעגירונג-פאָרמען זיינען געווען, לויט זייער עצעם, אונטערדריקערישע. דער עמעסער סאָד אירער איז געווען אָט וואָס: זי איז געווען, אין טאָך גענומען, אַ ר ע ג י ר ו נ ג פ ו נ ם א ר ב ע ט ע ר - ק ל אַ ס, אַ רעזולטאַט פונם קאַמף צווישן דעם קלאַס, וואָס פּראָדוצירט, און דעם קלאַס, וואָס פאַרייגנט. זי איז געווען אָט די ארויסגעפונענע פּאָליטישע פאָרם, באַ וועלכער סע קאָן פאָרקומען די עקאָנאָמישע באַפרייַונג פון דער אַרבעט"... „אָן אָט דעם לעצטן באַדינג וואָלט די קאָמונאַלע אָרדענונג געווען אַ אומעגלאַכקייט און אַ אָפּנאַרעריי".

און ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן-באוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט, איז ניט געקוקט דערויף, וואָס די באַוועגונג האָט זיך ניט איינגעגעבן, ניט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט געדויערט אַזאַ קורצע צייט, און די שוואַכקייט אירע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, האָט מאַרקס אָנגעהויבן צו שטודירן די פאָרמען, וואָס זי האָט אנטפּלעקט.

די קאָמונע איז די דורך דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע „ענדלאַך ארויסגערופענע" פאָרם, באַ וועלכער סע קאָן פאָרקומען די עקאָנאָמישע באפרייַונג פון דער ארבעט.

די קאָמונע איז דער ערשטער פרווו פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע צו צעברעכן די בורזשואַזע מעלוכע-מאַשין, און די „ענדלאַך אַרויסגערופענע" פּאָליטישע פאָרם, וועלכע קאָן און דאַרף פאַרבייטן דאָס צעבראָכענע.

די רוסישע רעוואָלוציעס פון 1905 און 1917 יאָרן פירן ווייטער, — באַ אנדערע אומשטענדן און באַ אנדערע באַדינגונגען, — די ארבעט פון דער קאָמונע און באַשטעטיקן דעם געניאַלן היסטאָרישן אַנאַליז פון מאַרקסן.

קאַרל מארקס

די קאָמונע — אַ רעגירונג פון ארבעטער-קלאַס

18-טן מארץ 1870 יאָר אינדערפרי האָט זיך פאַריזש אופגעכאַפּט פון דונערנדיקע אויסגעשרייען: זאָל לעבן די קאָמונע!". וואָס איז עס אזוינס די קאָמונע, אָט דער ספינקס, וואָס האָט געשטעלט פאַר די בורזשואַזע מויכעס אַזאַ שווערע אופגאַבע?

„די פאַריזשער פּראָלעטאַריער — זאָגט דער צענטראַל-קאָמיטעט אין זיין מאַניפעסט פון 18-טן מארץ — האָבן, זעענדיק די מאַפּאָלע און דעם פאַרראַט פון די הערשנדיקע קלאַסן, פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געקומען די שאָ, ווען זיי אַליין מוזן ראַטעווען דאָס לאַנד, איבערנעמענדיק אין זייערע אייגענע הענט די אָנפירונג מיט די געזעלשאַפטלאַכע איניאָנים... זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַף זיי איז ארופגעלייגט דערדאָזיקער כויוו, אַז זיי געהערט דאָס פולע רעכט צו ווערן באַלעבאַטים פון זייער אייגענעם גוירל און נעמען אין זייערע הענט די רעגירונגס-מאַכט".

נאָר דער אַרבעטער-קלאַס קאָן ניט פּאָשעט פאַרכאַפּן די גרייטע מלוכע-מאשין און צווינגען זי צו באַדינען זיינע אייגענע צוועקן.

די צענטראַליזירטע מעלוכע-מאכט מיט אירע אומעטומיקע אָרגאנען, וואָס זיי זיינען געבויט אַפן פּרינציפּ פון סיסטעמאַטישער און יעראַרכישער אַרבעט-צעטיילונג: מיט איר שטענדיקער אַרמיי, פּאָליציי, ביוראָקראַטיע, גאַלאָכים און ריכטער — עקזיסטירט נאָך פון די צייטן פון אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, ווען זי האָט געדינט דער אופגעקומענער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ווי אַ מעכטיק געווער אין איר קאַמף קעגן דעם פעאָדאַליזם. די פּרעראָגאַטיוון אָבער פון די פּריצים און אדל-לייט, די אָרטיקע פּריווילעגיעס, די שטאָטישע און צעכן-מאָנאָפּאָליעס און די פּראָווינציעלע קאָנסטיטוציעס — אָט די רעשטלאַך פון מיטלעלטער האָבן איר אַנטוויקלונג פאַרהאַלטן. דער ריזן-בעזים פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע פון 18 יאָרהונדערט האָט אויסגעקערט דאָס אמאָליק מיסט פון די לאַנגפארגאַנגענע יאָרן און האָט אַזוי ארום אָפּגערייניקט דעם געזעלשאַפטלאכן באָדן פון די לעצטע מעניעס, וואָס זיינען געשטאַנען אַפן וועג צום אופבויען דעם מאָדערנעם מעלוכע-ביניען. אָט דער ביניען איז פאַרטיק געוואָרן באַ דער ערשטער אימפּעריע, וואָס זי, פון איר זייט, איז ארויסגערופן געוואָרן צום לעבן דורך די קאָאַליציע-מילכאָמעס פון דער אלטער האַלבפעאָדאַלער אייראָפּע מיטן נייעם פראנקרייך.

באַ דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון מאכט-פאָרמען איז די רעגירונג אַוועקגעשטעלט געוואָרן אונטערן קאָנטראָל פון פאַרלאַמענט, ד. ה. אונטערן דירעקטן קאָנטראָל פון די פאַרמעגלאכע קלאַסן.

פון איין זייט איז די רעגירונג געוואָרן אַ קוואַל פון אָנצאָליקע מלוכע-כויוועס און שווערע שטייערן, די סיבע פון שטענדיקע קריגערייען צווישן די קאָנקורירנדיקע פראַקציעס און די אַוואַנטיוריסטן פון די הערשנדיקע קלאַסן, וועלכע האָבן זיך צו איר געצויגן

צוליב איר אַדמיניסטראַטיווער קראַפט, צוליב די האַכנאָסעס און די אַמטן, וואָס זי האָט
געהאט אין איר רעשוס. פון דער צווייטער זייט האָט זיך, אונטער דער ווירקונג פון
עקאָנאָמישער ענדערונג, געביטן אויך איר פּאָליטישער כאַראַקטער. אין דער מאָס, וואָס
דער פּראָגרעס פון דער מאָדערנער אינדוסטריע האָט אַנטוויקלט, פאַרברייטערט און פאַר-
טיפערט די קלאַסן-הייפּוכים פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, האָט די מלוכע-מאַכט אַלץ מער און
מער באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ געזעלשאַפטלעכער קראַפט, וואָס דינט אַף אונטער-
צודריקן דעם אַרבעטער-קלאַס, אַ כאַראַקטער פון געווער פאַר דער קלאַסן-הערשאַפט. נאָך
יעדער רעוואָלוציע, וועלכע איז אַ טריט פאָרויס אינם קלאַסן-קאַמף, ווערט דער כאַראַק-
טער פון דער מעלוכע-מאַכט, אַלס בלויזער אונטערדריקונגס-מיטל, אַלץ בוילעטער און
בוילעטער. די רעוואָלוציע פון 1830 יאָר האָט צוגענומען די מאַכט בײַ די ערד-באַזיצער
און האָט זי אָפּגעגעבן די קאַפּיטאַליסטן, ד. ה. צוגענומען בײַ די מער ווייטערע סאָנים
פון אַרבעטער-קלאַס און אָפּגעגעבן זי די מער דירעקטע סאָנים זײַנע. די בורזשואַזע רע-
פּובליקאַנער האָבן אין נאָמען פון דער פעווראַל-רעוואָלוציע פאַרכאַפּט די מעלוכע-מאַכט און
האָבן זי אויסגענוצט אַף צו שאַפן די יוני-שכיטע. מיט אָט דער שכיטע האָבן זיי באַוויזן
דעם אַרבעטער-קלאַס, אַז פאַר אים איז די „סאָציאַלע" רעפּובליק — סאָציאַלע אונטערדרי-
קונג דורך דער רעפּובליק, און די בורזשואַזע מאָנאַרכיסטן מיט די ערדבאַזיצער — אַז זיי
קאָנען אָן שום ספייקעס איבערלאָזן פאַר די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער הען די דייַגעס, הען
די געלט-רעוואָכים פון רעגירן. נאָר נאָך די יוני-גוווּרעס האָבן די בורזשואַזע רעפּובליקאַ-
נער פון די ערשטע רייען אין דער „אָרדענונג-פּאַרטיי" געמוזט איבערגיין אין די לעצטע
רייען פון דער קאָאַליציע, געשאַפן פון אַלע קעמפנדיקע פראַקציעס און פּאַרטייען פון די
פאַרמעגלאַכע קלאַסן, וואָס האָבן זיך איצט שוין אָפן געשטעלט קעגן די פּראָדוצירנדיקע
קלאַסן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאַסנדסטע פאָרם פאַר זייער געמיינזאַמען רעגירן איז
די פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק מיט לואי באָנאַפּאַרט, ווי אַ פּרעזידענט, בעראָש. דאָס איז
געווען אַ רעגירונג פון אָפענעם טעראָר און פון בעקיוונדיקן דערנידעריקן דעם „מיעסן
האַמוין". לויט טיערס אויסדרוק, איז די פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק געווען אַזאַ פאָרם
פון רעגירן, וואָס ווייניקער פון אַלע אַנדערע האָט זי געשאַפן מעכיצעס צווישן פאַרשיי-
דענע פראַקציעס פון הערשנדיקן קלאַס, נאָר דערפאַר אָבער האָט זי געעפנט אַ טהאָם
צווישן אָט דעם ווייניקצאָליקן קלאַס און צווישן דעם גאַנצן געזעלשאַפטלאַכן אָרגאַניזם,
וואָס אויסער אים. אויב בײַ די פריערדיקע רעגירונגען פלעגן די אינעווייניקסטע קריגע-
רייען פון אָט דעם קלאַס ארופלייגן אַף דער מעלוכע-מאַכט באַשטימטע באַגרענעצונגען,
זײַנען איצט איבער דער פאַרייניקונג דידאָזיקע באַגרענעצונגען אָפּגעפאַלן. שטייענדיק פאַר
אַ געפאַר פון אַ פּראָלעטאַרישן אופשטאַנד, האָט דער פאַרייניקטער פאַרמעגלאַכער קלאַס
אומפאַרשעמט און פרעך אָנגעהויבן אויסצונוצן די מעלוכע-מאַכט, אַלס נאַציאָנאַלן געווער
פונם קאַפּיטאַל קעגן אַרבעט. אָט די מילכאָמע אָבער קעגן די פּראָדוצירנדיקע מאַסן האָט,
פון איין זייט, געצוווּנגען צו געבן דער אויספיר-מאַכט אַלץ מער און מער רעכט אַף צו
דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד און, פון דער צווייטער זייט, אָפּצונעמען ביסלאַכווייס בײַ
דער פּאַרלאַמענטאַרישער פעסטונג — בײַ דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג — אַלע אירע פאַר-
טיידיקונגס-מיטלען קעגן דער אויספיר-מאַכט, און לואי באָנאַפּאַרט, וועלכער האָט פאַר-
געשטעלט אָט די אויספיר-מאַכט, האָט צעטריבן די פאָרשטייער פון פאַרמעגלאַכן קלאַס.
די צווייטע אימפּעריע איז געווען דער נאַטירלאַכער פּועל-יויצע פון דער רעפּובליק פון
דער „אָרדענונג פּאַרטיי".

די אימפּעריע, וואָס מעלוכע-איבערקערעניש האָט איר געדינט פאַר אַ מעטריקע, אַלגע-
מיינע שטימרעכט — פאַר אַ סאַנקציע, און שווערד — פאַר אַ סצעפּטער, — אָט די אימפּעריע האָט

פּרעטענדירט דערויף, אַז זי שפּאַרט זיך אָן אַפן פּויערטום, אַף אָט דער ברייטער מאַסע פּראָדוצירער, וואָס האָט זיך אינם קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט דירעקט ניט באַטייליקט. די אימפּעריע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי ראַטעוועט דעם אַרבעטער-קלאַס דערמיט, וואָס זי האָט צעשטערט דעם פּאַרלאַמענטאַריזם און צוזאַמען מיט אים די אָפענע אונטערטעניקייט פון דער רעגירונג צו די פאַרמעגלאַכע קלאַסן; זי האָט געראַטעוועט אויך די פאַרמעגלאַכע קלאַסן מיט דעם, וואָס זי האָט געשטיצט זייער עקאָנאָמישע הערשאַפט איבער דעם אַרבעטער-קלאַס. און, ענדלאַך, האָט זי פּרעטענדירט אַף פאַראייניקן אַלע קלאַסן אַרום דעם ווידערופגעלעבטן שאָטן פון נאַציאָנאַלן רום. אינעמעסן איז די אימפּעריע געווען די איינציקע מעגלאַכע פאָרם פון רעגירן אין דער צייט, ווען די בורזשואַזיע האָט די פייאיקייט אַנצופירן מיטן פאָלק שוין אָנגעוואָרן, און דער פּראָלעטאַריאַט האָט די דאָזיקע פייאיקייט נאָך ניט דערוואָרבן. די גאַנצע וועלט האָט באַגריסט די אימפּעריע, ווי די רעטערן פון דער געזעלשאַפט. אונטער איר הערשאַפט האָט די בורזשואַזע געזעלשאַפט, באַפרייט פון פּאָליטישע דאיגעס, דערגרייכט ביז אַזאַ הויכער מאַדרייגע פון אַנטוויקלונג, פון וועלכער זי האָט קיינמאָל טרוימען אַפילע ניט געקאָנט. די אינדוסטריע און האַנדל זיינען זיך צעוואָקסן אין אַ אומגעהייערער מאָס; די בירזשע-ספּעקולאַציע האָט געפּראַוועט איר צעווילדעוועטע קאָסמאָפּאָליטישע סודע; די אָרעמקייט פון די מאַסן האָט נאָך בוילעטער זיך אָנגעזעען באַם אומפאַרשעמטן גלאַנץ פון אויסגעלאַסענעם רייכטום, אָנגעזאַמלט דורך שווינדל און פאַרברעכן. די מעלוכע-מאַכט, וועלכע איז, ווי ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן, געשטאַנען הויך איבער דער געזעלשאַפט, איז אינדערעמעסן געווען דער גוואַלדיקסטער סקאַנדאַל פון אָט דער געזעלשאַפט, דער קוואַל פון קאַלערליי העסלאַכקייטן. די פּרייסישע באַגנעטן, וועלכע האָבן געגלוסט דעם שווערפּונקט פון אָט דער רעגירונג-סיסטעם אַריבערצוטראָגן פון פּאַריזש קיין בערלין, האָבן אופגעדעקט די גאַנצע צעפוילטקייט, הען פון דער מעלוכע-מאַכט גופע, הען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע אָט די מאַכט האָט געראַטעוועט. אימפּעריע — דאָס איז די סאַמע פּראָסטיטואירטע און די סאַמע ערגסטע פאָרם פון יענער מעלוכע-מאַכט, וואָס איז געשאַפן דורך דער נאָר-וואָס אַנטשטאַנענער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אַלס מיטל צו באַפרייען זיך פונם פעאָדאַליזם, און וואָס די בורזשואַזיע האָט, נאָכדעם ווי זי האָט זיך שוין פולשטענדיק אַנטוויקלט, פאַרוואַנדלט אין אַ געצייג צו פאַרקנעכטן די אַרבעט צום קאַפּיטאַל.

די קאָמונע איז געווען פונקט דער היפּעך פון דער אימפּעריע. דער אויסגעשריי: „זאָל לעבן די סאָציאַלע רעפּובליק!", מיט וועלכן פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט האָט באַגעגנט די פעווראַל-רעוואָלוציע, האָט געהאַט אויסגעדריקט די נאָך ניט קלאָרע שטרעבונג צו אַזאַ מין רעפּובליק, וועלכע זאָל ניט נאָר פאַרניכטן די מאָנאַרכיסטישע פאָרם פון קלאַסן-הערשאַפט, נאָר אויך די קלאַסן-הערשאַפט גופע. און די קאָמונע איז געווען אַ באַשטימטע פאָרם גראָדע פון אַזאַ רעפּובליק.

פּאַריזש, וואָס איז געווען די רעזידענץ און דער צענטער פון דער אַלטער רעגירונג-מאַכט און אין דערזעלבער צייט אויך דער געזעלשאַפטלאַכער צענטער פונם פראַנצויזישן אַרבעטער-קלאַס, — פּאַריזש איז מיט געווער אין די הענט אופגעשטאַנען קעגן די פּרוּוון פון טיערן און פון זיין פּריצישן פּאַרלאַמענט אופצושטעלן און פאַרייביקן אָט די אַלטע רעגירונגס-מאַכט, וואָס איז פאַרבליבן ווי אַ ירושע פון דער אימפּעריע. פּאַריזש איז אומשטאַנד געווען אַרויסצובאַווייזן אַ ווידערשטאַנד קעגן ווערסאַל נאָר דערפאַר, וואָס די באַלאַגערונג האָט אים באַפרייט פון דער אַרמיי, און אַף איר אָרט איז געקומען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, קאָמפּלעקטירטע מערסטנטייל פון אַרבעטער. אָט דער פאַקט האָט געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטענדיקער איינריכטונג, און דעריבער איז דער ערשטער

דעקרעט פון דער קאָמונע באַשטאַנען אינם אָפּשאַפן רעגולערע מיליטער און פאַרבייטן עס דורכן באַוואָפנטן פאָלק.

די קאָמונע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון די שטאָטישע ראַטמענער, אויסגעוויילטע אין די פּאַריזשער באַצירקן דורך אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג. אירע מיטגלידער זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך און האָבן געקאָנט צו יעדער צייט אַראָפּגעזעצט ווערן. די גרעסטע מערהייט זייערע איז באַשטאַנען, נאַטירלעך, פון אַרבעטער און באַוווּסטע פאָרשטייער פון אַרבעטער-קלאַס. די קאָמונע האָט געזאָלט זיין ניט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע איינריכטונג, נאָר א געזעצגעבעריש-עקזעקוטיווער קאָלעקטיוו, וועלכער פאַראייניקט סיי די אויספיר-מאַכט, סיי די געזעצגעבערישע מאַכט. באַ דער פּאָליציי, וועלכע איז ביז איצט געווען א געצייג אין די הענט פון דער מעלוכע-רעגירונג, זיינען גלייך צוגענומען געוואָרן אַלע אירע פּאָליטישע פונקציעס און זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פאַראַנטוואָרטלעכן געצייג פון דער קאָמונע, און צו יעדער צייט האָט זי געקאָנט אומגעביטן ווערן. דעמזעלבן גורל האָבן געהאַט אויך די אַלערליי באַאַמטע, אין אַלע רעגירונג-צווייגן.

אַלע אַמטן, אָנגעהויבן פון די קאָמונע-מיטגלידער ביז לעצטן אָנגעשטעלטן, זיינען באַלוינט געוואָרן מיט סכירעס, וואָס זיינען געווען ניט העכער פון א געוויינלעכן אַרבעטס-לוין. אַלע פּריווילעגיעס און סכומען, באַשטימטע פאַר פאָרשטייערשאַפט, וועלכע ס'פלעגן באַקומען די העכערע רעגירונגס-באַאַמטע, זיינען צוזאַמען מיט זיי אויסגעוואָרן. די געזעלשאַפטלעכע אַמטן האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ פּריוואַט-אייגנטום באַ די משרתים פון דער צענטראַלער רעגירונג. ניט נאָר די שטאָט-פאַרוואַלטונג, נאָך אויך די גאַנצע איניציאַטיוו, וואָס האָט ביז אַהער געהערט דער מעלוכע, איז איבערגעגאַנגען צו דער קאָמונע.

אָפּגעשאַפט די שטענדיקע אַרמיי און די פּאָליציי, — אָט דאָס געצייג פון דער מאַטעריעלער קראַפט פון דער אַלטער רעגירונג, — איז די קאָמונע גלייך צוגעטראָטן צו פאַרניכטן די מאַכט פון די גאַלאָכים, דאָס געצייג פון גייסטלאַכער אונטערדריקונג. זי האָט אַרויסגעגעבן א דעקרעט וועגן צעלאָזן און עקספּראָפּריאירן אַלע קלויסטערס, אַף וויפל זיי זיינען געווען קאָרפּאָראַציעס, וואָס האָבן פאַרמאָגט זייערע אייגענע גיטער. די גאַלאָכים האָבן געדאַרפט צוריק אומקערן זיך צו א באַשיידענעם לעבן פון אָרנטלאַכע לייט און לעבן, — ווי סע האָבן אמאָל געלעבט די אַפּאָסטאָלן, — בלויז פון דעם, וואָס די גלויבנדיקע וועלן זיי שיינקען. אַלע לערן-אַנשטאַלטן, וואָס מוזן שטיין אויסער דער ווירקונג פון קלויסטער און מעלוכע, זיינען געוואָרן אומזיסטע פאַר אַלעמען. אַזוי אַרום, איז שולבילדונג געוואָרן פאַר אַלעמען צוטרעטלאַך. פון דער וויסנשאַפט זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן די קייטן, וואָס ס'האָבן אַף איר אַרופגעלייגט די קלאַסן-פאַרורטיילן און די מעלוכע-מאַכט.

באַ די ריכטער איז צוגענומען געוואָרן די קלאָמערשטע אומאָפּהייגיקייט, וואָס האָט געדינט נאָר אַף צו פאַרדעקן זייער אונטערטעניקייט צו די רעגירונגען, וואָס פלעגן קומען איינער נאָך דער אַנדערער. אַ שבועה פון געטריישאַפט פלעגן זיי געבן צו יעדער איינציקער רעגירונג און פלעגן יעדע פון זיי פאַרראַטן. באַגלייך מיט אַלע איבעריקע געזעלשאַפטלאַכע באַאַמטע, זיינען זיי אויך געוואָרן געוויילטע, פאַראַנטוואָרטלאַכע און האָבן געקאָנט צו יעדער צייט אָפּגערופן ווערן.

די פּאַריזשער קאָמונע האָט געדאַרפט דינען פאַר א נאַטירלאַכן מוסטער פאַר אַלע גרעסערע אינדוסטריעלע צענטרען פון פראַנקרייך. ווען די קאָמונע וואָלט איינגעשטעלט געוואָרן העט אין פּאַריזש, הען אין קלענערע צענטרען, וואָלט די אַלטע צענטראַליזירטע רעגירונג אויך אין דער פּראָווינץ געמוזט אָפּטרעטן איר אָרט דער זעלבסטפאַרוואַלטונג

פון פראָדוצירער. אין דער קורצער סקיצע פון נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס די קאָמונע האָט ניט באַוויזן געגוי צו באַאַרבעטן, ווערט דייטלאַך געזאָגט, אַז די קאָמונע דאַרף ווערן אַ פּאָליטישע פאָרם פאַר די קלענסטע דערפלאַך, און אַז דאָס שטענדיקע מיליטער דאַרף אין גאַנצן לאַנד פאַרביטן ווערן דורך פאָלקס-מיליציע מיט אַ מינימאַלסטער דינסט-צייט מיט די אַלגעמיינע איניאָנים פון אַלע דאָרף-געמיינדעס פון יעדן באַצירק האָבן געדאַרפט אָנפירן פאַרזאַמלונגען פון באַפולמעכטיקטע, וועלכע זיצן אין דער גרעסטער שטאָט פונם באַצירק; די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן פון זייער זייט געדאַרפט שיקן באַפולמעכטיקטע אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וואָס אין פּאַריז. די באַפולמעכטיקטע האָבן געדאַרפט שטרייַנג האַלטן זיך אָן די אינסטרוקציעס פון זייערע וויילער און צו יעדער צייט האָבן זיי געקאָנט אָפּגערופן ווערן. די ווייניקע, נאָר וויכטיקע פונקציעס, וועלכע זיינען נאָך פאַרבליבן בײַ דער צענטראַלער רעגירונג, האָבן ניט געדאַרפט אָפּגעשאַפט ווערן, ווי דאָס האָבן אויפגעטראַכט די סאָנים פון דער קאָמונע, נאָר איבערגעגעבן ווערן צו קאָמונאַלע באַאַמטע, ד. ה. צו אַזעלכע, וואָס זאָלן זיין שטרייַנג פאַראַנטוואָרטלאַך. די קאָמונאַלע אָרדענונג האָט ניט צעשטערט, נאָר, פאַרקערט, אָרגאַניזירט די אייניקייט פון דער נאַציע. אָט די אייניקייט האָט געדאַרפט ווערן אַ עכטע, אַ עמעסע, נאָכן פאַרניכטן די מעלוכע-מאַכט, וועלכע האָט זיך געהאַלטן פאַר דער פאַרקערפערונג פון דער אייניקייט, האָט פּרעטענדירט צו שטיין העכער פון דער נאַציע און זיין גאַנץ אומאָפּהייַנגיק פון איר; אינדערעמעסן אָבער איז זי געווען נאָר אַ פּאַראַזיט אויפן אָרגאַניזם פון דער נאַציע. צעשטערט די אַלטע אָרגאַנען פון דער רעגירונגס-מאַכט, וואָס האָבן געדינט נאָר אויף אונטערצודריקן, האָט די קאָמונע אַרויסגעריסן בײַ דער דאָזיקער מאַכט, וואָס האָט פּרעטענדירט צו שטיין העכער פון דער געזעלשאַפט, אירע פונקציעס און האָט זיי איבערגעגעבן צו די פאַראַנטוואָרטלאַכע דינער פון דער געזעלשאַפט. דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט איז ביז אַהער פונם פאָלק אויסגענוצט געוואָרן נאָר אויף אויסצוקלייַבן איינמאָל אין דריי אָדער אין זעקס יאָר וואָסערן ס'ניט איז מיטגליד פון הערשנדיקן קלאַס און ער האָט פאַרטראָטן און געטראָטן דאָס פאָלק, — איצט אָבער האָט עס געזאָלט דינען דעם, אין קאָמונע אָרגאַניזירט, פאָלק פונקט אַזוי, ווי דאָס אינדיווידועלע שטימרעכט דינט יעדן איינציקן אַרבעטגעבער בעת ער זוכט זיך צו אַרבעטער, אויפזעער אָדער בוכהאַלטערס פאַר זיין אונטערנעמונג. געזעלשאַפטן קענען דאָך, פונקט ווי איינצלנע פּערזאָנען, שטענדיק געפינען די פּאַסנדיקע מענטשן פאַר זייערע פּראַקטישע אויפגאַבן. און אויב זיי האָבן אַפילו אַמאָל אַ טעות, קאָנען זיי דעם טעות זייער גיך פאַרריכטן. פון דער צווייטער זייט איז די קאָמונע, לויטן עצם אירן, באַשטימט דערווידער געווען דער געדאַנק צו פאַרבייטן דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט מיט אַ יעראַרכישער אינוועסטיטור.

אַלע נייַע היסטאָרישע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט ווערן געוויינטלאַך אויפגענומען ווי אַ אָפּבילד פון יענע עלטערע, שוין לאַנג אָפּגעלעבטע פאָרמען פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן, צו וועלכע זיי זיינען וויפל ס'ניט איז ענלאַך. די נייַע קאָמונע, וואָס האָט צעשטערט די היינטיקע מעלוכע-מאַכט, האָט מען אויך אויפגענומען ווי אַ באַנייַונג פון די מיטלעלטערישע קאָמונעס, וואָס האָבן עקזיסטירט נאָך פאַר אָט דער מעלוכע-מאַכט און זיינען געווען דער באָדן אירער. די קאָמונאַלע אָרדענונג האָט מען על-פּי-טעות באַטראַכט ווי אַ פּרווו מיט אַ פאַרבאַנד פון קליינע מעלוכעלאַך (וועגן וועלכע ס'האָבן געטרוימט מאָנטעסקיע און די זשיראָנדיסטן) צו פאַרבייטן יענע אייניקייט פון גרויסע פעלקער, וואָס האַגאַם זי איז געשאַפן געוואָרן דורך געוואַלד, נאָר איצט איז זי געוואָרן דער מעכטיקסטער פאַקטאָר פון געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע. די קעגנערשאַפט צווישן דער קאָמונע מיט דער מעלוכע-מאַכט האָט מען על-פּי-טעות באַטראַכט ווי אַ איבערגעטריבענעם אַלטן קאַמף

קעגן דער צו גרויסער צענטראַליזאַציע. אין אייניקע אנדערע לענדער האָבן פאַרשיידענע היסטאָרישע באַדינגונגען געשטערט דער אַנטוויקלונג פון אָט דער בורזשואַזער רעגירונגס-פאָרם, וואָס דער מוסטער אירער איז פראנקרייך. אָט האָבן אין איינגלאַנד, לעמאָשל, די באַדינגונגען געבראַכט דערצו, אז די צענטראַלע מעלוכע-אָרגאַנען ווערט דאָרטן דערגענצט דורך שווינדלערישע קלעריקאַלע פאַרזאַמלונגען, דורך געשעפטמאַכערס מיטגלידער פון די שטאָט-ראַטן, דורך האַרטע שטאָטישע צדאָקע-מאַשגיכים און דאָרפישע ריכטער, וואָס פאַקטיש באַקומען זיי זייער אַמט בעירושע. די אַלע קרעפטן, וואָס פלעגן ביזאַהער באַם געזעלשאַפטלאַכן אָרגאַניזם פאַרלוירן גיין אַדאַנק דער „מעלוכע", אַדאַנק אָט דעם פּאַראַזיט, וואס דערנערט זיך מיט די זאַפטן פון דער געזעלשאַפט און שטערט איר פריי צו באַוועגן זיך, דידאָזיקע אַלע קרעפטן וואָלט די קאָמונאַלע אָרדענונג צוריק אומגעקערט דער געזעלשאַפט. און שוין דערמיט אַליין וואָלט זי מיטגעהאָלפן דער אופלעבונג פון פראַנקרייך.

די בורזשואַזיע פון די פּראָווינציעלע שטעט האט באַטראַכט די קאָמונע, ווי א פּרווו אופצושטעלן יענע הערשאַפט איבערן דאָרף, וואָס זי האָט געהאַט פאַר לואי פיליפּן און וואָס פאַר לואי באָנאַפּאַרטן איז זי ארויסגעשטויסן געוואָרן דורך דער קלאָמערשטער הערשאַפט פון דאָרף איבער דער שטאָט. אין דער ווירקלאַכקייט אָבער האָט די קאָמונע געשטרעבט דערצו, אז די דאָרפישע פּראָדוצירער זאָלן זיך אונטערוואָרפן דער גייסטלאַכער אָנפירונג פון די קרייז-שטעט, און אין געשטאַלט פון די שטאָטישע ארבעטער זאָלן זיי האָבן די נאַטירלאַכע פאַרשטייער פון זייערע אינטערעסן. שוין פון דעם אליין, וואָס ס'עקזיסטירט א קאָמונע, האָט נאַטירלאַך ארויסגעקוועלט די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג, דידאָזיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג אָבער האט שוין ניט באדארפט דינען מער ווי אַ קעגנזאַץ דער מעלוכע-מאַכט, וואס איז געוואָרן איצט לאַכלוטן איבעריק. בלויז א ביסמאַרקן, וועלכער האט די גאַנצע פרייע צייט, וואס איז אים פאַרבליבן פון אינטריגעס, אין וועלכע דאָס ערשטע אָרט האבן שטענדיק פאַרנומען בלוט און אייזן, אויסגענוצט פאר זיין לאַנגאָניקן, צו זיינע פּייאַקייטן מער צוגעפּאַסטער, מיטאַרבעטערשאַפט אינם „קלאַדעראַטאַטש", — נאָר אָט דעם ביסמאַרקן האט געקאָנט ארייַנפאַלן, אז די פּאַריזשער קאָמונע שטרעבט אייגנטלאַך צו דער פּרייסישער שטאָט-אָרדענונג — צו דער קאַריקאַטור פון דער פראַנצויזישער שטאָט-אָרדענונג פונם 1791 יאָר, וואָס מאַכט פון די שטאָט-ראַטן מינע הילפסרעדער פונם פּרייסישן מעלוכישן פּאָליציי-מעכאַניזם.

די קאָמונע, וועלכע האָט אָפּגעשאַפט די גרעסטע מינע הויצאָעס — די ארמיי און די מעלוכע-באַאַמטע — האט פאַרווירקלאַכט דעם אידעאַל פון אלע בורזשואַזע רעוואָלוציעס — דעם אידעאַל פון א ביליקער רעגירונג. שוין איר עקזיסטענץ אליין איז געווען א אָפּלייקונג פון דער מאָנאַרכיע, וואָס אין אייראָפּע, לכאָל-האַפּאָכעס, איז זי א שטענדיקער באַלאַסט און א אומפאַרמיידלאַכע מאסקע פאר דער קלאַסן-הערשאַפט. די קאָמונע האט געשאפן פאַר דער רעפּובליק א יעסאָד פון ווירקלאַך דעמאָקראַטישע איינריכטונגען. די ענדצילן אירע זיינען אָבער ניט באשטאַנען ניט אין דער ביליקער רעגירונג, ניט אין דער „עמעסער רעפּובליק". אי דאס ערשטע, אי דאס צווייטע זיינען געקומען פון זיך אליין, דערעך אגעוו.

די פאַרשיידענע אויסטייטשונגען פון דער קאָמונע און איר באַדייטונג און די פאַרשיידנאַרטיקע אינטערעסן, וואָס זי האָט אויסגעדריקט, באַווייזן, אז זי איז געווען זייער א עלאַסטישע מעלוכע-פאָרם, אין דער צייט, ווען אלע פריערדיקע מעלוכע-פאָרמען זיינען לויטן עצעם זייערן געווען אונטערדריקונגס-פאָרמען. דער עמעסער סאָד אירער באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז, לויטן איינהאַלט אירן, געווען א רעגירונג פונם אַרבעטער-קלאַס, א רעזולטאַט פון קאַמף, וואס ס'האָט געפירט דער קלאַס וואס פּראָדוצירט; זי איז

געווען אט די לאנג שוין געזוכטע פּאָליטישע פּאָרם, בא וועלכער ס׳וואָלט געקאָנט פּאָר־קומען די עקאָנאָמישע באַפרייונג פון ארבעט.

אָן אָט דעם לעצטן באַדינג איז ניט מעגלאַך פּאַרצושטעלן זיך די קאָמונע, אָן אים איז זי — אַ פּוסטע אילוזיע. די פּאָליטישע הערשאַפט פון די פּראָדוצירער קאָן ניט עקזיסטירן איינצייטיק מיט זייער פּאריי־ביקטער סאָציאַלער פּאַרשקלאַפונג. די קאָמונע האָט דעריבער געדאַרפט דינען פאר א געווער, אַף אונטערברעכן יענע עקאָנאָמישע יעסוידעס, אַף וועלכע ס׳האַלט זיך די קלאַסן־עקזיסטענץ גופע, און מעמיילע אויך די קלאַסן־הערשאַפט. ווערט די אַרבעט באַפרייט, דאַן ווערן אַלע — אַרבעטער, און פּראָדוצירנדיקע אַרבעט הערט אוף צו זיין די אייגנשאַפט פון א באַשטימטן קלאַס.

א מאָדנע זאַך: פּרווון נאָר די אַרבעטער ערגעץ־ווו אַריינגעמען די פּראָדוקציע אין זייערע הענט, איז ניט געקוקט דערוף, וואָס מ׳האָט פאר די לעצטע 60 יאָר אַזויפיל גע־שריבן און גערעדט פון באפרייען די אַרבעט, הויבן זיך גלייך אָן לויב־געזאַנגען צו דער איצטיקער געזעלשאַפט מיט אירע צוויי עקסטרעמע טיילן: קאַפּיטאַל און פארשקלאַפטע לוין־אַרבעט (די ערד־באַזיצער זיינען איצט בלויז שטילע שותפים פון די קאַפּיטאַליסטן).

פּונקט ווי די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט וואָלט אדאיעם פארבליבן אין איר מיידל־שער אומשולדיקייט און ריינקייט! פּונקט ווי אַלע אירע גרונט־יעסוידעס וואָלטן נאָך ניט געווען אנטוויקלט, אַלע אירע ליגנס — נאָך גיט אנטבלויזט און איר פּראָסטיטוירטע ווירק־לאַכקייט — נאָך ניט אופגעדעקט! די קאָמונע, שרייען זיי, וויל אָפּשאַפן אייגנטום, דעם יעסאָד פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע! יאָ, גנעדיקע הערן, די קאָמונע האָט געוואָלט אָפּ־שאַפן אָט דאָס קלאַסן־אייגנטום, וואָס פארוואַנדלט די אַרבעט פונם ראָוו אין רייכטום פון יעכידים. זי האָט געוואָלט עקספּראָפּריאירן די עקספּראָפּריאַטאָרן. זי האט געוואָלט שאַפן עמעסע אינדיווידועלע אייגנטום דערמיט, וואָס זי וועט אַלע פּראָדוקציע־מיטלען, די ערד און דעם קאַפּיטאַל, אלץ, וואָס דינט איצט פאר א מיטל צו פארשקלאפן און עקספּלואַטירן די אַרבעט, פארוואַנדלען אין ווערקצייג פון פרייער און פארייניקטער אַרבעט.

דאָס איז דאָך אָבער קאָמוניזם, דער „אומעגלאַכער” קאָמוניזם! און דאָך האבן אַפילע צווישן די הערשנדיקע קלאַסן זיך געפונען אַזעלכע מענטשן — און ניט ווייניק מענטשן, — וועלכע האָבן פארשטאַנען, אז די איצטיקע סיסטעם קאָן שוין לאַנג ניט עקזיסטירן; און זיי זיינען געוואָרן די פאראַקשנטע, די איינגעגעסענע אַפּאָסטאָלן פון קאָאָפּערירטער פּראָ־דוקציע. און אויב קאָאָפּערירטע פּראָדוקציע איז ניט קיין פוסטער קלאַנג און נאַרעריי, איז זי פייאיק ארויסצושטויסן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם. אויב די אַסאָציאַציעס זיינען אימשטאַנד צו אָרגאַניזירן די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע לויט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, נעמען זי אונטער זייער אָנפירונג און דערמיט מאַכן א סאָף צו דער שטענדיקער אנארכיע און צו די פּעריאָדישע קאָנוולסיעס, וועלכע זיינען אומפארמיידלאַך באַ דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע — איז, פרעגן מיר אייך, גנעדיקע הערן, צי איז עס ניט דערזעלבער קאָמוניזם, דער „מעגלאַכער” קאָמוניזם?

דער אַרבעטער־קלאַס האָט פון דער קאָמונע ניט געפאָדערט קיין ניסים. ער האָט ניט געמיינט איינצופירן דורך א פּאָלקס־באַשלוס שוין גרייטע און פארענדיקטע אוטאָפּיעס. ער ווייסט, אַז קעדיי צו דערשלאָגן זיך זיין באפרייונג און דערגרייכן צו העכערע לעבנס־פּאָרמען, צו וועלכע סע שטרעבט אָן אָפּהאַלט די מאָדערנע געזעלשאַפט מאַכמעס איר אייגענער אַנטוויקלונג, וועט אים אויסקומען צו פירן אַ האַרטנאַקיקן קאַמף און איבערלעבן א גאַנצע ריי היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס וועלן איינגאַנצן ענדערן אי די מענטשן, אי די באַדינגונגען. דעם אַרבעטער־קלאַס שטייט פאָר ניט צו פארווירקלאַכן וואָסערע ס׳ניט איז אידעאלן, נאָר שאַפן בלויז אַ פרייען באָדן פאר די עלעמענטן פון דער נייער געזעלשאַפט, וועלכע

האָבן זיך שוין אַנטוויקלט אין די טיפּעניש פון דער כּרעוו-ווערנדיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

מיט פּולן באוווסטזיין בענעגייע צו זיין היסטארישן באַרוף, פּול מיט העלדישער אנטשלאָסנקייט צו שטיין אף דער הויך פון דעמדאָזיקן באַרוף, קאָן דער ארבעטער-קלאַס מיט א פּאראַכטונג-שמייכל ענטפּערן אַף דער נאַרישער זידלעריי פון די צייטונגס-לאַקייען און אף דעם הויכגעלערנטן מוסער פון די פרידלאַכע בורזשואַזע דאָקטרינערן, וואָס ווי קויהאָנים זאָגן זיי ארויס ליגנערישע באַנאַליטעטן און טראָגן אונטער פאַרשימלטע רעצעפּטן.

בעייס די פּאַריזשער קאָמונע האָט גענומען אף זיך די אָנפירונג מיט דער רעוואָלו-ציע, בעייס פּאָשטע אַרבעטער האָבן זיך צום ערשטן מאָל איינגעשטעלט אָנצורירן די פּריווילעגיעס פון זייערע „נאַטירלאַכע אויבערהאַרן“—פון די פאַרמעגלאַכע קלאַסן,—היינע, אַף דער פּריווילעגיע צו רעגירן, איז זיי אויסגעקומען צו ארבעטן בא אומגעהייער שווערע באַדינגונגען, און אויסגעפירט האָבן זיי די אַרבעט באשיידן, געוויסנהאַפט און מיט ערפאָלג; דער גרעסטער לוין זייערער איז געווען, ווי ס'האָט אויסגערעכנט דער באַרימטער און אַווטאָריטעטער געלערנטער (פּראָפ. העקסלי), ניט העכער פון איין פינפטל געהאַלט, וואָס ס'האָט באקומען אַ סעקרעטאַר פון א לאָנדאָנער שול-ראַט. די אַלטע וועלט האָט גע-קרעמפּט פאַר קאַס, בעייס זי האָט דערזעען, אז איבערן שטאָטישן ראַטהויז פלאַטערט די רויטע פאָן,—דער סימוואָל פון דער רעפּובליק, פון אַרבעט.

דאָס איז געווען די ערשטע רעוואָלוציע, אין וועלכער דער אַרבעטער-קלאַס איז אָפן אַנערקענט געוואָרן פאַרן איינציקן קלאַס, וואָס איז נאָך פייאיק צו געזעלשאַפטלאַכער איניציאַטיוו. דאָס האָט אַנערקענט דער מיטעלער קלאַס פון פאַריזש—די קליינהענדלער, באַלמעלאָכעס, הענדלער,—אַלע, אויסער די רייכע קאַפּיטאַליסטן. געלייזט מיט פאַרשטאַנד די פראַגע וועגן קרעדיטאָרן און באַלעכויועס, די פראַגע, וואָס איז געווען אַ שטענדיקע סיבע פון רייטעריי אינעווייניק אינם מיטעלן קלאַס גופע, האָט די קאָמונע דעמדאָזיקן קלאַס געראַטעוועט. אַט דער טייל פון מיטעלן קלאַס האָט אין 1848 יאָר גענומען אַנטייל אינם דערשטיקן דעם יוני-אופשטאַנד פון די אַרבעטער, און גלייך נאָך דעם איז ער דורך דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר א קאָרבן צו זיינע קרעדיטאָרן. ניט צוליב דעם אַליין אָבער איז ער איצט צוגעשטאַנען צו די אַרבעטער. ער האָט געפילט, אז ער מוז דאָ אויסקלייבן צווישן דער קאָמונע און דער אימפּעריע, וואָסער א נאָמען זי—די אימפּעריע—זאָל אַף זיך ניט טראָגן. די אימפּעריע האָט אין מאַטעריעלן היגזיכט פּול-שטענדיק רוינירט דעם מיטעלן קלאַס דערמיט, וואָס זי האָט צעראַבירט די געזעלשאַפט-לאַכע רייכטימער, געשטיצט די בירזשע-ספּעקוליאַציע, קינסטלאַך פאַרגיכערט די צענטראַ-ליזירונג פון קאַפּיטאַל און די דערפון ארויסגערופענע עקספּראָפּריאַציע פון גרעסטן טייל מיטעלן קלאַס. די אימפּעריע האָט אים פּאָליטיש אונטערדריקט און מאָראַליש אים אופ-גערעגט מיט אירע אָרגיעס. זי האָט באַליידיקט זיין וואָלטעריאַניזם דערמיט, וואָס די דערציונג פון זיינע קינדער האָט זי איבערגעגעבן צו די „אַמאָראַלישע גאַלאָכים“, זי האָט באַליידיקט זיינע נאַציאָנאַלע געפילן דערמיט, וואָס זי האָט פאַרפירט די מילכאָמע, וואָס פאַר אַלע אומגליקן אירע האָט זי באַלוינט מיט איין זאַך—מיטן אַראָפּוואַרפן די אימפּע-ריע. נאָכדעם, ווי די באַנדע פון די העכערע באָנאַפּאַרטישע באַאַמטע און קאַפּיטאַליסטן איז אַנטלאָפן פון פאַריזש, האָט די „אָרדענונג-פאַרטיי“ פונם מיטעלן קלאַס, אונטערן נאָמען פון „רעפּובליקאַנישן פאַרבאַנד“, זיך געשטעלט אונטער דער פאָן פון דער קאָמונע און פאַרטיידיקט זי פון טיערס רעכילעס. צי וועט די דאַנקבארקייט פון אָט דער מאַסע פון מיטעלן קלאַס קאָנען אויסהאַלטן די איצטיקע שווערע ניסיונעס—דאָס וועט באַוויזן די צוקונפט.

די קאָמונע האָט געהאַט דאָס פולע רעכט צו זאָגן דעם פויערטום: „אונזער גיצאָכן — איז אייער האָפענונג!" די דערקלערונג, אַז די פּריצים פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג זיינען געווען פאַרשטייער פון די פראַנצויזישע פויערים, איז דער פרעכסטער ליגן, וואָס שטאַמט פון ווערסאַל און איז צעטראָגן געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט דורך די באַנ-דיטן פון דער אייראָפּייאישער פרעסע.

זעט מען דען ניט, ווי ווארשיינלאַך ס'איז אָט די פלוצימדיקע ליבע פון די פראַנצויזישע פויערים צו מענטשן, וועלכע האָבן זיי נאָכן 1815 יאָר באַשטייערט אף א גאַנצן מיליאַרד! אין די אויגן פון אַ פראַנצויזישן פויער איז שוין דער פאַקט אַליין, וואָס ס'עקזיסטירט נאָך דער גרויסער ערד-באַזיצער — א מין אַטענטאַט אף זיינע דעראָבערונגען פון 1739 יאָר.

אין 1848 יאָר האָבן די בורזשואַ ארופגעלייגט אַף דער פויעריישער ערד א צוגאָב-שטייער פון 45 סאַנטים אַף יעדן פראַנק, נאָר געטאָן האט מען עס אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע; און איצט האָבן זיי אָנגעהויבן א בירגער-קריג קעגן דער רעוואָלוציע, כדי ארופצולייגן אף די פויערשע פּלייצעס דעם הויפּט-לאַסט פון דער 5 מיליאַרדיקער קאָנ-טריבוציע, וואָס זיי האָבן זיך מיסכאיעוו געווען אָפּצוצאָלן די פּרייסן.

די קאָמונע, פארקערט, האָט שוין אין איינע פון אירע ערשטע פּראָקלאמאציעס דער-קלערט, אַז דעם לאַסט פון דער מילכאָמע דארפן טראָגן די, וואָס זיינען אין איר שולדיק. די קאָמונע וואָלט באַפרייט דאָס פויערטום פונם „בלוט-שטייער", וואָלט אים געגעבן א ביליקע רעגירונג און וואָלט פארביטן אַזעלכע פּיאווקעס, ווי נאָטאַריוס, אַדוואָקאט, גע-ריכט-פּריסטעוו א. א. — מיט געדונגענע קאָמונאַלע באַאמטע, וואָס ווערן אויסגעקליבן דורך אים אליין און זיינען פאר אים אויך פאראַנטוואָרטלאַך. זי וואָלט אים באַפרייט פונם ווילקיר פון פעי'ד-שומער, זשאנדאַרם און פרעפעקט. זי וואָלט פארביטן דעם גאַ-לעך, וואָס פארטעמפּט, מיטן אופקלערנדיקן שול-לערער.

דער פראַנצויזישער פויער איז פריער פון אַלץ א מענטש מיט כעשבן. ער וואָלט געהאַלטן, אַז ס'איז גאַנץ צוועקמעסיק — צאָלן די גאַלאָכים ניט פון די סכומען, וואָס ווערן געזאַמלט דורכן שטייער-זאַמלער, נאָר פון די פרייוויליקע נעדאָוועס, וואָס זייער גרויס וואָלט אינגאַנצן באַלאַנגט געווען פון דער פרומקייט פון דער געמיינדע. אָט מיט וואָס פאר א דירעקטע מאַמאָשעסדיקע נוצן פאַרן פראַנצויזישן פויערטום איז געקומען די הערשאַפט פון דער קאָמונע, און נאָר פון דער קאָמונע. ס'איז דעריבער גאַנץ איבעריק אָפּצושטעלן זיך דאָ אף די מער קאָמפּליצירטע און עמעסע לעבנס-פראַגן, וואָס זיי האָט נאָר די קאָמונע געקאָנט און אומפארמיידלאַך געמוזט לייזן לטויוועס דעם פויערטום. אַזוינע זיינען די פראַגן וועגן היפּאָטעקן-כויוועס, וואָס זיינען געווען א שווערער לאַסט פאר דער פויערשער ערד, וועגן דער עקספּראָפּריאציע פון די פויערים גופע, וועלכע האָט אָנגעהויבן דורכגעפירט ווערן אלץ שנעלער און שנעלער אדאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער לאַנדווירטשאַפט און א דאַנק דער קאפּיטאַליסטישער ערד-באַאַר-בעטונג.

לואי באָנאַפּאַרט איז געווען אויסגעוויילט פאר א פּרעזידענט פון דער רעפּובליק דורך די פראַנצויזישע פויערים. און די צווייטע אימפּעריע האָט געשאַפן די „אָרדענונג-פּארטיי".

אין 1849 און 50-טע יאָרן האט דער פראַנצויזישער פויער אומעטום קעגנגעשטעלט זיין מער דעם רעגירונגס-פּרעפעקט, זיין שול-לערער — דעם רעגירונגס-גאַלעך, זיך אַליין — דעם רעגירונגס-זשאַנדאַרם, און דערמיט האט ער אָנגעהויבן אַרויסצובאַווייזן זיינע עמעסע באַדערפענישן. אלע רעאַקציאָנערע געזעצן, וואָס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן

דורך דער „אָרדענונג-פּאַרטיי" אין יאַנוואַר און פעברואַר 1850, זיינען געווען געווענדעט, ווי די פּאַרטיי איז זיך אַליין מוידע, קעגן די פויערים. דער פויער איז געווען אַ באָנאַפּאַרטיסט, ווייל די גרויסע רעוואָלוציע און די נוצן, וועלכע זי האט אים געבראַכט, האָט ער פעסט באהעפט מיטן נאָמען נאַפּאָלעאָן. בא דער צווייטער אימפּעריע איז אָט די זעלבסטנאַרעריי פאַרשוווּנדן געוואָרן. אָט דאס אַמאָליקע איינרעדעניש (וואָס לויטן עצעם איז עס געווען פיינטלאַך צו די שטרעבונגען פון די פּריצים) וואָלט ניט געקאָנט ביישטיין קעגן דעם רוף פון דער קאָמונע צו די לעבנס-אינטערעסן און צו די דרינגנדסטע באַדערפענישן פונם פויערטום. די פּריצים האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען (און טאקע מער פון אַלץ דערפאַר מוירע געהאט), אז אויב דער קאָמונאַלער פּאַריזש וועט האבן אַ פרייען פאַרקער מיט דער פּראָווינץ, וועט אין משך פון אַ דריי כאַדאָשים אויפפלאַקערן אַ אַלגעמיינער פויער-אופשטאַנד. און טאקע דעריבער האָבן זיי זיך אזוי געאיילט ארומצערינגלען פּאַריזש מיט אַ פּאָליציייאישער בלאָקאַדע, קעדיי ניט צו דערלאָזן, אז די עפּידעמיע זאָל זיך אומעטום פאַרשפּרייטן.

די קאָמונע איז געווען די עמעסע פאָרשטייערן פון אַלע געזונטע עלעמענטן אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. דעריבער איז זי בעעמעס געווען אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג. נאָר זייענדיק אַ רעגירונג פון אַרבעטער, אַ דרייסטע קעמפערן פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעט, איז זי אין דערזעלבער צייט געווען אַ אינטערנאַציאָנאַלע אין פולן זין פון וואָרט. פּאָנים על פּאָנים מיט דער פרייסישער אַרמיי, וועלכע האָט אַנעקסירט פאַר דייטשלאַנד צוויי פראַנצויזישע פּראָווינצן, האָט די קאָמונע באַהעפט צו פראַנקרייך די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט.

די צווייטע אימפּעריע איז אַ יאָנטעוו פון קאָסמאָפּאָליטישער שווינדלעריי. אַף איר רוף האָבן זיך פון אַלע לענדער אַ לאָז געטאָן רויבער, קעדיי אַנטייל צו נעמען אין אירע אָרגיעס און אינם באַרויבן דאָס פראַנצויזישע פאָלק. גאַנעסקאָ, אָט דער וואָלעכשער שווינדלער, איז נאָך אַפילע אין דעם מאָמענט די רעכטע האַנט פון טיערן, און די לינקע האַנט זיינע — איז מאַרקאָווסקי. די קאָמונע האָט געשאַפן פאַר אַלע אויסלענדער די מעגלאַכקייט און דעם קאָוועד צו שטאַרבן פאַר אַן אומשטערבלאַכער זאַך. פאַר דער צייט, וואָס צווישן דער אויסערלאַכער שכיטע, פאַרשפּילטער צוליב פאַרראַט, און צווישן דעם בירגער-קריג, אַרויסגערופן דורך פאַרשווערונג מיטן פרעמדן באַזיגער, האָט די בורזשואַזיע באַוויזן צו אַנטפּלעקן איר פּאַטריאָטיזם דורך פּאָליצייישע רעדיפעס אַף די דייטשן איבער גאַנץ פראַנקרייך. די קאָמונע האָט פאַר קאָמיסאַה פון געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט באַשטימט אַ דייטש.

סיי טיער, סיי די בורזשואַזיע, סיי די צווייטע אימפּעריע האָבן גענאַרט די פּוילן מיט זייערע עפנטלאַכע אויסדריקן פון מיטגעפיל, אין דער צייט וואָס אינדערעמעסן האָבן זיי די פּוילן פאַרקויפט. די קאָמונע האָט באַערט די העלדישע זין פון פּוילן, אוועקשטעלנדיק זיי אין שפּיץ פון די פאַרטיידיקער פון פּאַריזש. קעדיי בולעטער צו באַצייכענען די נייע היסטאָרישע טקופע, וואָס זי האָט באַוווסטזיניק געעפנט מיט איר אויפקומען, האָט די קאָמונע, שטייענדיק, פון איין זייט, פאַר די זיגרייכע פרייסן און, פון דער צווייטער זייט, פאַר דער באָנאַפּאַרטישער אַרמיי מיט באָנאַפּאַרטישע גענעראַלן אין שפּיץ, אַראָפּגעוואָרפן דעם קאָלאָסאַלן סימוואָל פון מיליטערישן רום — די וואַנדאָמער קאָלאָנע.

דער גרעסטער אופטו פון דער קאָמונע איז געווען שוין דאָס אַליין, וואָס זי עקזיסטירט, וואָס זי אַרבעט. די איינצלנע מאָסמיטלען, וואָס זי האָט דורכגעפירט, האָבן געקאָנט נאָר באַצייכענען די ריכטונג, אין וועלכער סע אַנטוויקלט זיך די אָנפירונג מיט פאָלק דורכן פאָלק אַליין. צו דידאָזיקע מאָסמיטלען געהערט: דאָס פאַרווערן נאַכט-אַרבעט

פון בעקער, דאָס פאַרווערן אַרופצולייגן אף די אַרבעטער געלט-שטראָף,—אַ שטענדיקער מינהעג פון די אַרבעט-געבער, וועלכע פלעגן דאָס געלט אַריינלייגן צו זיך אין קעשענע, ווייל אין זייער פערזאָן האָבן זיי פאַרייניקט אי די געזעצגעבערישע מאַכט, אי די געריכטלאַכע, אי די אויספיר-מאַכט. צו די מאָסמיטלען פון דעם אַרט האָט געהערט אויך די פאַראָרדענונג, אַז אַלע פאַבריקן און ווארשטאטן, וואָס די באַלעבאַטים זייערע זיינען אנטלאָפן אָדער האָבן דאָרט אָפגעשטעלט די ארבעט, איבערצוגעבן אין רעשוס פון די ארבעטער-אַסאָציאציעס, מיט רעכט פון די באלעבאַטים צו באקומען קאָמפענסאַציע.

די פינאַנציעלע פאראָרדענונגען פון דער קאָמונע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אויסגערעכנטקייט און מעסיקייט. דאָ האָט זי זיך געמוזט באַנוגענען בלויז מיט אַזעלכע מאָסמיטלען, וואָס זיינען מעגלאַך באַם צושטאַנד פון אַ באַלאַגערטער שטאָט. באַ דער אָנפירונג פון האוסמאַן (געוועזענער פרעפעקט פון פאַריזש. רעד.) האָבן די פאַרשיידענע באַנקירעשע קאמפאניעס און בוי-אונטערנעמער אַזוי באַגאַנוועט פאַריזש, אַז די קאָמונע האָט געהאט אַסאַך מער רעכט צוקאָנפיסקירן זייער פאַרמעגן, ווי לואי באָנאפאַרט — דאָס פאַרמעגן פון די אָרלעאַנער. די האָהענצאָלערן און די ענגלישע אָליגארכן, וואָס דער גרעסטער טייל פון זייער רייכטום באַשטייט פון די אָנגעראַבירטע קלויסטער-פאַרמעגנס, זיינען געווען אופגעבראַכט אַף דער קאָמונע, וועלכע האָט פון דער קאָנפיסקאַציע פון די קלויסטער-רייכטימער באקומען סאַכאַקל 8.000 פראַנק.

ווי נאָר די ווערסאַלער רעגירונג איז געוואָרן עטוואָס דרייסטער און שטאַרקער, האָט זי גלייך אָנגעהויבן אָנצווענדן קעגן דער קאָמונע די שאַרפסטע גוואַלד-מיטלען. אין גאַנץ פראַנקרייך האָט זי געשטיקט יעטווידער פרייען מיינונגס-אויסדרוק, אַפילע די דעלעגאַטן-פאַרזאַמלונג פון די גרעסערע שטעט האָט זי פאַרווערט, ווערסאַל און גאַנץ פראַנקרייך האָט זי פאַרפלייצט מיט שפּיאָנען אין אַסאַך אַ גרעסערער מאָס, איידער דאָס איז געטאָן געוואָרן באַ דער צווייטער אימפעריע. אירע זשאנדארמען-אינקוויזיטאָרן פלעגן פאַרברענען אלע צייטונגען פון פאַריזש, פלעגן עפענען אַלע בריף, וואָס זיינען געגאַנגען פון פאַריזש און קיין פאַריזש. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פלעג אַף יעדן קלענסטן פרווו צו זאָגן אַ וואָרט לעטויוועס פאַריזש ענטפערן מיט א שרעקלאַכן רעווען, וואָס אַזוינס האָט מען ניט געהערט אַפילע אין דעם פריצישן פאַרלאַמענט פון 1816 יאָר. די ווערסאַלער האָבן ניט געפירט קיין בלוטדורשטיקע מילכאָמע קעגן פאַריזש, נאָר דורך פאַרשווערונג און אונטערקויפן האָבן זיי געזועען אַהין אַריינצודרינגען. צי האָט די קאָמונע, ניט פעלשנדיק אין איר באַרוף, געקאָנט באַ אַזעלכע באַדינגונגען איינהיטן, ווי אין אַ צייט פון שטילסטן פרידן, אַלע איינגעשטעלטע פאָרמען פון ליבעראַליזם? וואָלט די רעגירונג פון דער קאָמונע געווען אין דעמזעלביקן גייסט, וואָס טיערס רעגירונג, וואָלט דאָך דאַן קיין שום גרונט ניט געווען צו פאַרווערן אין פאַריזש די צייטונגען פון דער „אָרדענונג-פאַרטיי" און אין ווערסאַל—די צייטונגען פון דער קאָמונע.

נאַטירלאַך, אַז די דעפּוטאַטן פון דעם „פריצישן פאַרלאַמענט" זיינען געווען אויסער זיך פאַר קאַאַס, וואָס אין דער צייט, ווען זיי האָבן דערקלערט, אַז דער איינציקער מיטל צו ראַטעווען פראַנקרייך איז אומקערן זי צוריק אין די אָרעמס פון קלויסטער, האָט די אומגלויביקע קאָמונע פאַרנומען זיך מיט אופדעקן די סודעס פונם פרויען מאָנאַסטיר „פּיקפוס" און פונם קלויסטער פון הייליקן לאָראַן. און אַז די קאָמונע פלעג אָפרופן אירע גענעראַלן און ארעסטירן זיי באַ מינדסטן כשאַד אין נאכלעסיקער באַציונג צו זייערע פליכטן, איז עס דען ניט געווען די שארפסטע סאַטירע אף טיערן, וועלכער האָט באַשאָטן זיינע גענעראַלן מיט קרייצן פון ערנלעגיאָן פאַר זייער מייסטערשאַפט צו פאַרשפּילן שלאַכטן, אונטערצושרייבן קאַפּיטולאַציעס און דרייען פאַפּיראָסלאַך אין ווילהעלסהעע? ווען די

קאָמונע האָט אָפגערופן און ארעסטירט איינעם פון אירע מיטגלידער, וואָס האָט זיך אריינגעגאַנוועט אַהין אונטער אַ פרעמדן נאָמען, נאָכדעם ווי ער איז אין ליאָן 6 טעג געווען אַרעסטירט אַלס באַנקראָט, איז עס ניט געווען אַ פאַטש אין פאָנים דעם פאַבריקאַנט פון פאַלשע דאָקומענטן, זשיול פאַוור, דעם אויסערן-מיניסטער פון פראנקרייך, וועלכער האָט פאַרקויפט דאָס לאַנד ביסמאַרקן, און האָט דיקטירט באַפעלן דער אומפאַרגלייכלאַכער בעל-גישער רעגירונג? די קאָמונע האָט אָבער ניט געשריגן, אַז זי איז ריין פון טאָעסן, ווי ס'האָבן עס געטאָן אלע אָן אויסנאַם אַלטע רעגירונגען. זי האָט פאַרעפנטלאַכט אלע רייִדעס פון אירע זיצונגען, פאַרעפנטלאַכט אַלע אירע מייַסים. זי האָט נישט באַהאַלטן פון דעם אוילעם קיינע פון אירע שוואַכע זייטן.

יעדע רעוואָלוציע רוקט ארויס צוזאַמען מיט די עמעסע אירע פאָרשטייער אויך מענטשן פון אַן אַנדער שניט. פון איין זייט זיינען עס די, וואָס האָבן געשפילט אַ וויכטיקע ראָל אין די פריערדיקע רעוואָלוציעס, זיינען מיט זיי זיך צונויפגעוואקסן, און דעריבער פאַרשטייען זיי נישט דעם זין פון דער איצטיקער באוועגונג. ניט געקוקט אָבער דערויף, האָבן זיי אַ גרויסע ווירקונג אַפן פאָלק אַדאַנק זייער דרייסטקייט, זייער פערזענלאכן כאראקטער, אָדער פאָשעט אַדאַנק דער טראַדיציע. פון דער צווייטער זייט זיינען עס פאָשעטע שרייערס, וואָס פון יאָר צו יאָר כאַזערן זיי איבער זייערע אויסגעדראָשענע טאַינעס צו דער עקזיסטירנדיקער רעגירונג און באַקומען דערפאַר אַ נאָמען פון רעוואָלוציאָנערן פון דער העכסטער פראָבע. אַזעלכע מענטשן האָבן זיך באוויזן אויך נאָכן 17 מאַרט. זיי איז אפילע אמאָל אויסגעקומען צו שפילן ערשטקלאַסיקע ראָלעס און, אַף וויפל זיי זיינען נאָר אומשטאַנד געווען, האָבן זיי אָפגעהאַלטן די ריכטיקע באַוועגונג פון אַרבעטער-קלאַס פונקט אַזוי, ווי זיי האָבן פריער געשטערט דער אַנטוויקלונג פון די פאָריקע רעוואָלוציעס. זיי זיינען — אַ אומפאַרמיידלאכע צאָרע, מ'קאָן זיך באַפרייען פון זיי נאָר מיט דער צייט. די קאָמונע האָט אָבער אָט די צייט שוין ניט געהאַט.

די קאָמונע האָט, ווי מיט עפעס אַ קישעף, פאַריזש אינגאַנצן אומגעביטן. דער אויסגעלאַסענער פאַריזש פון דער צווייטער אימפעריע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. די הויפט-שטאָט פון פראַנקרייך האָט אופגעהערט צו זיין אַ זאַמל-פונקט פון אַלע אייענגלישע גרויסע ערד-באַזיצער, אירלענדישע שיקורים, אמעריקאַנישע געוועזענע קנעכט-אייגנטימער און אופגעקומענע מעיוכאָסים, רוסישע לייב-אייגנטימער און וואָלעכשע באָיאַרן. אין די מאָרגן [1] — קיין איין קערפער, נישטאָ קיין נאַכט-רויבערייען, קימאַט ניטאָ קיין איין גניווע. צום ערשטן מאָל נאָך פעווראַל 1848 יאָר זיינען די גאַסן פון פאַריזש געוואָרן ניט געפערלאַך, האַגאַם קיין איין פאָליציי-מאַן איז אַף זיי ניט געווען. „מיר הערן שוין ניט — זאָגט איינער פון די קאָמונע-מיטגלידער — ניט וועגן רעציכעס, ניט וועגן רויבערייען, ביקלאל וועגן פאַרברעכנס קעגן פערזאָנען.

מ'קאָן מיינען, אז די פאָליציי האָט מיט זיך אוועקגעפירט קיין ווערסאַל אַלע אירע קאָנסערוואַטיווע פריינט. די גאַסן-פרויען זיינען נאָכגעפאָרן נאָך זייערע אפּוטראָפּסים, נאָך די אנטלאָפענע זיילן פון פאַמיליע, רעליגיע און (באַזונדערס) אייגנטום. זייער אָרט האָט ווידער פאַרנומען די עכטע פאַריזשער פרוי, העלדישע, גרויסמוטיקע און מעסירעסנעפעשדיקע, ווי די פרויען פון קלאַסישן אלטערטום. פאַריזש, וואָס ארבעט, דיינקט, קעמפט, גייט אָפּ מיט בלוט, און שיינט אָבער מיט באַגייסטערטן באוווסטזיין וועגן זיין היסטאָרישער איניציאַטיוו, — פאַריזש האָט קימאַט פאַרגעסן אָן די מענטשנפרעסער, וואָס זיינען געשטאַנען ארום זיינע ווענט, און האָט זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם בויען אַ נייע געזעלשאַפט.

2) מייסים-שטיבלאַך, ווו מ'האלט אַ צייט די טויטע פון גאַס.

און פֿאַנעמעלפֿאָנעם מיט אָט דער נייער פּאַריזשער וועלט איז געשטאַנען די אַלטע וועלט פֿון ווערסאַל — אָט די קאָלעקציע שמאַטעס פֿון אַלע אָפּגעלעבטע אָרדענונגען: לעגיטימיסטן און אָרלעאַניסטן, וואָס גאַרן צו צערייסן מיט די ציין דעם פֿאָלקס-קערפּער, — מיט אַ לאַנגן עק פֿון פּאַרצייטיקע רעפּובליקאַנער, וואָס האַלטן אונטער אין דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג דעם בונט פֿון קנעכט-באַזיצער; זיי האָבן געהאָפֿט, אַז דורך דער נאַרישער גאַדלעס פֿון דעם אַלטן לעק, וואָס שטייט אין שפּיץ פֿון דער רעגירונג, וועלן זיי קאָנען ראַטעווען זייער פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק; זיי האָבן זיך באַשעפּטיקט דערמיט, וואָס זיי האָבן מיט זייערע געהיימע פֿאַרזאַמלונגען אין „זשע-דע-פּאָם“ (אַ זאַל פֿאַר ספּאָרט, ווו די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג פֿון 1789-סטן יאָר האָט אָנגענומען אירע באַרימטע באַשלוסן) געשאַפֿן אַ פּאַראָדיע אויפֿן 1789-סטן יאָר. דידאָזיקע פֿאַרזאַמלונג, אָט דער באַרימען, וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס גאַנצע אָפּגעלעבטע פֿראַנקרייך, האָט געלעבט מיט עפּעס אַ קלאָמערשטן לעבן נאָר אַדאַנק די שווערדן פֿון באָנאַפּאַרטס גענעראַלן, וועלכע זיינען געווען איר איינציקע שטיצע. פּאַריזש איז פֿון אָנהייב ביז סאָף — אמעס; ווערסאַל איז פֿון אָנהייב ביז סאָף — ליגן; און דער טרעגער פֿון אָט דעם ליגן איז געווען טיער.

טיערס פּאַריזש איז ניט געווען דאָס עמעסע פּאַריזש פֿון „נידערטרעכטיקן האַמוין“, טיערס פּאַריזש איז געווען אַ פּאַריזש אַ פֿאַנטאַסטישער, אַ פּאַריזש פֿון אַפּעריסטן, אַ פּאַריזש פֿון בולוואַרן-אוילעם פֿון ביידע געשלעכטן. דער רייכער, קאַפּיטאַליסטישער, מיט גאָלד באַפּוצטער, ליידיקגייערישער פּאַריזש — פּאַריזש, וועלכער האָט איצט מיט זיינע לאַקייען, שאַרלאַטאַנעס, גאַסן-פּרויען, מיט זיין ליטעראַרישער באָהעמע אָנגעפֿילט ווערסאַל, סען-דעני, ריועל און סען-זשערמען, וועלכער האָט אויפֿגענומען די צווישנבירגערלאַכע מילכאָמע נאָר ווי אַ אינטערעסאַנטע אינטערמעדיע, וועלכער האָט דורך אַ רער-שפּאַקטיוו געקוקט און נאָכעס געקליבן פֿונעם שלאַכט, האָט געציילט די האַרמאַטן-שאָסן און האָט געשווירן בא זיין קאָוועד און באַם קאָוועד פֿון זיינע גאַסן-פּרויען, אַז דאָ איז דער ספּעקטאַקל אַסאַך שענער, איידער אין טעאַטער Port st. Marten. די געהאַרגעטע זיינען דאָך אינדערעמעסן געהאַרגעט, די געשרייען זיינען דאָך דאָ געווען ניט קיין נאָכגעמאַכטע און די דראַמע, וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿאַר זייערע אויגן, איז דאָך געווען אַ אַלוועלטלאַך-היסטאָרישע דראַמע.

קאַלענדאַר פון פּאַריזשער קאָמונע

1870

יולי — 19. נאַפּאַלעאָן III דערקלערט פראַנקרייך-פּרייסישע מילכאָמע.

23. ערשטער אופרוף פונם גענעראַל-ראַט פון דער צווישנפעלקערלאַכער אַרבעטער-אַסאָציאַציע (אינ-טערנאַציאָנאַל) צו די אַרבעטער פון אייראָפּע וועגן פראַנקרייך-פּרייסישער מילכאָמע.

סענטיאַבער — 2. 83-טויזנטיקע פראַנצויזישע אַרמיי מיטן קייסער בעראָש קאַפּיטולירט אונטער סעדאַן. נאַפּאָלעאָן III ווערט גענומען אין געפיינקעניש אין ווילהעלמגעאָ.

4. אַראָפּגעזעצט די דינאַסטיע פון נאַפּאַלעאָן III. אָנהויב פון בורזשואַזער רעוואָלוציע. געבילדעט די רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג.

12. צווייטער אופרוף פון דער צווישנפעלקערלאַכער אַרבעטער-אַסאָציאַציע וועגן פראַנקרייך-פּרייסישער מילכאָמע.

17. געהיימע באַראַטונג אין פּ ריער פון פאַוור, דעפּוטאַט פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, מיט ביסמאַרקן וועגן די באַדינגונגען פון שאָלעם צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

אָקטיאַבר — 27. זיך אונטערגעגעבן די פעסטונג מעץ.

31. פּראָקלאַמירט אַרבעטער-קאָמונע אין מאַרסעל.

״ ניט געלונגענער רעוואָלוציאָנערער אופשטאַנד אין פּאַריזש. אַרעסטירט אַ טייל רעגירונג (אינסורעקציע פון 31 אָקטיאַבר).

נאָיאַבר — 4. געפּרוווט פּראָקלאַמירן קאָמונע אין ליאָן.

״ געפאַלן די קאָמונע אין מאַרסעל.

דעקאַבר — 1. ניט געלונגענע דיווערסיע בא שאַמפּין אף מאַרנע.

1871

יאַנוואַר — 6. רעוואָלוציאָנערע פּלאַקאַטן פון צענטראַל-קאָמיטעט.

19. מאַפּאַלע פון פראַנצויזן בא ביוזענוואַל.

22. ניט געלונגענער רעוואָלוציאָנערער אופשטאַנד אין פּאַריזש (אינסורעקציע פון 22 יאַנוואַר).

23. רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג פאַרמאַכט אַלע רעפּובליקאַנישע קלובן אין פּאַריזש.

28. פּאַריזש קאַפּיטולירט.

פעוראַל — 8. וואַלן אין נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

13. געעפנט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אין באָרדאָ.

15. דעקרעט פון נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג וועגן אָפּנעמען דאָס געהאַלט בא די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, וואָס האָבן ניט צוגעשטעלט קיין צייגניש וועגן דעם, אַז זיי האָבן ניט קיין מעג-לאַכקייט צו פאַרדינען.

16. אַלדעלעגאַטישע פאַרזאַמלונג פון די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער.

27. אָנגענומען דורך דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג די שענדלאַכע שאָלעם-באַדינגונגען, וואָס דייטש-לאַנד האָט דיקטירט.

מאַרט — 1. דאָס פּרייסישע כאַיעל טרעט אַריין קיין פּאַריזש. פאַרנומען די יעליסייאישע פעלדער.

3. דריטע דעלעגאַטן-פאַרזאַמלונג; באַשטעטיקט דער סטאַטוט פון דער נאַציאָנאַל-גוואַרדייאישער פעדעראַציע.

״ באַשטימט איבערצוווילן דעם קאָמאַנדן-באַשטאַנד פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

״ אופרוף פונם קאָמיסאַר פאַר אינערלאַכע איניאָנים, פּיקאַר, צו די פּאַריזשער בירגער צו דער-שטיקן דעם „אַנאָנימען קאָמיטעט״ (פעדעראַציע פון נאַציאָנאַלער גוואַרדיע).

מאַרט — 9. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג טראָגט אַרויס אַ טויט-אורטייל בלאַנקין און פלוראַנסן אונטער זייערע אויגן פאַר אָנטיילנעמען אין די אויפשטאַנדן פון 31 אָקטיאַבר און 22 יאַנוואַר.

10. פאַרמאַכט לויט דער פאַראָרדענונג פונם פאַריזשער קריגס-גובערנאַטאָר פינף אויסגעשפּראָכענע רעפּובליקאַנישע צייטונגען.

11. פאַרמאַכט פיר רעפּובליקאַנישע צייטונגען.

„ איבערגעפירט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון באָרדאָ קיין ווערסאַל.

„ דעקרעט פון נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג וועגן דעם, אַז אין מעשעך פון צוויי וואָכן זאָלן באַצאָלט ווערן אַלע וועקסלען, וואָס זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן זינט דעם 13 אויגוסט 1870 יאָר.

15. זיצונג פונם נאַציאָנאַל-גוואַרדייאישן פעדעראַל-ראַט וועגן קלאָר מאַכן די פּאָזיציע צו דער ווערסאַלער פאַרזאַמלונג.

„ פעדעראַל-ראַט פון 215 באַטאַליאָנען באַשטימט אונטער די אויגן גאַריבאַלדין פאַרן ראָש פון נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

17. נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אַרעסטירט בלאַנקי אין דער פּראָווינץ לאָ.

18. טיער פּרוווט זיך אַנטוואָפענען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. פאַרכאַפּט האַרמאַטן אויפן מאָנמאַרטר.

„ טיער אַנטלויפט קיין ווערסאַל מיט די מיטגלידער פון דער רעגירונג.

„ אָנהויב פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין פּאַריזש.

19. די מערן טרעטן אַרויס קעגן צענטראַל-קאָמיטעט קעדיי צו איבערגעבן די מאַכט דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

„ טיערס דעקרעט וועגן אַרויסשיקן אַלע קאַזיאָנע געלטן קיין ווערסאַל.

„ די לעצטע מיניסטאָרן אַנטלויפן פון פּאַריזש קיין ווערסאַל.

20. דער צענטראַל-קאָמיטעט איז זיך מישטאַדל פאַרן פראַנצויזישן באַנק וועגן אַ סובסידיע פון אַ מיליאָן פראַנק.

„ אַ נאַציאָנאַל-גוואַרדייאישער טייל פּרוווט זיך פאַרנעמען דעם פּאָרט מאָן-וואַלעריאַן, וואָס איז שוין פריער מיט אַ טאָג פאַרנומען געוואָרן דורך די ווערסאַלער.

21. „געזעצמעסיקע לייט" אָרדענען איין אויפן בירזשע-פּלאַץ אַ דעמאָנסטראַציע קעגן צענטראַל-קאָמיטעט און קעגן די וואַלן אין קאָמונע.

22. פּראָקלאַמירט קאָמונע אין ליאָן.

„ באַפעל פון צענטראַל-קאָמיטעט צו איינשליסן אין די רייען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אַלע סאָלדאַטן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין פּאַריזש.

„ באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע פון די „געזעצמעסיקע לייט" אויפן אָפּערע-פּלאַץ מיטן ציל צו אַרויסשטויסן דעם שטאַב פון צענטראַל-קאָמיטעט.

23. ווערסאַלער רעגירונג זאָגט זיך אָפּ וואָטירן די מוניציפּאַלע וואַלן אין פּאַריזש.

„ פּראָקלאַמירט קאָמונע אין מאַרסעל.

24. פּראָקלאַמירט קאָמונע אין נאַרבאָנע.

„ פּראָקלאַמירט קאָמונע אין סען-עטיען.

„ פּראָקלאַמירט קאָמונע אין טולוז.

„ געפאַלן די קאָמונע אין ליאָן.

„ איבערגעגעבן די מיליטער-מאַכט און קאָמאַנדירונג מיט דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע דריי דעלעגאַטן — ברינועל, דיוואַל און עד — ביז גאַריבאַלדי וועט קומען קיין פּאַריזש.

26. פאַקטישע וואַלן אין פּאַריזשער קאָמונע.

„ געפאַלן די קאָמונע אין טולוז.

27. געפאַלן די קאָמונע אין סען-עטיען.

28. פייערלעך פּראָקלאַמירט פּאַריזשער קאָמונע. איר ערשטע זיצונג.

„ ערשטע פּראָקלאַמאַציע פון דער קאָמונע „צו די דאָרפס-לייט".

„ די בורזשואַזע מיטגלידער טרעטן אַרויס פון דער קאָמונע.

29. געפאַלן די קאָמונע אין נאַרבאָנע.

„ קאָנטער-צירקוליאַר פון דער קאָמונע, וואָס באַפעלט אַלע באַאַמטע בלייבן אויף זייערע ערטער און ניט אויספילן די פאַראָרדענונגען פון דער ווערסאַלער רעגירונג.

„ דעקרעט פון דער קאָמונע וועגן פאַרלענגערן דאָס אויסצאָלן דירע-געלט.

„ דעקרעט פון דער קאָמונע וועגן אָפּשאַפן קאָנסקריפּציע, אויסקויף-סיסטעם בא רעקרוטן

מאַרץ — 29. דעקרעט פון דער קאמונע וועגן אָפּשאפן אָבליגאטארישע מיליטער-דינסט און וועגן פרייוויליקן כאראקטער פון דער נאציאנאלער גווארדיע.
„ באפעל פון צענטראל-קאמיטעט איבערצווויילן דעם קאמאנדן-באשטאנד פון דער נאציאנאלער גווארדיע.
„ גרוסע, מיטגליד פון דער קאמונע, לייגט פאָר ארויסגעבן א דעקרעט וועגן פאַנאנדערלאזן די ווערסאלער פארזאמלונג.
30. ערשטע פראָקלאמאַציע פון דער קאמונע „צו פאריזשער באפעלקערונג".
„ דירעקטאר פון פּאָטשט ראמפּאָן אַנטלויפט קיין ווערסאַל, האגאַם ער האט צוגעזאגט בלייבן אף זיין פּאָסט.
„ באשטימט דעפּוטאטן פון דער קאמונע אלס דעלעגאטן: אפן פּאָטשט—טייס, אין באנק—בעלע.

אַפּריל — 1. די ווערסאלער הויבן אָן די בלאָקאַדע פון פאריזש.
„ אָפּגעשאפן דעם טיטול „הויפּט-קאמאנדיר" פון נאציאָנאלער גווארדיע.
„ באשלוס וועגן הויסאפּע-וואלן אין דער קאמונע, מאכמעס די רעאַקציאָנערע מיטגלידער האבן זיך אָפּגעזאגט פון זייערע פולמאכטן.
2. דעקרעט פון דער קאמונע וועגן נאָרמירן דעם ארבעט-לוין.
„ באשטימט קליוזערע פאר קריגס-קאמיסאר.
3. דעקרעט וועגן אפּטיילן די רעליגיע פון דער מעלוכע און אפּשאפן דעם בודזשעט פאר רעלי-גיע-היצטארכעסן.
„ ניט געלונגענער אנגריף פון די פאריזשער.
„ צוגעצויגן צום געריכט טיערס רעגירונג פארן באוואפנטן אופשטאנד אין פאריזש.
„ זעלבסט-געריכט פון די ווערסאלער איבער פלוראנסן, וואס איז פארכאפּט געווארן אין געפיינ-קעניש.
4. געפאלן די קאמונע אין מאַרסעל.
„ די ווערסאלער צעשיסן דיוואלן, דעם מיליטער-דעלעגאט פון דער קאמונע.
5. קאָנפיסקירט קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע צייטונגען אין פאַריזש.
„ באשלוס פון דער קאָמונע וועגן מיליטער-געריכטן איבער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן.
„ דעקרעט פון דער קאמונע וועגן אָרוועס-לייט.
6. באשטימט דעם גענעראל מאַק-מאַגאָן פאר הויפּט-קאָמאַנדיר איבער ווערסאַלער ארמיי.
„ ענטלאך פארברענט די לעצטע גיליאָטינע אין פאַריזש.
7. איינגעפירט אבליגאטארישע מיליטער-דינסט אין נאציאנאלער גווארדיע פאר אלע בירגער פון 19 ביז 40 יאר.
„ די ווערסאלער פארכאפּן די איבערגיינג איבער סענע.
8. טיער דערקלערט די „רוידעפּשאלעמניקעס", אז מיט פאריזש קאן ער ניט פירן קיינע אונטער-האנדלונגען וועגן שאלעם.
„ באפעל פון קליוזערע וועגן דיסציפּלין אין דער נאציאָנאלער גווארדיע.
9. די ערשטע באמבארדירונג פון פאריזש דורך די ווערסאלער, וואס האט אנגעמאכט גרויסע העזייקעס.
11. געגרינדעט „מיליטער-ראטן" פון דער נאציאנאלער גווארדיע.
12. די פּעדעראליסטן פארנעמען די באפעסטיקונגען פון בייע.
13. פראקלאמאציע פון די רוסישע נאראָדאָוואָלצעס מיט אויסדרוק פון מיטגעפיל צו דער פאַרי-זשער קאמונע.
„ באשלוס וועגן פארניכטן די וואנדאמער קאלאנע מיטן בילד פון נאפּאלעאָן I.
15. פארזאמלונג פון זשענעווער סעקציע פון אינטערנאציאנאל (אין זשענעווע), וועלכע האָט אויס-געארבעט א אדרעס פון מיטגעפיל דער פאריזשער קאמונע.
„ געזעץ וועגן אפּצאָל-טערמינען.
16. געגרינדעט „מיליטער-געריכטן".
„ געגרינדעט דער „גענעראל-קאנטראל".
„ פארזאמלונג פון אַנקעטן-קאמיסיע—פארשטייער פון ארבעטער-פארייגען.
„ דעקרעט וועגן איבערגעבן איבערגעלאזענע ווארשטאטן צו די ארבעטער-ארגאניזאציעס.
„ הויסאפּע-וואלן אין קאמונע.
„ פייערלאך פארניכטעט די וואנדאמער-קאלאָנע.

אפריל — 17. דעקרעט פון דער קאמיסיע פון געזעלשאפטלאכער זיכערקייט וועגן פארניכטן בעטלערייִ אין פאריזש.
" שלאכט אונטער אניער. דער צענטראל-קאמיטעט לייגט פאָר באזייטיקן דעם קריגס-קאמיסאר קליוזערע.
" די ווערסאלער פארכאפן דעם שלאָס פון בעקאָן. אניער עוואַקואירט זיך.
18. געזעץ וועגן מאַראַטאָריום.
19. אנטגילטיק רעדאגירט די דעקלאראציע פון דער קאמונע.
20. אפגעשאפן נאכט-ארבעט אין די בעקערייען.
" דעלעקליוז לייגט פאָר „ראדיקאל רעאָרגאניזירן די אויספיר-ארגאנען פון דער קאמונע״.
" די ווערסאלער פארנעמען דעם גאנצן ברעג פון סענע.
21. זיך אָנגעהויבן מאסן-אונטערזוכונגען בא דער ניט-מיליטערישער טייל פון דער באפעלקערונג.
22. געגרינדעט דער טריבונאל איבער פאליטישע איניאַנים.
23. געגרינדעט א קאמיסיע איבער פראָפעסיאָנעלער בילדונג.
" איבערגעריסן די אונטערהאנדלונגען וועגן אויסטוישן בלאנקין אף אנגעזעענע ארועס-לייט אין פאריזש.
24. רעקוויזיציע פון ליידיקע וואוינונגען.
25. די נאציאנאלע פארזאמלונג פארהאלט די פראדוקטן, וואס ווערן ארויסגעשיקט פון דער פראָווינץ קיין פאריזש.
" הויבט זיך אן דער שלאכט בא איססי.
26. דעקרעט פון דער קאמונע וועגן אָפּשאפן די סיסטעם פון שטראָפן.
" די ווערסאלער פארכאפן די באפעסטיגונגען בא איססי און פארנעמען די פאָרשטאט מולינאָ.
27. דעקרעט פון דער קאמונע וועגן אבליגאטארישע שטייערן אף גרויסע אונטערנעמונגען.
28. צווייטע פראקלאמאציע „צו די דאָרפס-ארבעטער״.
" די ווערסאלער פארנעמען דעם בייסאלמען און דעם פארק אין איססי.
" פראנק-מאסאנען ארדענען איין אף פאריזשער פארטן פארן ווערסאלער כאיעל א מאניפעסטאציע פאר שאָלעם.
30. ארעסטירט דער קריגס-קאמיסאר קליוזערע.
" אָפּגעשאפן שפּאָר-קאסעס.
" מוניציפאלע וואלן אין די שטעט פון פראנקרייך, וואס געבן נעגאטיווע רעזולטאטן פאר דער ווערסאלער פארזאמלונג.

מאַי — 1. באשטימט ראַסעלן פאר קריגס-קאמיסאר.
" ערשטע ארגאניזירטע ארויסטרעטונג פון דער „מינדערהייט״ אין קאמונע, מיט א פראָטעסט קעגן „דיקטאטאָרישער מאכט״.
" אָרגאניזירט דער קאמיטעט פון געזעלשאפטלאכער רעטונג.
" די ווערסאלער אַטאַקירן און פארנעמען די סטאַנציע קליאַמאַרט.
" באפעל וועגן קאמף מיט דעזערטירן.
3. פארהאלטן אָנגעלאדענע שיפן, וואס זיינען ארויסגעשיקט געווארן מיט פראָוויאַנט קיין פאריזש.
" די ווערסאלער פארנעמען מולען-סאַקע. ארויסגעהארגעט די שלאפנדיקע פעדעראליסטן.
5. צעשטערט די קאפליצע, וואס איז געווען אופגעבויט „אף אויסצולייזן די זינד פאר דער שטראף פון לודאָוויק XVI״.
6. פארמאכט 12 קאָנטר-רעוואלוציאנערע צייטונגען.
8. איינגעשטעלט א רעגלאמענט פאר די זיצונגען פון דער קאמונע.
9. געפאלן איססי.
" באשטימט דעלעקליוזן פאר קריגס-קאמיסאר.
" איבערגעוויילט דעם קאמיטעט פון געזעלשאפטלאכער רעטונג.
10. אנגענומען דער פארשלאג ארויסגעבן די ערשטע זאמלונג דעקרעטן און פאראָרדענונגען פון דער קאמונע.
" געעפנט די ערשטע ארבעטס-בירזשע.
12. רעאָרגאניזירט די „פאלאַטע פון ציווילן געריכט״.
" די ווערסאלער פארניכטן דאס קאַנאָנער-שיפל „Estok״.
" די פעדעראליסטן רייניקן אָפּ דעם פאָרט וואַנוו.

אינהאלט

זייט

פון רעדאַקציע 3
וו. פריטשע — פּאַריזשער קאָמונע 5
ל. דיובריייל — 18-טער מארט 20
" אף די באריקאדן 29
דעקרעטן און אופרופן 44
ע. ליסאגארע — דער ווייסער טעראָר 50
ארנו — די העלדן פון דער קאָמונע 55
א. טיורליאן — די קאָמונע און די פּראָווינץ 67
די פרוי אין דער פּאַריזשער קאָמונע 73
נ. לוקין — די פעלערן פון דער קאמונע און די סיבעס פון איר אומקומען 81
ל. טראָצקי — פּאַריזשער קאמונע און ראַטן-רוסלאנד 88
נ. לענין — וואס לערנט אונז די פּאַריזשער קאמונע 93
ק. מאַרקס — די קאָמונע—א רעגירונג פון ארבעטער-קלאַס 98
קאַלענדאר פון פּאַריזשער קאמונע 111

מאַי — 15. באַפֿעל וועגן דעם, אַז מע מוז באַ זיך שטענדיק האָבן אַ צייגניש.
„ פֿאַרגעלייגט דורכצופֿירן דעם פֿאַרשטייענדיקן קאָנגרעס פֿון אינטערנאַציאָנאַל אין פּאַריז.
16. צעשטערט טיערס הויז און רעקוויזירט זײַן פֿאַרמעגן.
„ די קריגס־קאָמיסיע פֿון דער קאָמונע ווערט פֿאַרביטן מיט דער קריגס־דעלעגאַציע פֿון צענטראַל־קאָמיטעט.
„ 22 מיטגלידער פֿון דער „מינדערהייט" גייען אַרויס פֿון דער קאָמונע.
17. פֿאַרמאַכט 10 רעאַקציאָנערע צײַטונגען.
„ באַשלאָסן צעשיסן 10 אַרוועס־לײַט, ווי אַ רעפּרעסיווער מיטל קעגן די צעשיסונגען פֿון די ווערסאַלער.
20. איבערגעגעבן דעם טעאַטער אין רעשות פֿון די בילדונג־אָרגאַנען.
„ באַשלוס וועגן סיסטעם פֿון רעפּערענדומען מיצאַד די אַרבעטער־קאָלעקטיוון.
„ באַפֿעל פֿונעם קאָמיטעט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג איבערגעבן צום געריכט די פּערזאָנען, וואָס ציען צו אין פּאַריז אַנהייבנגער פֿאַר טיערן.
21. אַמוראַ לייגט פֿאָר פֿאַרמאַכן אויף דער צײַט פֿון מילכאָמע אַלע צײַטונגען אין פּאַריז, אויסער דעם „אָפֿיציעלן זשורנאַל".
„ די ווערסאַלער רײַסן זיך דורך קיין סען־קלו, טרעטן אַרײַן קיין פּאַריז.
„ ביליאָרע אַנטלויפֿט פֿון קאָמיטעט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג.
22. ווערסאַלער רעגירונג קומט צו אַן הסכּם מיט דער דײַטשישער קאָמאַנדירונג וועגן פֿאַרנעמען די נייטראַלע זאָנע.
„ געגרינדעט אַ קאָמיסיע צו אָרגאַניזירן פֿרויען־שולן.
„ פּראָקלאַמאַציע פֿון קריגס־קאָמיסאַר דעלעקליוז, אַז די אַרמיי ווערט צעלאָזט און אַז מע גייט איבער צו קעמפֿן אויף באַריקאַדן.
„ אויסגעבויט באַנאַכט באַריקאַדן אין פּאַריז (586 באַריקאַדן).
23. די ווערסאַלער גייען דורך די נייטראַלע זאָנע כּדי צו פֿאַרנעמען מאָנמאַרטר און אַ קלאַפּ טאָן אונטן אַרום.
„ די ווערסאַלער פֿאַרנעמען די הייכן פֿון מאָנמאַרטר.
„ פֿאַרביטערטע שלאַכטן אויף פּאַריזער גאַסן.
„ צעשאָסן 4 אַרוועס־לײַט לויטן באַפֿעל פֿון ריגאָ.
24. עוואַקויִרט דאָס ראַט־הויז, וווּ די קאָמונע איז געזעסן.
„ די ווערסאַלער צעשיסן ריגאָ, קאָמיסאַר פֿון דער קאָמונע.
„ דאָמבראָווסקי באַגייט זעלבסטמאָרד.
25. די ווערסאַלער פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון באַסטיליע.
„ געשטאָרבן דער קריגס־קאָמיסאַר דעלעקליוז.
26. די ווערסאַלער פֿאַרנעמען סען־אַנטואַנער פֿאָרשטאָט און שאַפּעל.
27. שלאַכטן אויף די הייכן פֿון שאָמאָן און בעלוויל.
28. געפֿאַלן די לעצטע באַריקאַדע. סוף פֿון פּאַריזער קאָמונע.

יוני — 7. אַרעסטירט ראָסעל.
17. געגרינדעט די „ראַכמים־קאָמיסיע".

נאָיאַבר — 28. געהאַנגען 15 מיטגלידער פֿון דער קאָמונע.